STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02277

MIR ZAYNEN DO

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיר זײַנען דאָ

אנטיפאשיסטישער זאמלבוך

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

Редактор перевода— С. Годинер. Техред—М. Погостер. Корректор — М. Иткович. Сдано в произв. 4|III—35 г. Подписано к печати 7|IV—35 г. Ф. б. 82×110 1/32. 9 1/4 п. л. Уп Главлита Б—4220 „Эмес" № 43. Тираж 3000

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 302

אנדאַר גאבאָר

איינ וועלדל איינ אָוונט

— ניינ, אינ מײַנ שטאָט קאָנ איכ ניט פאָרנ צוריק. דאָס וואָלט געווענ צו ריזיקאליש. בעסער אינ אנ אנדער גרויסער שטאָט. איכ מוז אויכ באקומענ אנדערע פאפירנ אונ אנ אנדער אויסזענ. מײַנע וואָנצעס אונ מײַנע האָר דארפ איכ איצט מער ניט האָבנ.

— זיי זײַנענ געפאלנ אפ דײַנ שפור?

— זעסטו, דאָס ווייס איכ ניט גענוי. די געשיכטע איז, אייגנטלעכ, א גאנצ פאָשעטע, זי האָט אָבער קאָמפליקאציעס. צי זיי זײַנענ געפאלנ אפ מײַנ שפור, — דאָס הענגט אָפ דערפונ, צי פרעזע האָט מיכ ביז יענעמ אָוונט אינ וועלדל באוויזנ ארויסצוגעבנ אָדער ניט. דאָס הענגט אויכ אָפ דערפונ: צי איז ער שוינ געווענ פארינטערעסירט מיכ צו מאסערנ אָדער ער האָט דאָס געמוזט אָפלייגנ צוליב געוויסע מאָטיווני. האָסטו ניט קיינ אויסגאנג-פונקט, קאָנסטו דאָס ניט אָנטאפנ. פרעזע איז געווענ א שטילער, ווייניק באריידעוודיקער מענטש...

— פרעזע? דאָס איז זײַנ ריכטיקער נאָמענ?

— יאָ. דו קענסט אימ ניט. ער איז בא אונדז געווענ ניט לאנג. ער איז ארײַנגעטראָטנ ניט לאנג פאר די היטלער־צײַטנ, אינ 1932 יאָר. דאָס איז עפשער גוט אונ עפשער שלעכט. זינט מיר זײַנענ געוואָרנ אינגאנצנ אומלעגאל, האָט ער זיכ געהאלטנ גאָר אָנשטענדיק אונ האָט אלצ אויסגעפילט, ער האָט זיכ ניט אָפגעזאָגט פונ קיינ אופגאבע. צי עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דרוקנ, טראנספּאָרט אָדער פארשפרייטונג, ער פלעגט זיכ נעמענ דערצו ניט ריידנדיק

א וואָרט. ער האָט אויך געוואָלט זיך לערנען. מײַן ערשטער באַנד לעגינס, פון דער קליינער פּאָלק־אויסגאַבע, איז נאָך בײַ אים, דאָס הייסט, ס׳איז געבליבן אין זײַן וווינונג. אָבער איך מוז דיר דער־ציילן קעסיידער, אַניט וועסטו ניט פאַרשטיין.

עס האַנדלט זיך וועגן אַ קליינעם זאַוואָד, וואָס באַאַרבעט מעש־און אַליומינ־בלעך. ביז אַפּרעל, אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט מען דאָרטן אויסגעאַרבעט 330 קאָנסערוון־פּושקעס. ניט איבעריק פיל, דער געשעפט האָט געפּלאַצט. אָבער פון אַפּרעל האָט מען די מאַ־שינעס איבערגעשטאַט אויף אויסאַרבעטן סאָלדאַטסקע קעסעלעך און פעלד־פלעשער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט פאַר דעם איצטיקן רײַכסווער — דער רײַכסווער האָט שוין גענוג די דאָזיקע קיילים, אפילו פאַר אַ פאַרדרײַפאַכטן באַשטאַנד. געהייסן האָט דאָס, אַז ס׳איז אַ באַשטעלונג פאַר אַ גרויסער ספּאָרט־פירמע, אָבער דעם סאָד איז מען געוואָר געוואָרן גלײַך באַם אָפּליפערן די ערשטע פאַרטיע, ווען עס זײַנען אָנגעקומען שטורמאָוויקעס אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן און האָבן אוועקגעפירט די זאַכן צו זיך אין די סקלאַדן. מע באַהאַלט זיך איצט ניט שטאַרק מיט אַזעלכע זאַכן. אין „זאַוואָד", אויב דו ווילסט אַזוי אָנרופן די דאָזיקע בודע, האָט מען פאַרגרעסערט דעם באַש־טאַנד אַרבעטער, געהעכערט די טאָג־נאָרמע, די שנעלקייט פון די מאַשינעס, דעם קאָנטראָל. אַלץ האָט מען געהעכערט, נאָר דעם אַר־בעטלוין האָט מען פאַרגעסן העכערן. די אַרבעטער, כאָטש זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ טאָפּעלע פּראָדוקציע, פלעגן פאַרדינען צוויי מאַרק, צוויי מאַרק דרײַסיק פעניג דעם טאָג. דאָס נאַצי־קעמערל „האָט גע־נוי באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם אַרבעטלוין", ווי מע זאָגט דאָס איצט, און האָט אָנגענומען פּאַטריאָטישע באַשלוסן, אַז די אַרבע־טער, נעמענדיק אין אַכט דעם כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע, ווילן ניט אַרויסשטעלן קיין לוין־פאָדערונגען, דאָס קעמערל מאַכט נאָר אויפמערקזאַם די פירמע... און אַזוי ווײַטער, פאַרשטייסט דאָך שוין! דאָס האָט ווידער אויפגעדעקט, פאַר וועמען עס איז באַש־טימט די פּראָדוקציע. זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן זייער אייגענעם ליגן וועגן דער ספּאָרט־פירמע.

אונדזערע כאַווײרים האָבן געאַרבעט אינעם זאַוואָדל גאַנץ גע־

שיקט. ניט נאָר זיי האָבנ אויסגענוצט די אומצופרידנקייט אזוי, אז קיינער האָט זיכ ניט געקאָנט כאפנ ווער ווארעמט דאָס אונטער די אומצופרידנקייט, נאָר זיי האָבנ אויכ געזאָרגט פאר דעמ, אז מע זאָל וואָס מער ריידנ וועגנ מילכאָמע. אלזאָ, פונדעסטוועגנ מילכאָמע? ווענ? קעגנ וועמענ? צוליב וואָס? דאָס אלצ האָט מענ געטאָנ זייער פאָרזיכטיק אונ פונדעסטוועגנ מיט גרויס דערפאָלג. קיינ איינ איינציק מאָל האָט מענ די כאווירימ ניט געכאפט. דאָס ערשטע וואָרט וועגנ שטרייק איז ארויסגערעדט געוואָרנ דאפקע אינעמ נאצי-קעמערל גופע. קענסט זיכ פאָרשטעלנ, ווי זיי האָבנ דאָס דערשטיקט.

מיר האָבנ זיכ דערוווסט, אז אינעמ זעלבנ באצירק פארנעמענ זיכ נאָכ צוויי קליינע אונטערנעמונגענ מיט די זעלבע באשטעלונגענ פאר דער זעלבער פירמע, אונ די ארבעטער ארבעטנ דאָרטנ בא די זעלבע באדינגונגענ אָדער נאָכ בא ערגערע. דאָרטנ האָבנ מיר געהאט אינ איינ אונטערנעמונג צוויי כאווירימ, אינ דער צווייטער — איינ כאווער, אָבער א סאכ געוועזענע סאָציאל-דעמאָקראטנ, וואָס האָבנ מער ניט געוואָלט האָבנ קיינ פארבינדונג מיט זייער פארטיי. מיר האָבנ געוואָלט מאכנ אזוי, אז אלע דריי פרעסנ זאָלנ זיכ אָפשטעלנ אינ איינ וואָכ. די נאציס לאָזנ ניט דורכ קיינ ידיעס וועגנ שטרייקנ, אינ דער פרעסע שרייבט מענ וועגנ דעמ ביכלאל ניט, אָבער ווענ אינ איינ באצירק שטרייקנ מיטאמאָל דריי אונטערנעמונגענ, ווייס מענ שוינ דערפונ אינ אלע ארבעטער-הייזער. דאנ רעדט מענ שוינ אויכ וועגנ דעמ, וואָס מע ארבעט אויס אינ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ. דאָס איז א דאנקבארע טעמע, יעדערער קאָנ וועגנ דעמ עפעס זאָגנ.

פלוצלינג אָבער האָט זיכ פארשאָטנ עריכ ווינדאו, איינער פונ די כאווירימ, וואָס האָט געארבעט צוזאמענ מיט פרעזענ. ער איז ארעסטירט געוואָרנ אינ דער היימ, אונ אינעמ הויז, וווּ ער וווינט, האָט מענ דערביי אונטערגעזוכט נאָכ דריי--פיר וווינונגענ. מע האָט קיינ זאכ ניט געפונענ, בא ווינדאו האָט מענ אויכ גאָר נישט געפונענ, פונדעסטוועגנ איז ער געבליבנ שטעקנ. איצט טוט דאָס די פאָליציי א ז ו י, דערמיט דעקט זי דעמ שפיק. מיר האָבנ אויכ קיינ זאכ ניט כוישעד געווענ, עס קומענ דאָכ איצט פאָר אזוי אָפט

הויז-אונטערזוכונגען און ארעסטן. דער פּאָדעם האָט זיך אָפּגעריסן, אין דער אונטערנעמונג האָט מען מער קיינעם ניט געטשעפּעט און וואָס מע האָט געוואָלט בא ווינדאו ארויסבאקומען בייסן פארהער, דורך פּײַניקונג, דאָס האָבן מיר זיך ניט דערוווּסט. איצט זײַנען ניטאָ קיין אדוואָקאטן, וואָס האלטן אונטער א פארבינדונג מיט אן ארעסטירטן ארבעטער און דערוויסן זיך עפּעס פון אים. ער פארשווינדט אין א לאגער, און עס איז גוט, אויב שפּעטער, צופעליק, באקומט זיך פון אים עפּעס א ידיעה. די פאמיליע ווייס אָפּטמאָל ניט וואָכנלאנג, וואָס עס איז געוואָרן מיט איר שפּײַזער. די פרוי פּאטערט מען אָפּ מיט אזוינע פראגן: „קאָנט איר אָנווײַזן, וועלכע פּאָליציי איז בא אײַך געווען? די פּאָליטישע? נו, זעט איר! דאן געהערט דאָס ניט צו אונדז. עפּשער איז דאָס געווען א ספּעציעלע שטורעם־אָפּטיילונג? איר זײַט א נארישע פרוי, איר קאָנט דאָס גאָרניט אונטערשיידן. עפּשער איז דאָס ביכלאל ניט געווען קיין פּאָליציי? עפּשער האָט אײַער מאן געהאט סאָנים און זיי האָבן אים פארשלעפּט! אזעלכע זאכן טרעפן זיך. נו, אלזאָ! מיר וועלן שוין די זאך אויספאָרשן און אײַך געבן צו וויסן". אזוי קומט דאָס איצט פאָר.

אָבער פארן אָנהייב פון שטרײַק איז צו מיר געקומען דער צווייטער כאווער פון דער אונטערנעמונג, פראנץ פליגער, דו קענסט אים אויך, און ער האָט מיר דערציילט, אז פרעזע האָט עטלעכע מאָל גערעדט וועגן דעם, אז מע זאָל צוזאמענרופן אלעמען, וואָס באטייליקן זיך אקטיוו אין צוגרייטן דעם שטרײַק, דאָס הייסט די, וואָס מע קאָן רעכענען פאר „אונדזערע מענטשן", קעדיי די זאך בעסער אָרגאניזירן. אנדערש איז דאָס אלץ ניט זיכער און אומבאשטימט. „אניט וועט גאָרנישט ניט ארויסקומען, דו וועסט זען, עס וועט נישט ארויסקומען, מערניט, וואָס מע וועט אונדז ארויסוואַרפן, אויב עס וועט ניט זײַן נאָך ערגער. ווער ווייס, וואָס פאר א מענטשן דאָס זײַנען, צי מע קאָן זיך אָפּ זיי פארלאָזן אָדער ניט. מע מוז זען, מיט וועמען מע האָט צו טאָן". די דאָזיקע נײַגעריקײַט, אין צוזאמענהאנג מיט ווינדאוס ארעסט, האָט זיך, יעדנפאלס, געוואָרפן אין די אויגן. וואָס הייסט דאָס? פארוואָס וויל ער זיך באקענען מיט מער כאווײרים, ווי דאָס איז אומבאדינגט נייטיק פאר

דער אַרבעט? ביז דאַנ האָט ער געקענט אַלס קאָמוניסטנ בלויז ווינדאו, פֿליגערנ אונ מיכ. צום באַדויערנ, האָט ער אויכ געוווּסט מײַנ אַדרעס. דאָס איז געווענ גאָר אַנ איבעריקע זאַכ. אָבער עטלעכע טעג פֿאַר יענעמ אָוונט האָט מענ געמוזט אָפּציִענ אַ פֿלוג-בלעטל אינ מײַנ וווינונג. עס איז געווענ דרינגענדיק, אונ עס איז קיינ שומ אַנדער מעגלעכקײַט ניט געווענ.

נאָכ דעמ, ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט דעמ דאָזיקנ מערקווירדיקנ ווונטש צו באַקענענ זיכ מיט די אַנדערע, האָב איכ דורכ פֿליגערנ באַשטעלט אימ אַפֿ אַ טרעפֿ־פּונקט. איכ האָב אָבער אָפּגערעדט מיט פֿליגערנ, אַז ווענ ער וועט קומענ אַהינ, זאָל ער אימ זאָגנ, אַז איכ האָב ניט געקאָנט קומענ אַפֿ דעמ טרעפֿ־פּונקט אונ איכ וואַרט אַפֿ ביידנ אינ וועלדל באַ דער באַנ־דאַמבע, ווו עס שטייענ די דרײַ ריזיקע דעמבנ מיטנ אופשריפֿט וועגנ זייער עלטער. אינעמ פֿאַל, אויב ער האָט פֿאַרשאָטנ דעמ טרעפֿ־פּונקט, וועט ער אינ וועלדל אַרײַנ ניט קאָנענ מיטנעמענ קיינ „שאָטנ", ווײַל אַפֿ דער גאַס, וואָס גייט אַהינ, איז ווינטער ניטאָ קיינ שומ באַוועגונג. אויב עמעצער וואָלט נאָכגעגאַנגענ, וואָלט מענ אימ גלײַכ דערהערט אונ דערזענ. קיינ הונדערטפּראָצענטיקע זיכערקײַט איז דערבײַ אויכ ניטאָ, אָבער איכ האָב געמוזט דורכריידנ זיכ מיט פּרעזענ, איידער מיר האָבנ אָנגעהויבנ דעמ שטרײַק. אַניט וואָלט מענ נאָכ בייסנ שטרײַק געקאָנט אַרעסטירנ אַלעמענ, ווער עס האָט מיט אונדז געהאַט צו טאָנ. דאָס וואָלט געווענ אַ מיִעסע מײַסע, די מענטשנ וואָלטנ פֿאַרלאָרנ דעמ צוטרוי צו אונדז.

פֿליגער איז געקומענ צוזאַמענ מיט פּרעזענ. דער מענטש איז געווענ נערוועז, דאָס האָט מענ געזענ. ווענ זיי זײַנענ פֿאַרבײַגעגאַנגענ פֿאַרבײַ אַ גאַסנ-לאַמטערנע, האָב איכ געזענ, ווי ער האָט אַ וואָרפֿ געטאָנ זײַנ פּאַפּיראָס אונ האָט זיכ מיט דער לינקער האַנט געצופּט די וואָנצעס. זײַנ געזיכט איז געווענ פֿאַרקרימט אונ דערשראָקנ. ס'וואָלט אָבער געווענ לעכערלעכ אָנצונעמענ דאָס פֿאַר אַ באַווײַז. זײַנ ווונטש צוזאַמענצורופֿנ די באַטייליקטע כאַוויירים איז אַפֿילע געווענ פֿאַרדעכטיק, אָבער דאָס איז אויכ ניט קיינ באַווײַז. אַ מענטש, וואָס איז באַ אונדז איינגאַנצנ אָנדערהאַלבנ יאָר, קאָנ

פאָרלייגנ אַזעלכע נארישקייטנ פּאַשעט פונ ניט־דערפאַרנקייט. עס איז אויכ מעגלעכ געווענ, אַז ווינדאוס ארעסט איז טאַקע געווענ א צופאַל. געגוי אָפּשאצנ קאָנ מענ דאָס אַלצ ערשט שפּעטער. אָפּטמאָל נארט אָפּ א שאָטנ, דו קאָנסט זיכ גאָר ניט פאָרשטעלנ די איצטיקע אַטמאָספער אינ א דייטשישער אונטערנעמונג — אינ גרויסע אונטערנעמונגענ איז אַפילע דער קאָנטראָל אונ דער שפּיאָנאַזש א סאַכ שטאַרקער, אָבער איינ מענטש קאָנ דאָרטנ לייכטער פארשווינדנ אינ דער מאַסע. א קליינע אונטערנעמונג איז אָבער א גענעם. איינער האָט פאַרדאַכט אָפנ צווייטנ. אָט איבער דעמ, וואָס עס זיינענ פּאַראַנ אַזוי פיל פאַלשע נאַציס, קאָנ זיכ נאָר א גוט געניט אויג אָריענטירנ. אינ אַזא מינ נאַצי־קעמערל זיינענ עפּשער פּופּציק מאַנ ווער ווייס וואָס פאַר א קאָשערע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטנ, מע וואָלט געקאָנט מיינענ, אַז זיי האָבנ אַלע אַראָפּגעשלונגענ דעמ „פעלקישנ בעאָבאַכטער” אונ ער רעדט פונ זיי ארויס, אונ עס קאָנ זייער מעגלעכ זיינ, אַז צווישנ זיי איז אַפילע ניטאָ קיינ צענ „עכטע”. אונ ווידער איז גאָר ניט אַזוי לייכט ארויסצוגעפינענ דעמ שפּיאָנ צווישנ די איבעריקע פערציק.

פרעזע איז אַלזאָ צוגעגאַנגענ מיט פליגערנ אונ זאָגט האַסטיק:

„לאָמיר דאָס מאַכנ קורצ. דאָ איז ניט קיינ גוטער טרעפּ־פּונקט פאַר דרייענ, א צו פאַרלאָזנ אָרט, וואַרפט זיכ אינ די אויגנ. ווענג וואָס האַנדלט זיכ? דער שטרייק וועט זיינ אָדער ניט?”

„וואַרט א ביסל, — זאָג איכ, — אַזוי שנעל שיסנ ניט די פרייסנ. איכ ווייס ניט, צי דו האָסט דאָס באַמערקט: די געשעפטנ גייענ שוינ א געווויסע צייט עפּעס קרומ”.

„יאָ, איכ האָב אויכ אַזוי געטראַכט, עס גייט נאָכ ניט, מע מוז די מענטשנ...”

„לאָז צורו, איידער מיר וועלנ עפּעס טאָנ, מוזנ מיר האַלטנ די אויערנ אָפנ”.

„דאָס מוז מענ סיי־ווי־סיי, דאָס מוז מענ שטענדיק...”

„איצט אָבער באַזונדערס. עמעצער צווישנ אונדז מוז זיינ ניט אינ אָרדענונג”.

„ווי? וואָס מיינסטו? עפּשער א...”

„יאָ, דאָס מיינ איכ טאקע".

„וואָס ווייסט איר? איז ער בא אונדז אָדער אינ די אנדערע צוויי בודעס?"

„בא איַיכ", — האָב איכ געזאָגט אונ געפּרוּווט אריַינקוקנ אים אינ די אויגנ. אונטער די דעמבעס איז אָבער געווענ זייער טונקל.

דאָ האָט זיכ אריַינגעמישט פליגער. ער האָט ביז דאנ ניט אופגעעפנט דאָס מויל:

„בא אונדז, פריצ, בא אונדז".

ווי געזאָגט, איז געווענ טונקל. נאָר פונוויַיטנ האָבנ די גאסנלאמטערנעס פארשפּרייט א ביסל ליכט, וואָס איז אָבער ניט ארונטערגעגאנגענ אונטער דיביימער. פונ דער באנ־דאמבע האָט זיכ געזעענ א גרינער אונ א רויטער ליכט־שטראל פונ סעמאפאָר. ס'איז געווענ קאלט, ס'האָט געשמעקט מיט נאסע בלעטער. מיר זיַינענ געשטאנענ הארט איינער נעבנ אנדערנ, געערדט שטיפינקערהייט. אלצ האָט אויסגעזעענ ניט היימלעכ. אונ נאָכ מער ניט היימלעכ איבער דער טעמע.

„האָט איר א באשטימטנ פארדאכט", — האָט געפרעגט פרעזע.

„ניינ, אָבער דו קענסט אויסרעכענענ אפ די פינגער, ווער קומט דאָ איבערהויפּט אינ באטראכט. דו דארפסט דערצו אפילע ניט מער ווי פיר פינגער. נאָר זאלבעפערט האָבנ מיר געוווסט איינער פונעמ אנדערנ. דו דארפסט אפילע ניט די פיר פינגער, וויַיל ווינדאו איז שוינ ארעסטירט..."

פרעזע האָט געזאָגט מיט א געשטיקטנ קאָל:

„אינ די רוסישע ביכער האָב איכ געליינט, אז גראָד דעמ פלעגנ זיי אָפּטמאָל ארעסטירנ... אזוי, בעקיוונ".

דאָ האָט פליגער ארויסגעזאָגט א ניט־פאָרזיכטיקנ געדאנק:

„ווינדאו איז געווענ אנ אָרנטלעכער כאווער. ער איז געווענ נאָכ בא די ספּארטאקיסטנ". דערמיט האָט ער אימ געגעבנ צו וויסנ, אז ער מיינט דאָס אימ. די מייַסע מיט די ספּארטאקיסטנ, צו וואָס האָט ער דאָס ביכלאל דערמאָנט? עפּשער האָט פרעזע וועגנ דעמ גאָר ניט געוווסט?

פרעזע זאָגט הייזעריק, האַגאַמ ער באַמיט זיך מיט אַלע קרעפטן — דאָס האָט מען געהערט — צו בלײַבן רויק:

„וואָס וועלן מיר מאַכן מיט אים, ווען מיר וועלן אים האָבן? ווען עס וועט זײַן זיכער?"

די פראַגע איז געבליבן הענגען אינדערלופטן.

„מיר וועלן אים אַוועקלייגן אַפּ קאַלט?"

דאָ האָט פּאַסירט אַן אומדערוואַרטע זאַך. איבערהויפּט איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלינג און שנעל, אַז איך האָב ערשט שפּעטער געקאָנט פאַרשטיין קלאָר, וואָס דאָ איז געשען. ער האָט אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט אונטערן נאָז און דערנאָך אַרײַנגעדרוקט די האַנט אין קעשענע. דאָס האָט מען ניט געזען אַזוי קלאָר, ווי איך דערצייל דאָס, דאָס האָט מען בלויז געפילט, מיר זײַנען געשטאַנען אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן. מע האָט געשפּירט די באַוועגונג און איך האָב געמיינט, אַז ער נעמט אַרויס זײַן נאָזטיכל, קעדיי אָפּצווישן די נאָז. אין דעם זעלבן מאָמענט איז פאַרבײַגעפלויגן אַ שנעלצוג און האָט אַ וואָרפּ געטאָן אַ שוואַכן שײַן פון זײַנע פענצטער. און פרעזע האָט אויסגעשריִען מיט די גאַנצע קויכעס:

„ראַטעוועט!"

דעם געשריי האָט מען ניט געהערט. דער גערויש פון צוג האָט אים פאַרהילכט. פונדעסטוועגן האָט מיר דער געשריי אַרײַנגעשניטן זיך אין מויעך. איך האָב נאָך דערזען דעם ברייט אויפגעעפנטן מויל און איך האָב אים אַ נעם געטאָן פאַרן גאָרג. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געשריִען צוליב דעם, ווײַל פליגערס האַנט האָט אָנגערירט זײַן האַנט, און ער האָט געמוזט מיינען, אַז פליגער ווייס, וואָס ער האָט אין האַנט, אָבער אין דעם מאָמענט האָט דאָס פליגער געוווּסט ניט מער פאַר מיר. ווען איך האָב אים אָבער אַ נעם געטאָן, איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן אַפּ דער ערד. עס האָט זייער לײַכט אַ קלאַפּ געטאָן, ווײַל די ערד אין וועלדל איז געווען גאַנץ ווייך. פליגער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַ זאָג געטאָן פון אונטן:

„אַ בראַונינג".

דאָ האָב איך שוין דעם גאָרגל ניט אָפּגעלאָזן. עס איז געווען... עקלהאַפטיק.

— און נאָכדעם, כאַווער?

— אפ מאָרגן האָט זיך פֿליגער געמאָלדן קראַנק אין זײַן אונטערנעמונג. ער האָט זײַן אַרבעט איבערגעגעבן אַ מיטפֿילנדיקן, וואָס מיר האָבן אים שוין פֿריִער געוואָלט אַרײַנציִען אין דער אַרבעט, און אַליין האָט ער פֿאַרלאָזן די שטאָט. איך האָב אויך געטאָן דאָס זעלבע נאָך דעם, ווי איך האָב באַזאָרגט אַלדאָס נייטיקע. די פּאָליצײ האָט אָנגעהויבן זוכן פּרעזען ערשט אין אַ וואָך אַרום. ער האָט ניט געהאַט קיין מישפּאָכע, וואָס זאָל מעלדן, אַז ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ווײַזט אויס, אַז ער פֿלעגט „געבן באַריכטן" נאָר אין באַשטימטע טעג. אין דער פֿאַבריק איז געקומען אַ באַאַמטער און האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אפ פּרעזען און פֿליגערן. דאָס האָב איך זיך דערוווּסט דורך פֿאַרבינדונג-לײַט פֿון דער אונטערנעמונג, וואָס האָבן אויך שפּעטער ניט געהאַט קיין אַנונג, וואָס מיט פּרעזען איז געשען. פֿון דעם דאָזיקן באַזוך פֿון דער פּאָליצײ קאָן מען זען, אַז פּרעזע האָט שוין פֿליגערן פֿאַרשאָטן פֿריִער, אַז די פּאָליצײ האָט שוין דעם דאָזיקן פּאָדעם געהאַט. פּרעזען האָט מען נאָך ביז איצט ניט געפֿונען... וואָלט מען אים געפֿונען, וואָלט מען וועגן דעם געשריבן אין דער צײַטונג. דאָרט דערבײַ, אין די קוסטעס, איז איבער אים אָנגעשאָטן געוואָרן בלעטער און איצט עפּשער אויך שניי. צי ער האָט מיך אויך אַרויסגעגעבן, ווייס איך ניט, ווײַל איך האָב געוווינט אין אַ ראַיאָן, וווּ קיינער האָט מיך ניט געקענט, און איך האָב דאָרטן ניט געהאַט קיין פֿאַרבינדונג. עפּשער האָט ער ניט געהאַט קיין צײַט דערצו. אויב ער האָט ניט אָפּגעגעבן קיין „באַריכט" זײַן „שעף" אין דער צײַט צווישן זײַן באַזוך בא מיר און דעם אָוונט אין וועלדל, איז מעגלעך, אַז ער האָט מיך ניט פֿאַרשאָטן, ווײַל דער נאָמען אַליין, אונטער וועלכן ער האָט מיך געקענט, דער נאָמען אָן דעם אַדרעס האָט גאָרנישט געזאָגט. איך האָב באַקומען געזידלט פֿאַר מײַן וווינונג. עס איז בעעמעס געווען לײַכטזיניק, אָבער איך האָב קיין ברירע ניט געהאַט.

— און דער שטרײַק, כאַווער?

— יאָ, יאָ, דאָס איז די הויפּטזאַך. דער שטרײַק איז געגאַנגען גוט. צוערשט איז געקומען די פּאָליצײ און האָט אַרעסטירט, ניט אײ־

בערקלײַבנדיק, בא א טוצ מענטשנ, ניט איבערקלײַבנדיק, ווי גע-
זאָגט. דערפונ זעט מענ, אז זי האָט גאָרנישט געוווסט. דערנאָכ
האָבנ די שטורמאָוויקעס באַזעצט די אונטערנעמונגענ. דאָס איז
גראָד געווענ א גליק. זיי האָבנ געוואָלט אומבאדינגט לאָזנ
אינ גאנג די פאבריקנ, אונ זיי האָבנ טייקעפ קאליע געמאכט א פאָר
מאשינעס אונ קאליע געמאכט גאנצ גרינטלעכ. האָבנ דעריבער די
אונטערנעמער גלײַכ געוואָלט פאָטער ווערנ פונ די דאָזיקע געשמאַ-
קע מיטהעלפער. הינטנארום האָבנ זיי געפירט אונטערהאנדלונגענ מיט
די ארבעטער אונ האָבנ געגעבנ א הויסאָפּע: 10 פעניג אַ א שאָ.
דאָס מאכט אויס 80 פעניג א טאָג, קימאט 5 מארק א וואָכ. א באַ-
שיידענער שריט, אָבער א דערפאָלג איז דאָס. פארשטייסט, די בור-
דעס זײַנענ געוויסערמאסנ געווענ „מיליטערישע אונטערנעמונגענ“,
אינ קליינעמ מאסשטאב, אָבער דאָכ. אינ אזעלכע גייט דאָס
אויכ, ווי דו זעסט. עס גייט.

ס. גלעז

אינ דער איבערגאנג־צייט

„קארלענ, הייסט דאָס, האָבנ זיי הײַנט אינדערפרי צוגענומענ! א מיִעסע געשיכטע! זאָל איכ עפעס פאָרנעמענ?! עס וועט גלײַכ אופאלנ! געוויס שפירט מענ מיכ נאָכ!

זיי האָבנ אויכ קארלענ צוגענומענ! — איר פארשטייט? די דאָזיקע פארשאָלטענע אומזיכערקײַט!.. אויב איכ וועל הײַנט ניט קומענ, וווהינ מע לאַדט מיכ אײַנ, וועט...".

פראנצ לויפט ארום הינ אונ צוריק. ער איז בלאס, האלט א פאפיראָס אינ די ליפנ אונ קוקט נאָכ נאָכנ רויכ. — „גיינ, ניט גיינ, גיינ"...

— גיינ... צו זיי אינ די לאפעס ארײַנ...

— איכ גיי!

פראנצ טוט אָנ דאָס היטל אונ גייט, אפ די טרעפ טראכט ער וועגנ הילדענ: מע דארפ אייגנטלעכ וועמענ פונ זיי געבנ צו וויסנ— ער בלײַבט שטיינ, טרייבערט נאָכאמאָל איבער זײַנע קעשענעס. טריט פונ א פרוי רײַסנ איבער זײַנ ארבעט. אירע הויכע קנאפל קלאפנ לענגויס דעמ קאָרידאָר. ער באטראכט זי. זי איז קליינ, געלאסנ, אָנגעטאָנ אינ א טונקל-בלויענ מאנטעלע, א ווײַס היטעלע מיט א זומער־פויגל זיצט קרומ איבערנ לינקנ שלייפ.

„איכ מוז אָנקלינגענ צו הילדענ!"

גייענדיק צערײַבט ער עפעס צווישנ די פינגער אונ ווארפט עס ארויס פאָרזיכטיק. זײַנ בליק נעמט ער ניט אראָפ פונ דעמ מיידלס פיס: קורצ אונ זיכער טרעטנ זיי.

„א ראכמאָנעס אפ קארלענ!"

פראנצ זעט א קאמער אונ שלעגער מיט ברייטע אקסלענ מיט גומענע דרענגלעכ אינ די הענט.

„ניט צעלאָזנ די נערווּנ!“

ער פארשפיליעט דעמ זשאקעט פונ אויבנ אונ גייט האסטיקער דורכ די גאסנ.

נעענטער צומ בילאָוו־פלאצ ווערט אימ ניט היימלעכ. ער טרעפט איצט אלצ מער ברוינע. צוויי ארבעטלאָזע גייענ פאר אימ. איינער האלט א שטעמפל־קארטע פונ דער ארבעט־בירזשע אונ לייענט פונ א קליינ צעטעלע. „ארבעטדינסט־לאגער“, הערט פראנצ. ער קערט זיכ אומ אונ קוקט אָנ דעמ יונגנ, הויכנ מענטשנ.

— צו מיר זאָלנ זיי קומענ דערמיט! — זאָגט דער צווייטער. — איכ פייפ דערופ! איכ לאָז זיכ ניט שפּײַענ אינ דער קאשע! עסנ קרויט — אונ „דײַטשלאנד ערוואכ“!

— מענטש איינער, האלט דעמ פיסק! — ברומט דער לאנגער אונ רוקט אראָפּ זײַנ בלוי היטל איבער די אויגנ...

די פאָלקס־בינע שטייט נאָכ אלצ ווי פריער. מאָדנע קאָמיש... די גאסנ דאָ זײַנענ נאָכ אלע ווי פריער. אנטקעגנ איז דאָס קארל ליבקנעכט־הויז, אויבנ הענגט די רויטע פאָנ, אונ נאָר ווענ דער ווינט טוט א בלאָז, זעט מענ אפ דער פאָנ א ווײַסנ אונטערגרונט מיט א קרייצ, וואָס אפ אימ בלוטיקט דײַטשלאנד!..

„מענטש איינער, א געהעריקע פאָזע, געמאָסטענע טריט, האלטנ זיכ מיט ווערדע! — ווענ וואָס האנדלט זיכ?“

אינ פראנצנ קאָכט. דערלאנגענ ווּעמענ אינ פיסק, דאָס וואָלט געווענ דאָס בעסטע. אָט דעמ דאָזיקנ נעפּעש מיט די בדילנ, וואָס גייט אימ אנטקעגנ, ער איז אזוי העל־בלאָנד אונ ענלעכ צו דעמ אמאָליקנ עלטערנ לערער זײַנעמ...

דאָ איז אמאָל געווענ אנ ארבעטער־לאָקאל. דאָס איז געווענ פאראיאָרנ... ווי שטומ ס'איז געוואָרנ די גאנצע געגנט...

אָט איז ער לעמ קארל ליבקנעכט־הויז. ער איז בלייכ. אפ זײַנ פּאָנעמ באווײַזט זיכ א העפּלעכ וואזשנע מינע. נאָכאמאָל ברענגט ער אינ אָרדענונג זײַנ קראגנ אונ זײַנ בינדע, הייבט אופ די אקסלענ אונ גייט ארײַנ אינ... האָרסט וועסעל־הויז...

ער ווײַזט זײַן אײַנלאַדונג.

— אהא! איר זײַט דאָך דאָ געווען באַקאַנט מיט אַלץ! — און נאָך איידער פֿראַנץ באַוויזט עפֿענען זײַן מויל: — נו, יאָ, מיר פֿאַרשטייען דאָך!

— אַנטשולדיקט, אָבער...

— יאָ, יאָ, צימער 325, ווו עס איז פֿריִער געווען גאַלקע, מײַן הער!

— אין וועלכן שטאָק, דערלויבט מיר צו פֿרעגן.

— דאָס וועט איר איבערלייענען — 325, דריטער שטאָק!

פֿראַנץ גייט.

„דאָס הייבט זיך גוט אָן, טראַכט ער, איך האָב גאָרניט גע־דאַרפֿט גיין, ס'אַרא אייזל איך בין! — אָט דאָס איז דאָס טאַקע!"

ער ווערט ווידער דער העפֿלעכער זון פֿון אַן אָנשטענדיקער באַ־לעבאַטישער פֿאַמיליע, וואָס ער איז געווען אַמאָל אַ סאַך פֿריִער, שוין גאָר לאַנג: „דערלויבט, פֿראַנץ לאַמייער, מײַן פֿאָטער — דער קאַנצע־ליאַריע־פֿאַרוואַלטער לאַמייער!" — ווען ער דערמאָנט דאָס, גלײַכט זיך אויס זײַן קערפּער און ער גייט ווײַטער מיט געמאָסטענע טריט...

פֿאַר דעם צימער 325 שטייט ער אַ ווײַלע ניט־אַנשלאָסן.

„דער בערלין־בראַנדענבורגער באַצירק־קאָמיטעט איז דאָ געווען אַמאָל, — טראַכט ער, — און די כאַווערטע..."

פֿון צימער גייט אַרויס אַ בלאָנדע מיידל מיט פּויפֿע באַקן.

ער קלאַפּט אָן.

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר?

פֿראַנץ ווײַזט זײַן אײַנלאַדונג.

— אַ ווײַלע!

— ביטע, ביטע!

זיי ריידן ניט קיין סאַך די כעווריע.

דער באָכער דריקט אָן אַ קנעפּל אויפֿן טיש. אַ טיר עפֿנט זיך, אַ גלאַט צוגעקעמטער הער גייט אַרײַן אין צימער: „אײַנלאַדונג נו־מער... הער לאַמייער".

— ביטע!

הינטער אַ שרײַבטיש, האָבנדיק איבער זיך דעם „גאָט־געזאַנדטן",

וואָס ווײַזט צום הימל, מיט אַן אונטערשריפט „צו אײַך איז געווענדט זײַן גרויסער געבאָט, זײַן געטרײַ און דײַטשיש ווי ער" — זיצט מיט אַ ציגאַר אין מויל דער הער באַאמטער.

— איר זײַט הער לאַמייער?

— יאָ!

— וואָס טוט איר אייגנטלעך איצט, הער לאַמייער?

— איך בין אַ קינסטלער. איך מאָל!

— אהא, איר מאָלט בילדער — — קאָנט איר אונדז עפּשער ברענגען אַ פּאָר בילדלעך, וואָס? — — — נו גוט, וואָס זשע מאָלט איר?

ער זעצט זיך באַקוועמער אין לעדערנעם פאָטעל, זײַן לינקע האַנט ליגט אויפן ראַנד פונעם פאָטעל.

— זאָגט נאָר, הער לאַמייער, איר קענט דאָך זיכער אַ געוויסן הער קעסעל. יאָ, יאָ, דעם דאָזיקן קעסעל, איר ווייסט דאָך, וואָס האָט אין זײַן צײַט... וואָס, איר קענט ניט קיין הער קעסעל? הער לאַמייער, דערמאָנט זיך, איך בעט אײַך, גענויער! הער לאַמייער, מיר וועלן זיך דאָך ניט מאַכן ניט ווי סנדיק, ניט עמעס? מיר וועלן דאָך ניט מאַכן זיך ניט ווינכדיק, הער לאַמייער? דאָ וועלן מיר בעסער זאָגן דעם עמעס! איר קענט דאָך דעם לאַנדטאַג-דעפּוטאַט קעסעל, וואָס איז אַנטלאָפן!

— אַנטשולדיקט מיר, דער דאָזיקער הער איז מיר אומבאַקאַנט. איך קען ניט קיין הער קעסעל... איר מוזט מיר שוין אַנטשולדיקן, איך בין געווען אַ סאָלדאַט...

— אזוי גאָר, איר זײַט געווען אַ סאָלדאַט? אַ סאַך זײַנען געווען סאָלדאַטן. ווו אייגנטלעך?

— בײַ די 198־ער? וואָס זאָגט איר, בײַ די 198-ער זײַט איר געווען? ניט מעגלעך! ווער איז געווען אײַער לייטענאַנט? געדענקט איר נאָך אײַער לייטענאַנט?

— געוויס, דאָס איז געווען דער הער פאָן-דראָגע, אויב איך האָב קיין טעות ניט!

— און וועמען האָט איר דאָרטן נאָך געקענט?

— אָ, איך האָב געקענט דעם גאַנצן אָפיצער-באַשטאַנד! דעם הער פאָן-עלם, דעם הער אָבערשטעט...

— דעמ הער קעסעל קענט איר געוויס אויכ?

— ווי? קעסעל? ער איז מיר אבסאָליוט אומבאקאנט!

— אזוי גאָר?.. אינ וועלכע שלאכטנ האָט איר זיכ באטייליקט?

— איכ בינ אָנגעקומענ גלייכ אינ פלאנדריענ, אונ דאָ בינ איכ אויכ פארוווּנדעט געוואָרנ!

— אהא, איר זייט אויכ געווענ פארוווּנדעט! איכ האָב אייכ דאָכ געמוזט זענ, צום טייוול! איכ בינ דאָכ אויכ געווענ בא די 198־ער! אָבער ווארט נאָר, איר זייט עפשער געווענ אויכ אפ דעמ אָפיצערנ־יאָנטעוו אינעמ קליינעמ שטעטל... ווי האָט עס געהייסנ...?

— איר מיינט מיסטאָמע ווילִיעזש... יאָ, איכ בינ געווענ! איכ בינ געווענ אפ דעמ יאָנטעוו מיט אונדזערע מיליטער־ארטיסטנ. איר געדענקט די דאָזיקע צוויי מיטל־וואָקסיקע הערנ, וואָס האָבנ מיט די ציינ געביסנ די געוויכטער?

— נאטירלעכ, נאטירלעכ, דאָס איז אינטערעסאנט! אָבער זאָגט נאָר, הער לאָמייער (דער, וואָס זיצט אינ לעדערנעמ פאָטעל, בלעטערט א פארטראכטער די אקטנ), איכ האָפ, אז איר האָט דעמ דעמלטיקנ כאווערשאפט-גייסט ניט פארגעסנ, וואָס?

דער באאמטער לייגט ארופ א פוס אפ א פוס אונ פארייכערט א ציגאר.

„אידיאָט"! — לויפט דורכ בא פראנצנ אינ מויעכ.

דער טאָפלטער קינ קנייטשט זיכ, די גרוי־בלויע אויגנ קוקנ אָנ פראנצנ...

— הער לאָמייער (די שטימע הייבט זיכ אופ אונ נעמט אָנ א דראָענדיקנ טאָנ), זאָגט דעמ עמעס! האָט איר באציִונגענ מיט די קאָמוניסטנ? ניינ?..

— איר מוזט מיר אנטשולדיקנ,—פארבייגט זיכ פראנצ לאָמייער,— דאָס איז א באדויערלעכער טאָעס. — פראנצ פילט, ווי דאָס גאנצע בלוט ווארפט זיכ אים אינ פאָנעמ, ער דערשרעקט זיכ פאר זיכ אליינ.

— אזוי... נו יאָ, נו יאָ, איכ קאָנ דאָס אויכ אייגנטלעכ ניט גלייבנ, דאָס וואָלט דאָכ געווענ א שאנדע פאר דעמ גאנצנ פאָלק, ווענ איינער פונ אונדז, פונ די 198־ער, וואָלט געטאנצט אונטער דער מאָסקווער מוזיק!.. הער לאָמייער, איר באשעפטיקט זיכ איצט, הייסט

עס, מיט מאַלעריַי... — די שטימע פונעם באַאמטן ווערט רונדער, פּור־לער, ווייכער; דעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט פאַרלייגט ער צווישן דעם גאַרטל און דעם אַקסל־רימען. פראַנץ קוקט זיך גוט צו צו אים און בא אים ווערט אויך א ביסל אָפּגעשוואַכט די מוירע־דיקע אָנשטרענגונג.

— האָט מען נאָך דערפון עפּעס?

— עס איז נאַטירלעך שווער, אָבער איך האָב אין דער אַרבעט עטלעכע פּאָרטרעטן, וואָס פון זייער קינסטלערישער קוואַליטעט האַלט איך זייער שטאַרק. איר ווייסט דאָך, ווי מע פלעגט זאָגן, די קונסט גייט זוכן א שטיקל ברויט!

— יאָ, יאָ, אָבער אינקורצן וועט געוויס ווערן בעסער. איך האַלט, אַז באַזונדערס די דײַטשישע קינסטלער האָבן איצט ווידער א גע־לעגנהײַט צו שטעלן זייער קונסט צו דינסט פון דער נאַציע; ווי מיינט איר, הער לאַמייער?

— דאָס ווינטש איך אויך!

א פּאָר סעקונדן איז שטיל. פראַנץ וואַרפט א בליק דורכן פענצ־טער. ער האָט דעם געפיל, אַז דער, וואָס זיצט פאַר אים, קאָן זיך ניט אַנטשליסן.

— נו, הער לאַמייער, איך וויל אײַך הײַנט מער ניט פאַרהאַלטן! — גיט ער פלוצלינג א מאַך צו די אַקטן. — איר וועט, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּפאָרן אָן אונדזער וויסן. עס טוט מיר זייער לייד, נאָר קעגן אײַך זײַנען פאַראַן מאַטעריאַלן... איך נעם פון אײַך, הער לאַמייער, אײַער כאַווערישן ערנוואָרט (די ווערטער הילכן אָפּ ביז די ווײַטסטע ווינקלען פון צימער), אַז מיר וועלן אײַך שטענדיק קאָנען געפינען! דערלויבט מיר דערויף צו רעכענען!

— איך האָב אײַך געזאָגט, איך בין געווען א סאָלדאַט!

— אַלזאָ, הײַל!

— הײַל!

ער האָט אים גוט פאַרעדט די ציין. וואָלט מען בלויז געקאָנט וויסן, וואָס האָבן זיי! ווײַזט אויס, זיי ווייסן גאָרנישט — — — — גאָרנישט??

אפן צווייטן עטאַזש, וווּ עס איז געווען די דרוקערײַ פון דער

„ראָטע פאַנע“, שלעפּט מען אַרויס אַן אַרבעטער מיט אַ פאַרבונדע־נעם קאָפּ. די אויגן פינקלען שוואַך פון אונטער דעם באַנדאַזש. אַפּ פראַנצס שטערן באַווייזן זיך קנייטשן. ער דריקט צונויף די ציין אַזוי, אַז די באַקן־ביינער סטאַרטשען אַרויס, און ער גייט ווייטער.

אין דרויסן עטעמט ער טיף אָפּ — אַזאַ ברייטער פּלאַץ!..

„זאָל דאָס זיין קאַרל?? אומעגלעך! קאָן מען דען וויסן, וואָס די דאָזיקע באַנדיטן קאָנען מאַכן פון אַ מענטשן... אָבער פונדעסט־וועגן איז דאָס אַן אומעגלעכע זאַך, אויסגעשלאָסן, ער וועט זיך גיכער לאָזן דערהאַרגענען!..“

פראַנץ עטעמט טיף אָפּ. אַפּ דער לינגען-גאַס ווישט ער זיך אָפּ דעם שטערן. — „נאָכאַמאָל מילכאָמע־זיכרוינעס! אָט די פאַרפלוכטע הינט! וואָלט מען עפּעס געקאָנט אַרויסקריגן וועגן קאַרלען, ווו שטעקט ער!..“

ער נעמט אַראָפּ זיין היטל און פּאָכעט מיט איר: „לופט מוז מען האָבן!.. פון הינטן איז זיכער פאַראַן אַ שמעקער!..“

אָנגעקומענע אַהיים, געפינט ער אַ צעטעלע. מיט געדרוקטע אויסיעס איז אָפּן צעטעלע אָנגעשריבן דריי ווערטער: „אַכטונג, שטאַרקער שטראָם!.. ה.“

וואָס איז ווידער געשען? האָט קאַרל דאָך?..

א כ ט ו נ ג, ש ט אַ ר ק ע ר ש ט ר אָ ם...! אוועקגיין — פאַרוואָס? שטאַרקער שטראָם... די שטורמאָוויקעס האָבן אַוודע עפּעס דער־שמעקט... הויז־אונטערזוכונג?..

פראַנץ לויפט הין און צוריק.

„אַכטונג, שטאַרקער שטראָם!.. אַ מיִעסע געשיכטע!..“

ער טוט אַ זיפץ, גיט זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף אַפּ דער בעט און ברומט: „קראַפּירן קאָן מען, קראַפּירן!“

זיין בליק שטעלט זיך אָפּ אַפּ דעם יעגער פונעם הענגענדיקן כאַלטורנעם בילד. דאָס ראַמל איז ניט גענוג גרויס, דאָס לעניִן־בילד איז געווען גרעסער, טראַכט ער... לענין, מאָסקווע... אומלעגאַלקייט... צום טייוול, ווי מיד איך בין!.. אַך, מאָסקווע!..

ער וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטל, דערנאָך די מאַרינאַרקע, ציט זיך אויס...

שטאַרקער שטראָם, — גייט אים ווידער דורך דורכן קאָפּ, — עפּשער וואָלט דאָך זײַן בעסער, אַז איך זאָל נעלעם ווערן?!

ער וויל אויפשפּרינגען, אָבער די גלידער זײַנען צו שווער.

„וואָלט מען נאָר געקאָנט וויסן, וואָס די באַנדע וויל!"

„איך מוז געבן צו וויסן דער גרופּע! — 312 איז געווען דער פּאַראָל — 312".

פון ווינקל שווימען אַרויס געשטאַלטן — קאַרל, פריץ געהאַרד און אַ לאַנגער שטורמאָוויק, זײַנע שטיוול גלאַנצן פון בלוט. דערנאָך לויפט פאַרבײַ הילדע און דער כוואַר מיטן פאַרבונדענעם שאַרבן אין קאַרל ליבק... האָרסט וועסעל... די מענוואַלים, אַפן נאָמען פון דעם אַלפאָנס האָרסט וועסעל...

זײַן באַוווסטזײַן איז שוין אויסגעשלאָסן. דורכן צימער גייט אַ גלײַכמעסיקער אָטעם. פון פענצטער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אַ שטיביקער שטראַל אַף דער פּאָדלאָגע... אַ רויִקער זומערדיקער נאָכמיטיק אין דער גרויסער שטאָט.

אין דעם צײַטווײַליקן קאָנצלאַגער אַף דער פּאַפּעשטראַסע איז דאָ אַ סאַך צײַט. די נאַציאָנאַלע רעוואָליוציע באַרענגט מיט זיך ווייניק באַשעפטיקונג; די לאַנגע, אַרבעטלאָזע הענט פון די לאַנד־קנעכט ווילן זײַן פאַרנומען...

— אויפהענגען, דו, מענוואָל, האָסט געוואָלט זען אַדאָלף היטלערן אַף דער טליע, וואַרט נאָר! — שטיקט זיך פאַר רעציכע דער קליינער שטורמאָוויקעס-פירער מיט די ברייטע פּלייצעס, און אונטער זײַן פּופּיק גליטשט זיך אויפגערעגט דער פינקלדיקער האַקנ־קרייץ הין און צוריק.

קאַרל שטייט אַ בלייכער, צעשלאָגן ביז וווּנדן, און עטעמט האַסטיק. די שטורמאָוויקעס זיצן לעבן אים די פיס צעשפּרייט, רוען זיך אָפּ. די צוויי אַנדערע זײַנען אַרויפגעקראָכן אַפן טיש און בינדן צו אַ דיקן שנור צום האַטשיק איבער קאַרלס קאָפּ.

— וועסט זאָגן, ווער פראַנץ איז? דו פאַרשאָלטענער קאָמוניס־

טישער כאזער? האָסט זיך געטראכט, אז דו קענסט אוועקפּאַטערן שטורמאָוויקעס, האָסט געזידלט די דריטע אימפּעריע! האַלט דעם פּיסק! שנעלער! אופהענגען!

די צוויי גיבן א נעם קארלען און דרייען אים אויס די הענט אפ הינטן. קארף ציט זיך צוזאמען; אזוי טוט וויי, ווייניקער ווייניקער ווי. מע מוז זיך קאָנען איינבויגן!.. די ציין צוזאמען!..

— אָפּלאָזן! — באפעלט דער גראָבער בויך. אפ זיין פּארצעף ליגט א צופרידנקייט מיט זיין אומבאגרענעצטער מאכט. דער אויבערשטער טייל פון זיין קערפּער בייגט זיך איבער אפ פאָרנט: „פּארן ניט עפענען דעם פּיסק!"

קארף זעט, ווי עס ציט זיך אָן די פויסט; ער ציט נאָכאמאָל צונויף די צעווייטיקטע גלידער זיינע. מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן קוקט ער.

דער גראָבער בויך האָט ארופגעצויגן דעם האקן־קרייץ איבערן פּופּיק, ער גייט צו נעענטער צו קארלען, ווי ער וואָלט וועלן פארביי־גיין אים. איצט איז דער בולדאָג שוין גאָר נאָענט צו אים. קארל דערפילט א שטינקנדיקן אָטעם.

— וואָס פאַרקעסטו זיך דאַרמען אויבן אזוי לאנג? — טוט ער א ברום.

בליצשנעל דערלאנגט דער אָקס א זעץ; קארף טוט זיך א וואקל. דער לאנגער כאפּט אים אונטער און שטעלט אים אוועק צוריק.

— אָט, דערפאר, וואָס דו עפנסט ניט דיין פּיסק!

שטאָל האָט ניט אזא העלע קעלט, ווי די, וואָס ליגט אין קארלס אויגן, און בייס זיין פּאָנעם ברענט, ציטערט ער, בייסט פעסט צונויף די ציין... עס פעלט נאָר א האָר און ער וועט זיך א וואָרפן טאָן און וועט געבן קלעפּ, וועט שלאָגן אין דעם פאשיסטישן פּארצעף...

דער אָקס האַלט זיך פונדערווייטנס.

די שטריק ווערט אראָפּגעלאָזן, זי שאָקלט זיך איבער קארלס קאָפּ.

— נו, שנעלער, גענומען זיך! — קאָמאנדעוועט דער אָקס, שטייענדיק פון דער זייט. — הענגט אופ דעם הונט!

מע שטויסט קארלען ארופ אפ א שטול. דער גראָבער בויך קוקט זיך צו צו יעדער באוועגונג.

עס איז אָבער ניטאָ די געהעריקע שטימונג. די אופריכטנדיקע ווערטער קייקלען זיך ווי פּוסטע אייער צו די ווענט.

דער לאַנגער האַלט קאַרלען פאַר דער מאַרינאַרקע.

דער, וואָס מיט די שטיוול, גיט אַ שטויס דעם שטול. דער לאַנגער לאָזט אָפּ קאַרלען. קאַרל זינקט אַראָפּ און גיט אַ הייב אויף די הענט, ווי ער וואָלט זיך טרינקען.

— אָפּשניידן! — שרייט דער אָקס.

דער שמאָלער איז מיט איין שפּרונג אַפן טיש און שניידט אָפּ, קאַרל פאַלט, אַ טעמפּער טאָן בלייבט אין די ווינקלען צימער, אַ פליג זשומעט אַ דערשראָקענע לעם לאָמפּ.

— וואַסער!.. גיכער! לעבעדיקער!

דער לאַנגער לויפט.

דאָס וואַסער טוט אַ שפּריץ. קאַרלס קערפּער טוט זיך אַ טרייסל. די כוואַליעס וואַסער טראָגן אים.

פראַנץ זעט הילדען אינעם גרויסן זאַל פון אַשינגערס רעסטאָ־ראַן. ער דערפרייט זיך מיטן צופאַל און וויל צוגיין צו איר. אָבער איר אָפּשטויסנדיקער בליק צווינגט אים זיך אָפּהאַלטן. ריכטיק, זי האָט ניט אין האַנט דעם „פעלקישן בעאָבאַכטער". אַ צעמישטער, בלייבט ער אַ ווײַלע שטיין, דערנאָך דרייט ער זיך אויס, ווי ער וואָלט זוכן אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר זיך, און זעצט זיך ווי אַ געליב־טער אין אַ שלעכטער שטימונג אין אַ נישע, פּויקט אין טיש. „אַ מיעסע מיידע!"

ער נעמט אין האַנט זעם „אַנגריף", באַשטעלט אַ גלאָז ביר און וואַרפט פון צייט צו צייט אַן אויג אין הילדעס זייט.

אָבער הילדע קוקט ניט אָפּ אויף אים, ווי ער וואָלט דאָ גאָר ניט געווען. דאָס מאַטערט אים. „וואָס קאָן דאָ זיין?"

די ביר איז אומאָנגענעם קאַלט.

„נעכטן די דאָזיקע אומבאַשטימטע „שטאַרק-שטראָם"-מיטיילונג, היינט זיצט זי אַליין און וויל מיך ניט זען... עפּשער האָבן זיי מיך באַזייטיקט? — ווייסן זיי, אַז איך בין געווען אין האָרסט וועסעל-הויז?

איך האָב נאָך ניט מיטגעטיילט וועגן דעם! — עפּשער האָב איך גע־מאכט עפּעס א פעלער?.. אן אומזין!"

א הער אין דער אוניפאָרם פון די שוץ־אָטריאַדן, מיט פולע באקן און גלאַט אָפּגעראזירט, שטייט באַם אריַינגאנג אין זאל. ניט דרייענדיק מיטן קאָפּ, טוט ער א וואָרף א בליק איבערן זאל און גייט צו צו הילדען.

פראנצן טוט א שטאָך אין הארצן. אין איין סעקונדע איז ער בלייך ווי קאלך...

„האָט דאָס א שייַכות צו מיר? — וואָס פאר א נארישער געדאנק, דאן וואָלט די גאנצע געשיכטע געווען בעסער אוועקגעשטעלט"...

ער בלעטערט דעם „אנגריפ", קוקט אף די גרויסע פעטע אוי־סיעס פון די קעפּלעך „דער גרויסער פלאן צו באשאפן ארבעט". ער זעט זי און זעט זי ניט.

„האלטן זיך, צום טייַוול!"

די מוזיק: „א ריינישע מיידל באַם ריינישן וויַן..."

א גראָבבייַכיקער גלעט דעם שויס פון זיַן בלאָנדער דאמע. ער רוקט צו נעענטער דעם שטול און זינגט צוזאמען מיטן אָרקעסטער: „...דאָס זאָל מיר דער הימל זיַן אף דער ערד!" זי שמייכלט, אָבער אירע אויגן זיַנען מאט, ווי בא געפּייגערטע פיש. פון אויבן אראָפּ קוקט זי אף איר הער מיט דער טאָפּעלער זייגער־קייט און מאכט אין אָרדענונג אירע האָר-לאָקן.

דער שטורמאָוויק האָט זיך געגריסט מיט הילדען. דאָס איז גע־טאָן געוואָרן זייער עלעגאנט: ער האָט זיך פארנייגט, און זי האָט מיט מיידלשער אומנעדולדיקייַט אים פאָרגעוואָרפן: „איר האָט זיך זייער פארשפּעטיקט!"

דער „אנגריפ" ליגט ווידער אפן טיש; פראנץ האָט אָנגענומען א געהעריקע פּאָזע. רויִק פארייכערט א פּאפּיראָס, רופט דעם קעלנער.

פלוצלינג פאלט אים איַין א געדאנק:

„זיי האלטן מיך פאר א שפּיאָן... איך בין געווען אין קארל... אין האָרסט וועסעל-הויז, ניט פארשטענדיקנדיק זיך מיטן קעמערל... איך בין פון דאָרטן ארויס פריַי... ניט קיין גערופענער בין איך דאָ... אָבער די כאוויירים קענען מיך דאָך... נארישקייַטן, וואָס הייסט

קענען?.. וויפל כאוויירים האָב איך געקענט, וואָס איך קען זיי איצט מער ניט!..״

מיטאמאָל זעט אויס דער גאנצער רעסטאָראן גאָר אנדערש. פראנץ לאכט ביטער אין זיך: „איז דאָס מעגלעך?.. דאָס וואָלט דאָך געווען א מעשוגאַס, איך מוז טייקעפּ לויפן צו רודי, טייקעפּ...״

ער קלינגט אין גלאָז. דער קעלנער לויפט צו, פארוואַרפט די סערוועטקע אונטערן אָרעם.

„וועט ניט זײַן א פעלער, וואָס איך וועל אוועקגיין?.. מע מוז דאָך אופקלערן דעם טאָעס... עפּשער וועט זי זיך איבערשרעקן, זי קאָן מיינען, אז איך וויל זי פארשיטן... איך וועל אוועקגיין, זיי וועלן בלײַבן, עס וועט גאָרנישט ניט געשען, און דאן איז אלץ ווידער אין אָרדענונג. צו רודי?.. דאָס איז פארבאָטן... אָבער אין אזא פאל!.. מיך פארדעכטיקן!״

פראנץ באצאָלט. ער גייט. הילדעס קאלטער, גאָרנישט זאָגנדי-קער בליק גליטשט זיך איבער אים. דער שטורמאָוויק רעדט, ווי מע רעדט אין א קאפע, ניט זשענירנדיק זיך.

„אויב דאָס איז אן אונדזעריקער, איז דאָס א ריכטיקער יאט. ער שעפּטשעט ניט, מאכט ניט קיין אומגעלומפּערטע באוועגונגען״.

דער פּאָטסדאמער פּלאץ זעט אויס ווי שטענדיק אין דער צײַט, צען אין אָוונט. די האסטיקײַט פון טאָג איז אריבער. פון צײַט צו צײַט לויפן פארבײַ אין פארשיידענע ריכטונגען טראמווײַ-וואגאָנעס. די רעקלאמע-פײַערן פון דער קאפע „פאטערלאנד — פירמא דײַטשי-שע ווײַנען״ פארלעשן זיך און צינדן זיך ווידער אָן. דער עלעקטרי-שער האקן-קרייץ ווארפט זײַן שײַן איבער די דורכגייער, וואָס קומען אָן פון מעטראָ.

דאָ אונטן גייט פראנץ, איינער צווישן א סאך. „האָט מען אים באוואַכטיק אָדער ניט?.. מע קאָן טאקע ניט פארשטיין, וויאזוי איך בין ארויס גאנץ און געזונט פונעם האָרסט וועסעל-הויז. מע מוז דאָס זיי דערקלערן... אָבער מיך פארדעכטיקן!..״

ער וואנדערט ארום איבער די גאסן. גיין צו רודי? ער וועט מיך ארויסווארפן!

שטארקער שטראָם...

א לײַכטער װינט בלאָזט איבער די גאסנ. פראַנצ װאָלט נאָכ ניט װעלנ גײנ אהײמ, ער װאָלט נאָכ װעלנ װאָס אופטאָנ...

„װאָלט מענ ערגעצ־װו קאָנענ גײנ אונ מיט עמעצנ רײדנ... אזױפיל מענטשנ... קײנ אײנ כאװער, קײנער, מיט װעמענ מע זאָל קאָנענ רײדנ!..״

„קארל איז פארשװוּנדנ; פריצ לײמאנ, די קלײנע עליא, אָטאָ זײַנענ אינ קאָנצלאגער; די איבערגעבליבענע זײַנענ פרעמדע, טרויענ ניט, זײַנענ פאָרזיכטיק אָדער זײַנענ געװאָרנ מוילװורפנ, װאָס האָבנ זיכ אײנגאנצנ ארונטערגעלאָזנ אינ אונטערערד... אונ ער... באזײַטיקט?״

פראנצ װאנדערט לענגויס דער לײַפּציקער גאס. ברוינע העמד־לעכ גײענ פארבײַ. „הײַל!״ װארפנ זײ ארויס די הענט אינ דער הײכ.

„איז דאָס װירקלעכ מעגלעכ, אז מע האלט מיכ פאר א שפּיאָנ?״

ער איז פול מיט רעציכע.

„בא אײגענע מענטשנ װערט מענ פרעמד? צומ טײַװל! איכ װעל...״

די קאמער, װו קארל זיצט, האָט מענ שוינ עטלעכע װאָכנ ניט דורכגעלופטערט. די לופט איז א שטיקנדיקע, א הײסע. דער גאָרגל איז טרוקנ. דער בויכ טוט װײ. װאָס עס האָבנ ניט באװיזנ די װאסער־זופּנ מיט סאָדע, האָט באװיזנ דער שלעגער אװגוסט. ער צילעװעט אָנ פּינקטלעכ.

„דער אויספאָרשונג-ארעסטאנט קארל לעמקע מעלדעט זיכ״, ראַ־פּאָרטירט קארל. באַצ — דערלאנגט ער אימ אינ בויכ. שוינ פיר מאָל איז קארל דערבײַ אומגעפאלנ. די לעצטע צװײ טעג האָבנ זײ א נײַע טאקטיק: אלע דרײַ שאָ, אפילע בא דער נאכט, שלעפּנ זײ אימ צומ פארהער. מאָדנע! פּײַניקנ פּײַניקט מענ דערבײַ װײניק. אָבער נאָכ די דאָזיקע פארהערנ װערט עפּעס שרעקלעכ אינ קאָפּ, פּונקט װי עמעצער װאָלט דאָרטנ געקראצט א מעטאלענע פּלאסטינ־קע. די נערװנ...

בא יעדער באװעגונג אפנ קאָרידאָר שפּרינגט קארל אופ אונ, װי א געהעצטע כײַע, פארקריכט ער אינ א װינקל.

די לונגען האלטן מער ניט אויס. באם הוסטן באווייזט זיך בלוט.

אונטער די נארעס ליגט א שטריק. דאָס האָט אים דער פירער פון דער שטורמאָוויקעס-גרופּע קראמער געבראכט: „אָט האָסטו", האָט ער געזאָגט, „אַפ דעם פאַל, אויב דו וועסט וועלן רו!.. צי דאָס ניט אָט לאנג. די אייזערנע שטאבעס אפן פענצטער זיינען גענוג שטארק".

קארל האָט די שטריק א וואָרף געטאָן אפ דער ערד, געטראָטן זי מיט די פיס. אזוי איז זי געבליבן ליגן. ווען ער דערזעט זי, ווערט זיין פּאָנעם פארקרימט, ווי אים וואָלט געעקלט. ער ברומט: „איך פייף אפ אייך!"

ער גייט הין און צוריק. זיינע געדאנקען ווערן קלאָרער. „אין רומעניע", זאָגט ער צו זיך, „האָבן אונדזערע נאָך ערגער".

דאָס וואָרט „ערגער" קלינגט ווי א פראגע, אָבער אויך ווי אן אויסגעשריי.

א קלינגערײַ פון שליסלען רײַסט אוף די נאָרוואָס געוווּנענע גלײַכגעוויכט. די שליסלען דרייען זיך אין זײַן שלאָס.

קארל שפּרינגט ניט אוף קעדיי צו שטעלן זיך ראפּאָרטירן, ער לויפט אויך ניט אין ווינקל. ער זיצט און ווארט. עס גייט אריין א מענטש, ציוויל געקליידט. קארל נעמט זיך אין די הענט: דאָ מוז מען אופפּאסן!

— גוטן טאָג, הער לעמקע, נו, ווי גייט אייך? אלץ אין אָר־דענונג?

קארל ענטפערט ניט.

— מיר האָבן זיך איבערצייגט, — זאָגט דער ציווילער מיט די געפרעסטע הויזן, — קעדיי גלייך אריבערגיין צום איניען, דאָס הייסט... נאטירלעך, ניט אינגאנצן. דאָס איבעריקע ווענדט זיך איצט פון אייך... איר זאָלט דערווייזן, אז איר זייט ניט געווען דער אָנפירער פון דער גרופּע!.. יאָ, אזוי איז איצט די לאגע... אגעוו, איר האָט דאָ א שרעקלעכע לופט!

— האלאָ, קאָלעגע קרויטמילער!

— איך הער! — קלאַפּט דער וואכ-סאָלדאט מיט די קנאפּל.

— לופטערט מען דאָ גאָרניט אויס? נו, שנעלער! איר קאָנט דאָך ניט לאָזן דעם הער לעמקע אין אזא לופט, מענטש איינער!

דאָס קלינגט מאָדנע. קארל זיצט. זײַן מויל איז עטוואָס אָפן, און דער קאָפּ איז אײַנגעבויגן אפּ א זײַט. פון אונטן קוקט ער אָן א מידער דעם ציווילן.

— איך רעכן, — הייבט יענער ווידער אָן, — מיר וועלן זיך בעסער דורכשמועסן בא מיר, ווי מיינט איר, הער לעמקע? פארשטייט זיך! איך וועל אײַך דאן פארבעטן צו זיך, ווי!?

קארל ענטפערט ווידער ניט. דער ציווילער גייט אוועק.

דער אופגעפּראַלטער פענצטער ברענגט ארײַן א כוואַליע לופט. קארל באקומט א הארצ-אטאק. אין אָנמאכט שפּארט ער זיך אָן אָן דער וואנט. קרויטמילער קומט ארײַן. ער נעמט אים ניט אָן פאר דער האנט. ער גיט אים ניט קיין שלעפּ. ער זאָגט נאָר זאכלעך:

— קום.

פרײַנטלעך און ליבלעך נעמט מען אוף קארלען אין דעם גע־מיטלעך אײַנגעאָרדנטן קאבינעט. קעגניבער, אונטער דעם בילד פון היטלערן, בעט מען אים זיך זעצן.

— איר ווייסט, — באמערקט איינער פון די אָנוועזנדע הערן, וואָס איז געקליידט ציוויל און טראָגט ספּאָרט-הויזן, — איך בין הונ־געריק, לאָמיר עפּעס באשטעלן!

ער דריקט אָן א קנעפּל אפּן טיש. אין א ווײַלע ארום סאַ־ליוטירט א שטורמאָוויק.

— הייסט ברענגען עטלעכע פּוטער-זעמל מיט שינקע און אייער! אָבער מערער א ביסל!

קארל זיצט גלײַכגילטיק דערבײַ. ער איז בלאַס און פינצטער.

די הערן פילן זיך היימיש. זיי דערציילן, אז דער פריערדיקער קאָמוניסט קעמפּנער אנטוויקלט זיך גאנץ אָנשטענדיק און האָט בא־קומען ניט קיין שלעכטע שטעלע. איינער דערציילט, אז ער האָט זיך מיט אים ניט לאנג באגעגנט בא א געוויסער פײַערונג.

— יאָ, יאָ, אונדזערע ארבעטער זײַנען פריער בלויז פארפירט

געוואָרן פון דער מאַרקסיסטישער באַניע, — ענטפערט דער לאַיאַלער, וואָס איז געווען אין קאַרלס קאַמער.

— מאָסקווע! — זאָגט דער דריטער און נעמט אַרויס אַ פּאָרט-ציגאַר, נעמט אַליין אַ פּאַפּיראָס, לייגט פאַר די איבעריקע, ווי אויך קאַרלען. קאַרל זאָגט זיך אָפּ, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ. „איך דאַנק!", טוט ער אַ ברום. דער הער טוט אַ ציי מיט די אַקסלען, הייבט אויף די ברעמען, פאַרמאַכט דעם פּאָרטסיגאַר.

— יאָ, לאָמיר אַ ביסל שמועסן, קאָלעגע לעמקע! איר זעט אָבער אויס זייער בלאַס! זאָגט נאָר, הער לעמקע, וואָס איז מיט אײַך? עס איז אײַך עפּשער ניט גוט? איר האָט זיך דאָך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, קיינמאָל ניט געמאָלדן!

קאַרל קוקט אים אָן און שווײַגט.

— איר ווייסט דאָך, אַז מיר זײַנען שטענדיק גרייט אײַך דינען, — גיט זיך דער לאַיאַלער אַ וואָרף אין פּאָטעל, וואָס שטייט הינטערן שרײַבטיש. דערנאָך פּלאַצט ער אַרויס מיטאַמאָל: — איר קאָנט באַקו־מען די פרײַהײַט, הער לעמקע, די פולשטענדיקע פרײַהײַט! מיר פאַרלאַנגען פון אײַך גאָרנישט! בלויז אַ ביסל פרײַנטלעכע אָפנהאַר-ציקײַט, הער לעמקע! וואָס וועט איר זאָגן דערצו?

די איבעריקע ביידע הערן זעצן זיך אויך. איינער פון זיי קוקט אַרויס פון פענצטער אַ פּאַרטרוימטער, קלוימערשט אַ גלײַכגילטיקער.

דער שטורמאָוויק עפנט די טיר, גיט אַ קלאַפּ מיט די אָפּצאַסן; הינטער אים שטייט אַ בלאָנדע מיידל אין אַ ווײַסן פאַרטעך און האַלט אַ קאַווע־סערוויז. פײַן צוגעשניטענע ווײַסע בולקעלעך, שינקע און אייער. זילבערנע קאַווע־טעפּעלעך. זי שטעלט דאָס אַלץ אַוועק אויפן טיש. קאַרלען מײַדט זי אויס פונווײַטן. זײַן קאַווע־טעפּל רוקט זי אים צו פון איבערן טיש. דער שמועס רײַסט זיך איבער. די אויגן שפּירן נאָך אירע באַוועגונגען. מיט קורצע טריט, אונ־טערטאַנצנדיק, פאַרשווינדט זי. קאַרל קוקט איר נאָך.

— אַלזאָ, ווי האַלט דאָס, הער לעמקע? מיר פאָדערן פון אײַך גאָרנישט! וואָס מיר ווילן וויסן, ווייסן מיר. אונדז זײַנען באַוווּסט איינציקע טרעף-פונקטן פון די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט פאַרפירט די דײַטשישע אַרבעטער, הער לעמקע! איר האָט אויך פריִער גע-

מאכט פעלערן — יעדער מענטש מאכט פעלערן; מיר אלע זײַנען ניט קיין געטער, — דער לאָיאלער פארוקט זײַנע מאנזשעטן טיפער אין די ארבל, — וועגן דעם לאָמיר ניט ריידן!

דער הער מיט די ספּאָרט־הויזן לעשט אויס זײַן פּאפּיראָס, נעמט א בולקעלע:

— איך בעט אײַך, הער... לעמקע! — און גיסט אים פרײַנטלעך אָן קאווע.

קארל רירט זיך ניט צו ניט צו די קאווע, ניט צו די ווײַסינקע בולקעלעך.

די איבעריקע זשענירן זיך ניט. אָבער קארלס אָפּשטויסנדיקע האלטונג קילט אָפּ דעם פרײַנטלעכן טאָן.

— נו, הער לעמקע, — זאָגט דער לאָיאלער, — זאָגט זשע עפּעס, אָדער איר מיינט עפּשער, אז מיר שפּילן זיך דאָ מיט אײַך? אויב איר וועט הײַנט ניט...

אויך דערויף רעאגירט ניט קארל.

צולעצט שפּרינגט אויף דער הער מיט די ספּאָרט־הויזן:

— דער הער לעמקע איז הײַנט א ביסל מיד, דאכט זיך מיר, וואָס? רוט זיך א ביסל אויס, מיר וועלן נאָך וועגן דעם ריידן...

— און אויב איר וועט עפּעס דארפן, — גיט צו דער לאָיאלער, — רופט מיך ארויס. איך וועל אָפּגעבן א פאראָרדענונג!

דער לאָיאלער טוט ווידער א דריק דעם קנעפּל; דער שטורמאָוויק גייט ארײַן. די שווערע שטיוול טוען ווידער א קלאַפּ איינער אָן אנדערן. די האנט הייבט זיך אויף.

— פירט אָפּ דעם מענטשן צוריק!

קארל שטעלט זיך אויף, דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צו די באאמטע און גייט.

— צום ווידערזען! — הערט ער דעם קאָל פונעם לאָיאלן און פילט הינטער זיך אן אומפארשעמטן שמייכל.

שוין דרײַ טעג, ווי פראנץ גייט אלץ אפּן אָפּגערעדטן טרעפּפּונקט. יעדעס מאָל גלייבט ער, אז ער וועט זיי כאפּן.

„אין דער צײַט פלעגן זיי דאָך אלעמאָל קומען אהער”.

ער שפּאַצירט אַרום אינעם שטילן געסל הינטער דער בירושע, הערט זיך צו: עפּשער קומט אַ כאַוועך?

„עפּשער האָבן זיי איצט אַן אַנדער טרעף-פּונקט? פאַרוואָס גיבן זיי מיר ניט ווייניקסטנס די מעגלעכקייט צו ריידן? נעכטן אינאָוונט ווידער אַ צעטל: „מענטש, זײַ פּאָרזיכטיק!"... פּאָרזיכטיק? וואָס הייסט דאָ פּאָרזיכטיק? אויב זיי באַזאָרגן ווגמען, זאָלן זיי אָפּגעבן די מאָטיוון!"

מיט די דאָזיקע געדאַנקען, וואָס רעגן אים אויף, גייט פראַנץ ווידער צום טרעף-פּונקט. פונוויַיטן דערקענט ער, אַז — יאָ, ריכטיק, באַם רינשטאָק, לינקס פון דער קאָרידאָר-טיר, שטייט ווער. ווי אַ דונער וואָלט אים דערלאַנגט. ער ציט זיך אונטער, די אויפרעגונג יאָגט אים. ניט אַרומקוקנדיק זיך, אײַלט ער זיך צו דעם מענטשן, וואָס שטייט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און קוקט אויף דער ערד. פּלוצלינג עפנט ער אויף ברייטער די אויגן — ציט האָט ער ניט קיין טאָעס? דאָ שטייט דאָך קאַרל! ער האָט שיר ניט אָנגעהויבן צו לויפן. קאַרל!.. קאַרל איז פרײַ?..

ער הייבט אָן זיך צו כידעשן.

„דאָ איז עפּעס ניט אין אָרדענונג... ווען ער וואָלט געווען פרײַ, וואָלט ער אין קיין פאַל ניט געקומען אַהער!.. האָט מען אים עפּשער אַזוי לאַנג געשלאָגן, אַז ער איז געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטער?.."

צו שפּעט! עס איז אומעגלעך פּלוצלינג זיך אויסקערעווען, דאָס וועט זיך וואַרפן אין די אויגן. ער מוז אים פאַרבײַגיין, מאַכן זיך, אַז ער קען אים ניט.

ער גייט פאַרבײַ קאַרלען, זײַן האַרץ קלאַפּט, די קני ציטערן, כאָטש ער גייט גיך. ער פאַרקערעוועט זיך אין אַ זײַטיק געסל.

„עפּשער האָבן זיי מיך ניט באַמערקט!.. אָט גייען זיי!"

פון הינטן הערט זיך אַ געשריי:

— שטיין בלײַבן! מיר שיסן!

ער שטעלט זיך ניט אָפּ.

דער קנאַל קײַקלט זיך פאַרבײַ די ווענט פון עם שמאָלן געסל.

ער שפּירט אַ קלאַפּ אין דער לינקער פוס... צום טײַוול, ער לויפט. די שטילע גאַס הילכט אָפּ פון די טריט פון די פאַרפאָלגער.

בא דער בירושע הייבט פראנצ אופ די הענט און שרייט: „וואָס פארלאנגט איר פונ מיר?" א שווערע לאפע לאָזט זיכ אראָפ אפ זיי־נע אקסלענ. מע שטויסט אימ פונ אלע זייטנ. פראנצ פילט אינ זיינ קערפער עפעס פרעמדס... די היפטנ... פראנצ וואקלט זיכ...

מע שטויסט אימ ארופ אפ א פאָליציי־אווטאָמאָביל, וואָס איז דערווייל צוגעפאָרנ. מע טוט אימ אָנ האנט-קייטלעכ.

ווו איז דער אנדערער? הערט פראנצ שעפטשענ. „דער כעוורע-מאנ איז דאָכ מער ניטאָ אפ זיינ אָרט! קוקט זיכ נאָר איינ, ער האָט דאָכ געוואָלט מאכנ די פלייטע!"

פראנצ זעט, אז קארל גייט צומ אווטאָמאָביל. צוויי מאנ אינ ציווילער קליידונג באגלייטנ אימ. ער עטעמט שווער. זיינ בלויִ היטל זיצט טיפ אראָפגערוקט איבערנ שטערנ. ער קוקט גראָד פאר זיכ, זעט ניט פראנצנ, ניט די שמעקערס.

דער פאָליציי־אָפיצער זאָגט אָנ: — זאָלנ נאָר די ביידע הערנ ניט ריידנ צווישנ זיכ.

מיט א גלייכגילטיקנ בליק באטראכט פראנצ די נייגעריקע דורכ־גייער. ער דערשפירט, אז אינ די הויזנ רינט אימ אָנ בלוט. „איכ בינ פארוווּנדעט!" זאָגט ער גיכער צו זיכ אליינ. דערופ באקומט ער אנ ענטפער: „איר וועט ניט אויסגיינ מיט בלוט!"

דער אווטאָמאָביל רירט זיכ פונ אָרט. פראנצ טראכט: „מאָדנע קאָמיש איז דאָס אינ די היפטנ. עס טוט ניט וויי, עס איז בלויז קאלט און פרעמד".

„קארל האָט פאראטנ. איכ בינ ארייננעפאלנ אינ א פאסטקע! די פארטיי האָט געוואָרנט... דיסציפלינ!.. נאָכגעשפירט! קיינ זאכ ניט זאָגנ, פאר קיינ פרייז ניט עפענענ דאָס מויל. זאָלנ זיי פייניקנ. קארל האָט ניט אויסגעהאלטנ. איכ מוז".

דער אווטאָמאָביל פארקערעוועט זיכ אינ דירקסענ־גאס. אפנ ראָג רירט ער אָנ קארלס אקסל. ער טוט א ציטער אופ: א פארעטער!

א קוויטשיקער קלאנג שניידט זיכ אימ איינ אינ אויער. דער אווטאָ־מאָביל שטייט אפנ טראָטואר. די רויט־ציגלדיקע פעסטונג פונעמ פאָ־ליציי-פרעזידיומ עפנט אירע טויערנ.

אינ דער צייט, ווענ דער דאָקטער האָט אימ באטראכט, פאר-

בונדן, האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צוגרייטן. די קויל איז דורכגעגאַנגען אַפּ דורך און דורך, עס איז געווען ניט אַזוי שלעכט. נאָר דאָס פאַרקען זיך אין דער וווּנד האָט אים ווי געטאָן.

„אַלציינס, וואָס קאַרל וועט אים זאָגן אין פּנים אַרײַן, ער וועט זיך אין קיין זאַך ניט מודה זײַן. קיין זאַך ניט! אויב מע וועט אים אַפּילע...“

„אָן אַ קאַנצלאַגער וועט זיך דאָס מאָל ניט באַגיין... וועל איך בלײַבן אַ לאָמער? אַלציינס...“

דער דאָקטער האָט געזאָגט: „קיין שום סאַקאָנע! די קויל איז דורכגעגאַנגען. קאָן אויסהאַלטן אַ פאַרהער“.

„ווי גלײַכגילטיק ער פאַרקעט זיך אין דער וווּנד. דער בלוט-פאַרלוסט האָט מיך...“

מע האָט אים אָפּגעפירט.

— ניט קיין אָנגענעמע באַגעגעניש, — זאָגט דער לאַיאַלער, — די הערן האָבן זיך דאָס אַנדערש פאָרגעשטעלט!

פראַנץ קוקט מיט קאַלטע אויגן אַפּ קאַרלען. יענער זיצט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— מיר האָבן אייניקע פראַגן פאַר די הערן. צוערשט צו דעם הער לעמקע. איר וועט זײַן אַזוי גוט, הער לעמקע, און איר וועט אונדז ענטפערן אַפּ די פראַגן?

פראַנץ קוקט אָן זײַן אַמאָליקן כאַווער. יענער ענטפערט ניט.

— אַלזאָ, דאָ זיצט פאַר אײַך דער הער לאָמייער, וואָס מע רופט אין דער גרופּע „דער מאַליער“. אַזוי איז דאָס? איר דערקענט אים?

פראַנצס בליקן קלאַמערן זיך פעסט אָן קאַרלס ליפּן. איצט!

זיי באַוועגן זיך:

— ניין!

— מאַכט ניט קיין וויצן! — רעוועט שמעצער הינטער אים, וואָס פראַנץ האָט אים נאָך גאָר ניט באַמערקט. — איר קענט דעם מענטשן גאָרניט?

— ניין!

אַ גומענער שטעקן דערלאַנגט קאַרלען איבערן קאָפּ; קאַרלס אויגן טועם אַ פינטל.

— ניין? — רעוועט דער, וואָס שטייט הינטער אים.

קאַרלס קאָפּ פאַלט אַפ פאָרנט; פראַנצ הערט דײַטלעכ:

— ניין!

פראַנצס אויגנ עפענענ זיכ ברייט. „ער איז ניט קיינ פארעטער?!“ א שרעקלעכער ווידערשפרוכ כאַפּט אים ארומ: ער פרייט זיכ, וואָס מע שלאָגט זײַנ כאַווער... ווי די דאָזיקע קלעפּ מאַכנ זײַנ כאַווער ריינער אונ באַדײַטנדיק גרעסער.

דער לאָיאַלער מאַכט אַ מינע פונ זייער אַ פאַרכידעשטנ:

— איכ בעט אײַכ, לאָמיר מאַכנ קלאָר די לאַגע... עס האָט דאָכ קיינ שומ זינ... עפשער וועט דער הער לאָמייער, איצט, נאָכ דעמ, ווי שוינ... איר קענט דאָכ דעמ הער לעמקע?

פראַנצ שאָקלט מיטנ קאָפּ אַפ ניינ.

איידער ער האָט נאָכ באַוויזנ דערטראַכטנ ביזנ סאָפ זײַנ געדאַנק: „צי וועט מענ מיכ אויכ שלאָגנ? איכ בינ דאָכ פאַרווונדעט!“ — האָט אים אַ דונער געטאָנ אינ שאַרבנ. עס טוט וויי דער שאַרבנ, ווי מע וואָלט אים צונויפגעדריקט.

„באַנדיטנ!“

דער לאָיאַלער הייבט זיכ אופ:

— אַזוי, המ, אַזוי... די דאָזיקע באַגעגעניש איז, הייסט עס, אַ טאָעס?.. גיט נאָר גוט אַ טראַכט, הער לעמקע... הער לאָמייער, גיט נאָר גוט אַ טראַכט, די הערנ ווייסנ גאָרניט, וואָס פאַר אַ באַדײַ-טונג דאָס האָט פאַר זיי!..

פראַנצ פאַרמאַכט די אויגנ. ער הערט נאָר איינ שטימע:

— הער לאָמייער, וואָס האָט איר געוואָלט פונעמ הער לעמקע?

„דער קלאַפּ האָט אַלצ צומישט באַ מיר אינ קאָפּ. וואָס ווילנ זיי? גיט עפענענ דאָס מויל! ערשט איצט ניט עפענענ!“

— נו, לעמקע, — הערט ער לעמ זיכ אַ קאָל, — איר קענט אים נאָכ אַלצ ניט?

פראַנצ וואַרט, אָבער קאַרל ענטפערט ניט.

אַ צופרידנקײַט באַווײַזט זיכ אַפ זײַנ פּאָנעמ, דערנאָכ פאַרלירט ער דעמ באַוווסטזײַנ.

דאָס קאַלטע וואַסער, מיט וועלכנ מע האָט אים ארומגעווישט,

302—2

איז אים געווענ אָנגענעמ. קארל זיצט נאָכ אלץ. פראנצ פײַפט, ווי קארפּס בליק גליטשט זיכ איבער אים.

„איכ האָב דאָס דיכ ארײַנגעפירט אינ קלעמ, קארל. זאָלנ זיי מיכ שלאָגנ. זיי וועלנ מיר ארײַנקלאפּנ דיסציפּלינ! קארל, וויאזוי האָב איכ דאָס בלויז געקאָנט?"

דערנאָכ האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַע פרעגערײַ.

— א סאָפּ זאָל נעמענ צו דער קאָמעדיע! אנערקענט איר, אז איר זײַט מיטגליד פונ דער אומלעגאלער קאָמוניסטישער פארטיי?

מע האָט געשלאָגנ.

געפרעגט אונ געשלאָגנ.

דער לאָיאלער האָט סאָפּקאָלסאָפּ געטאָנ א ווונק:

— דער הער לעמקע קאָנ גיינ, הער לאָמייער בלײַבט!

קראמער שטייט בא דער טיר. קארל גייט, ווארפט נאָכ א בליק אפ פראנצנ. דער בליק זאָגט: „זיכ ניט אונטערגעבנ! דו זעסט, מע האלט אלצ אויס!"

די גוטע צײַטנ האָבנ זיכ פאר קארלענ געענדיקט. פארנאכט נאָכנ פארהער קומט קראמער ווידער.

— דו ביסט א פארפאלענער, מאָסקווער אויסוווּרפ, — זאָגט ער אונ גייט צומ פענצטער. — איכ וועל דיר איצט ווײַזנ, ווי דו זאָלסט דאָס מאכנ!

פלינק פארוואָרפט ער א דיקע שטריק אפנ פענצטער-הענטל אונ מאכט א פעטליע. אז זי ווערט פארטיק, ציט ער אָנ די שטריק, טוט א ריס אונ זאָגט: — דאָס וועט אויסהאלטנ! דו דארפסט נאָר צושטעלנ א בענקל, דורכרוקנ דעמ שארבנ אונ... פארטיק! פארשטאנענ?

ער מאכט צורעכט זײַנע אקסל-רימענס.

— אויב דו האָסט דערצו קיינ מוט ניט, האָב איכ צופעליק בא זיכ א ראזיר-מעסערל. מאכ ניט קיינ לאנגע געשיכטעס! הערסט! פארשפּאָר מיר די ארבעט! וועסט דאָס מאכנ... מענטש, פארוואָס ווילסטו מיר דאפקע צעלאָכעס טאָנ.

קארל שטייט בא דער וואנט, קימאט גלײַכגילטיק הערט ער זיכ צו צו יענעמס ווערטער. ער טראכט וועגנ פראנצנ.

— האָבן זיי אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל?.. וואָס וועט ער טאָן, אויב זיי וועלן זיך מיט אים אויך אזוי באגיין? ער איז דאָך ניט קיין פּראָלעטאריער... ווי איז דאָס מעגלעך, זיי זאָלן נאָך האָבן אלץ דעם זעלבן טרעף־פּונקט?

דאָס אומפארשעמטע צוריידן ווערט אים דערווידער.

— מענטש, מאַך מיר ניט קיין אומאָנגענעמלעכקייטן, קומסט דאָך פונדאנען אלציינס ניט ארויס א לעבעדיקער! דאָס ווייסטו דאָך!

קראמער אונטערשטרייכט זיינע ווערטער מיט א באוועגונג פון דער רעכטער האנט, ווי ער וואָלט געוואָרגן וועמען.

— דאָס אינטערעסירט מיך גאָרניט!

— ווער ניט כוצפּעדיק! איך גיב דיר צייט ביז מאָרגן פרי!

איצט איז ער ווידער עכט. די אונטערשטע ליפּ רוקט זיך ארויס פאָרויס; ער גיט א נעם דעם גומענעם שטעקן פון גארטל.

— אויב דו ביסט דערצו צו פאכדאָניש, וועל איך דאָס אליין טאָן! אָבער דאַן היט זיך!

ער ווארפט אראָפּ דאָס ראזיר־מעסערל. אייגנארטיק ווייך איז דער טאָן, ווען עס פאלט. אין קאמער איז גאנץ שטיל. קראמער קוקט זיך נאָכאמאָל ארום. אויבן שאָקלט זיך די פּעטליע. א שטיקל מויער הינטער דעם פענצטער איז אן איידעס פון דער אויסערלעכער וועלט. דערנאָך זאָגט ער ווידער:

— איך זאָג דיר צום לעצטן מאָל! ביז מאָרגן אינדערפרי מוז דאָס זיין אָפּגעטאָן!

דער גומענער שטעקן שאָקלט זיך אין זיין האנט, ווען ער גייט ארויס.

קארל קוקט אים נאָך, הייבט אוף דאָס ראזיר־מעסערל און בייגט עס אין זיינע פינגער, ציט איבערן נאָגל.

— שארף! שטעלט ער פעסט.

ער שטייט לעם פענצטער. קוקט ארוף, רוקט צו אנטשלאָסן דאָס בענקל. אָנגעשפּארט אָן וואנט, שטייט ער אפן בענקל און נעמט אָן די שטריק. לאנגזאם דריקט ער צו דאָס מעסערל צו דער שטריק. ער טוט עס מיט דער זעלבסטפארשטענדלעכקייט, מיט וועלכער מע טוט אָפּ א נייטיקע ארבעט. אפּ קליינע שטיקעלעך צעשניידט ער די פּעט־

ליע, מיט די אויגן מעסט ער אָפּ די הייך ביזן פענצטער; א וואָרף — און די שטיקלעך פליִען אפּן פענצטער און גליטשן זיך ארויס אפּ יענער זייַט דורך די גראטעס. דאָס ראזיר-מעסערל האָט ער געמוזט דרייַ מאָל ווארפן; דאָס מעסערל איז צו לייַכט. אז ער האָט דאָס סאָפּקאָלסאָפּ אָפּגעפּאטערט, ווישט ער אָפּ די הענט, ווי זיי וואָלטן געוואָרן שמוציק.

„אזוי, בא אונדז פירט איר דאָס ניט אויס!"

ער גייט הין און צוריק איבערן קאמער: פיר טריט אהין, פיר טריט צוריק. „איינס, צוויי, דרייַ... פיר — צוריק!"

קארל פילט ניט די ענגשאפט. ער ווייס, אז דאָס, וואָס וועט קו־מען נאָך דער שטריק, איז ניט לייַכט, פונדעסטוועגן פילט ער זיך אזוי גוט, ווי ער האָט זיך שוין לאנג ניט געפילט.

„א געלונגענע אקציע!"

„ניין, ניין, דער קאָמוניסט קארל לעמקע האָט ניט נעפּרוווט און איז ניט באגאנגען קיין זעלבסטמאָרד. די געפעליקייַט האָט ער אייַך ניט געטאָן!"

פראנצ שטייט ווידער פאר זייַן פּאָלק-כאָווער אין האָרסט ווע־סעל־הויז.

— הער לאָמייער, זייער א פּאטאלער צוזאמענפאל פון די אומ־שטענדן! פראנצ שמייכלט שוואך און קוועטשט מיט די אקסלען. ער האָט מער ניט קיין קויעך צו שפּילן די ראָליע פון א „מילכאָמע־אָנטיילנעמער".

— ווירקלעך, — זאָגט ער שטיל.

— איר פארשטייט, מע שטעלט אוועק דעם כעוורעמאנ... ווי הייסט ער אייגנטלעך... ווי א פּאסטקע. און איידער מע שטעלט אים אוועק, לויפט איר דרייַ — פיר מאָל ארום פּונקט אפּ דעם אָרט, ווי... ווי זאָגט דער דיכטער?.. „ווי פון ליבע געפאנגענע..."

„דאָ איז א וועג!"

פראנצ טוט א שאָקל מיטן קאָפּ: ליבע!

דער פּאָלק-כאָווער מאכט צו אן אויג, ווי ער וואָלט אָנגעטאָן א מאָנאָקל.

— דיסקרעציע איז א זאך פון ערע. עס זייַנען פאראן פאלן, ווען אפילע מיר אָפיצערן ווערן יעצוווּנגען... עס קומט צו מיר צו דער קאָלעגע, וואָס באארבעט אייַער איניען, און זאָגט: דעם הער לאָמייער האָבן מיר שוין! אזוי, זאָג איך, און הייס מיך אינפאָרמירן גענוי. זייַנע „באווייַזן" האָבן מיר גלייַך אויסגעזען פארדעכטיק. דער הער לאָמייער איז געקומען אהין. — וווהין? — צום טרעפ־פונקט! — און איך: מענטש איינער, ווי שטעלט איר זיך פאָר, אז א מענטש, וואָס איז מיט דרייַ טעג צוריק געווען בא מיר, וועט גיין אהין, אויב ער איז דאָס, פאר וואָס איר האלט אים!?! צי האלט איר די קאָמונע פאר אזעלכע יאָלדן? — האָב איך צו אים געזאָגט.

ער לאכט. פראנץ שפיצט אָן די אויערן. דער געלעכטער קלינגט גאנץ אופריכטיק.

— איר האָט געהאט גליק, הער לאָמייער!

אפ פראנצס געזיכט ליגט די פראגע: „וויאזוי?" ניט ווילנדיק כאפט ער זיך אָן מיט דער האנט פארן פארוווּנדעטן אָרט.

— דאָס מיין איך טאקע! דער שאָס האָט געקאָנט צעברעכן דעם ביין. אייַך איז דאָך דאָס גוט באקאנט פון פלאנדריען, וואָס ווערט דערפון. אגעוו, נאָך עפעס, דער כעווּרעמאנ — הייסט ער ניט לעמקע?

פראנץ קוועטשט מיט די אקסלען.

— יאָ, אזוי הייסט ער טאקע, — זאָגט ווייַטער דער באאמטער, — ווייַזט אויס, ער האָט נאָך א רעשט אָנשטענדיקייַט, האגאם ער איז א פארפירטער מאָסקווער. אן אנדערער וואָלט אייַך גלייַך דערקענט, אויב אפילע ער האָט אייַך קיינמאָל אין לעבן אפילע ניט געזען... בא אונדז איז מען זיך אמאָל אזוי מוידע. אונדזערע כעווּרע ווייסן ווי אָנצוטרעטן אפ די מאָזאָליעס. אָפט טרעפט, אז מע האָט גענוג מי בא אזא מוידע זייַן איידער מע טיילט אָפ דעם ווייץ פון די קלייַען. זייער ווילדע זאכן זייַנען שוין אזויארום פאָרגעקומען! א סאך זייערע טראכטן: אויב עס גייט שוין קרום... איך קען אים טאקע ניט, ווייַזט אויס א געוויינלעכער בירגער, אָבער פארוואָס זאָל מען אים אויך ניט... לעמקע האָט זיך אָבער געהאלטן בא זייַן ערשטער דערקלערונג; מיר האָבן אים, דעם עמעס זאָגנדיק, ניט געשאנעוועט!

„ניט ווערן נערוועז, ניט ווערן נערוועז!" פראנצ האָט דאָס געפיל, ווי מע וואָלט אים געשטיקט באַם האַלדז.

„ניין, זיי האָבן דיך ניט געשאָנעוועט, קארל! איך אויך ניט..."

אז ער זעגנט זיך אָפּ, זאָגט דער פּאָליציי־אָפיצער:

— הער לאַמייער, בעט גאָט, אז איר זאָלט מער ניט אַרײַנפאלן אין אזוינע אומשטענדן. עס קאָן טרעפן ערגער! זעט, היט זיך!

די פארזאָרגטקייט ווערט פארשווונדן פון הילדעס געזיכט, דער שטערן ווערט גלאַט.

— יאָ, — זאָגט זי, — ניט געעפנט דאָס מויל?

— מע האָט ביידע גענומען אַפּאַנעמעסן אין דער ארבעט! — זאָגט דער שטורמאָוויק, — איר ווייסט דאָך, אז מע האָט האָלצ, פאלן שפּענער.

אירע טונקעלע אויגן ווערן צוויי האַרטע פּונקטן.

„אזא גוילעם!" טראַכט זי, „האָט אָבער נאָך ניט אַלצ פאַרשטאַנען".

— ער האָט נאָך געהאט גרויס גליק, אײַער פארוואנדטער; דער צווייטער האָט דאָך פאר מוירע געקאָנט אַלצ אויסטראַכטן!

באַ די דאָזיקע ווערטער מישט דער שטורמאָוויק שפּילעריש די קאווע.

— און פונדעסטוועגן מוז ער בלײַבן ארעסטירט?

די ברייטע פולע אַקסלען פון דעם שטורמאָוויק הייבן זיך אויף.

— קיין מאטעריאַל איז ניטאָ. אויב ער וועט ניט מאכן קיין נארישקײַטן, קאָן מען אין א געוויסע צײַט אַרום עפּעס אויפטאָן פאר אים!

— קאָן איך האָפן אַף דעם? — הילדע פרעגט שמייכלענדיק ליבלעך. איר קאָפּ איז צוגעבויגן צו אים.

דארף מען דאָס נאָך פרעגן? איר טרויט מיר נאָך אַלצ ניט אָן!

— לאָמיר בעסער ניט ריידן קיין נארישקײַטן, עמעס?

איך האָב נאָך יערנפאַלס צו געווינען אײַער גאנצן צוטרוי.

הילדע שווײַגט. מע גייט פֿאַרבײַ זייער טיש. דער קעלנער לייגט פֿאַר פּלעצער פֿאַר נײַע געסט. דער שטורמאָוויק פֿאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס.

אַז עס איז אַריבער אַ געוויסע צײַט, האָט פֿראַנץ אָנגעשריבן אַ בריוו, וואָס ער האָט איבערגעשיקט מיט אַ זיכערער געלעגנהײַט.

ער האָט געמאַכט פֿעלערן, אָבער זײַנע פֿעלערן אין דער ערשטער צײַט פֿון דער אומלעגאַלקײַט זײַנען זיכער ניט געווען קיין איינצלנע. „די פֿוילע, דעמאָקראַטישע געוווינהײַטן", האָט ער געשריבן, „און די דאָזיקע נערוועזע באַוועגענישן אויף די גאַסן און אין די קאָנדיטערײַען בײַ דער נײַער סיטואַציע האָבן געקאָסט פֿיל קאָרבאָנעס. איך האָב נאָך געלעבט מיט די געוווינהײַטן פֿון נעכטן, און מיט מײַנע קליינבירגערלעכן באַגריף וועגן ערד בין איך נאָך ניט געווען דערוואַקסן צו דער נײַער סיטואַציע". ער זעט איצט, אַז ער האָט ניט זיך און קאַרלען, נאָר אין גרונט גענומען דער גאַנצער אַרבעט געבראַכט שאָדן. „איך האָב דערפֿון אָפּגעלערנט און בין גרייט טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר מײַן האַנדלונג". ווי גרויס זײַנע פֿעלערן זײַנען, האָט ער דאָך דערוויזן, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, ער וואַרט דעריבער, אַז אויב די פּאַרטיי וועט דאָס געפֿינען פֿאַר מעגלעך, וועט זי אים צוציִען צו דער אַרבעט.

דער דאָזיקער בריוו איז ריכטיק אָנגעקומען אין די הענט פֿונעם קרײַז־סעקרעטאַר רודי. ער האָט אופֿמערקזאַם איבערגעלייענט און האָט אויף אַ שמאָל צעטעלע פֿאַרנאָטירט זיך ווערטער:

אַ ראַנדעוווּ הילדע — פֿראַנצל.

און דערבײַ האָט ער צוגעשריבן: אַ גוטע היימישע באַשעפֿטיקונג!

עס האָט זייער לאַנג געדויערט. איצט איז דאָס שוין געשען.

„דערמיט לאַדן מיר אײַך אײַן", איז געשטאַנען אויפֿן פּאָסטקאַרטל, „צו אונדזער טנאָים און מיר האָפֿן, ליבער קאָלעגע, אַז איר וועט אונדז ניט אָפּזאָגן. מיר רעכענען פֿײַערן אונדזערע טנאָים אין

אַן ענגן קרײַז און האָבן אײַנגעלאַדן די געסט אַף האַלב אַכט אזײ־
גער. מיר האָפן, אַז איר וועט קומען פּינקטלעך, און גריסן אײַך.
מיט דער גרעסטער אכטונג
הײַל הילדע קראוזע און כאָסן".

זײער לאַנגזאַם ציִען זיך די שאָען ביזן אָוונט. די געוויינלעכע
גלײַכמעסיקע אַרבעט איז איבערגעריסן. פראַנץ לייענט און לייענט,
אָבער זײַנע געדאַנקען זײַנען ווײַט — ער באַגרײַפט ניט די ווערטער.
זײַן פאַנטאַזיע מאָלט ווידער און ווידער די סיטואַציע, וואָס וועט
קומען, ער גרייט צו די ווערטער.

„רויִק, זאַכלעך!" שוין צום וויפלטן מאָל זאָגט ער זיך.

די צײַט, ווען ער גייט אין דער אַמבולאַטאָריע, קומט ווי א
דערלייזונג. די היִטן זײַנען ווידער אין אָרדענונג. מע מאַכט נאָר
מאַסאַזש. ווען דער מאַסאַזשיסט באַאַרבעט אים, טראַכט ער: „ווער
וועט קומען? — הילדע?" פאַר איר שעמט ער זיך מער ווי פאַר אַלעמען.

נאָך דער אַמבולאַטאָריע וואַנדערט ער אַרום אין די גאַסן.

„עס איז גוט זיך צו באַוועגן, ווען עס קאָכט אַזוי אין דיר".

דאָס איז שוין מער ניט די היסטעריע פון די פאַרגאַנגענע
וואָכן, דאָס איז א רויִקע אינטענסיווע מאַרך־אַרבעט. די פּענעמער
פון די דורכגייער פאַלן אים אויף; דער פאַנטאַסטישער אויסזען פון
די ערשטע היטלער־מאָנאַטן איז פאַרשוווּנדן. אַפילו די גוט געקלייד־
טע קוקן ערנסט און פאַרדײַגעט.

ער שטייט בא דער יאַנאָוויץ־בריק. איבער דעם פּאָליצײַ־פּרע־
זידיום פאַרשפּרייטן זיך פײַערדיקע וואָלקנס אין זון־אונטערגאַנג.

אין איינער פון די פּילצאָליקע קאַמערן זיצט דאָרט קאַרל.
ווייס ער נאָך, ווי דער הימל באַאַרבעט זיך פאַר זון־אונטערגאַנג? —
פאַרוואָס אַזוי סענטימענטאַל? — ער זיצט אין דער טונקעלער קאַמער
און טראַכט וועגן דעם, ווי די אַרבעט גייט דרויסן.

פראַנץ גייט צו דער שטאָטישער באַן. עס איז שוין צײַט.

„אַלזאָ, סאַקע הילדע!"

— מע האָט געזאָלט דיך אײַנגאַנצן אויסשליסן פון דער פּאַר־
טיי, — הייבט זי אָן, — א כאַוער לײַדט נאָך הײַנט צוליב דײַנע נאַ־

רישקייטן. אָן דיינע „העלדנטאטן" וואָלט ער שוין לאנג געווען אפ דער פריי!

טו נאָר א טראכט, מענטש איינער, וואָס דו האָסט אָנגעמאכט!! גייסט אין קארל ליבקנעכט־הויז, גוט, דו האָסט טאקע ניט געהאט קיין פארבינדונג און האָסט ניט געהאט וועמען צו פרעגן. מע לאָזט דיך אָפּ. דאָס איז פארדעכטיק. דו באקומסט א יעדיע פון אונדז, אז דו זאָלסט זיך היטן. מיר האָבן געוואָלט, אז נאָכן באזוך פונעם קארל ליבקנעכט-הויז זאָלן אריבער עטלעכע וואָכן איידער מיר וועלן דיך ווידער אריינציִען. ניין! דו לויפסט אפ די באקאנטע טרעפּ-פונקטן... און פאלסט, נאטירלעך, ארייַן! און דאָ לאָזט מען דיך ווידער אָפּ...

— המ!

הילדע ווערט אופגעקאָכט: וואָס המ! א גליק, וואָס זיי האָבן דיך אונטערגעשאָסן, א גליק איז, וואָס זיי האָבן דיך צעמיימעסט, אניט וואָלט איך געבליבן אליין מיט מייַן מיינונג, אז בא דעם אלעם ביסטו אן ערלעכער יאט!

זייַן שוואכער שמייכל בא די דאָזיקע ווערטער קומט אים אליין פאָר צו זייַן ניט פּאסיק.

— מענטש איינער, וואָס איז אייגנטלעך מיט דיר געווען?

— אלץ איז געקומען אזוי פּלוצלינג!

— עפשער האָבן מיר אייַך געזאָלט צושיקן אן אינפאָרמאציע־בריוו? — הילדע לאכט און מאכט דערבייַ א שפּאָטישע האנט־באַ-וועגונג.

פראנצן איז געוואָרן לייַכטער אפן הארצן; ער עטעמט אָפּ. ער האָט זיך דעם שמועס פאָרגעשטעלט אנדערש.

„אָבער אזוי איז בעסער. צו וואָס טראגיש?" טראכט ער.

— וואָס וועט הייסט דאָס זייַן מיט מיר?

הילדע שטייט שוין אוף:

— דו באקומסט א שטרענגן אויסרייד, אויסער דעם אן אדרעס, ווו דו וועסט האָבן א צימער פאר א באשטימטער ארבעט. דו וועסט דאָרט צוזאמענשטעלן מאטעריאלן און מיס־טאָמע דערבייַ זיך לערנען אויך דיסציפּלין! — דאָס איז דער

באשלוס, וואָס איך דאַרף דיר איבערגעבן. אגעוו, זע, בײַט איבער דײַן צימער. ווענן אײנצלהײַטן וועט מען דיר שפּעטער אינפאָרמירן!

איידער זי עפנט די טיר, ווארפט זי נאָכאמאָל דאָס וואָרט: — דיסציפּלין, יאט, פארשטייסטו, דיסציפּלין!

פראנץ ווארט נאָך א פערטל שעה, דאן גייט ער אויך אוועק. דורכן וועלדל גייט ער צו דער שטאָט-באן.

„ווי שיין איז אייגנטלעך דער דאָזיקער שיטערער וואלד!" פאר דער באגעגעניש האָט ער אים גאָרניט באמערקט.

„ווי הילדע האָט זיך אנטוויקלט!.. קארל!.. עס איז, הייסט דאָס, פאראן א האָפענונג, אז ער וועט ארויס אַף דער פרײַ!?!"

ער שטעלט זיך פאָר זײַן ערשטע באגעגעניש מיט קארלען.

„וועט פאַרקומען אָן איבעריקן פּאַטאָס! אַרבעטן, אָנגעשטרענגט ארבעטן מוז מען!"

די רעדער פון דער שטאָטישער באן רוישן אים דעם טאַקט אין מויער אריין: „דיס-ציפּלין! דיס-ציפּלין!"

ם. צ. וויַסקאָפ

די שטארקערע

אַ בריוו

כאוויירים!

איכ דארפ איַיכ מאכנ א מיטיילונג. די מיטיילונג איז וועגנ מיַינ ברודער מארטינ ה..., וועגנ וועלכנ איר ווייסט, אז ער האָט ארויסגעגעבנ דער געהיימער מעלוכע־פּאָליציי א סאכ גוטע כאוויירימ.

אייגנטלעכ וואָלט איכ זיכ געדארפט מיט איַיכ טרעפנ. מינדלעכ לאָזט זיכ א סאכ בעסער דערציילנ, וויַאזוי אלצ איז פּאָרגעקומענ אונ וואָס עס איז נעכטנ געשענ. אָבער דאָס טויג ניט, וויַיל איכ וויל איַיכ ניט שטעלנ אינ געפאר אונ וויַיל איכ מוז, ווייניקסטנס אפ דער נאָענטסטער ציַיט, פארשווינדנ נאָכ דעמ, וואָס נעכטנ האָט פאסירט.

דעריבער שריַיב איכ דעמ דאָזיקנ בריוו. איכ וויל אָנהייבנ פונ דעמ, וויַאזוי מארטינ איז געוואָרנ א שפּיאָנ. איכ האלט עס פאר נייטיק צו טאָנ, קעדיי די זאכ אופצוקלערנ אונ דערפונ זיכ אָפּ־לערנענ.

ווי איר ווייסט, האָט מארטינ נאָכ דער סרייפע אינ רייַכסטאג ניט געקאָנט וויַיטער בליַיבנ אינ זיַינ ראיאָנ, ער איז דאָרטנ געווענ צו באקאנט. ער איז אריבערגעפאָרנ אינ ר..., ווו ער האָט אָפּגע־דרוקט די ערשטע אומלעגאלע פלוג-בלעטלעכ אונ האָט אָרגאניזירט די אונטערערדישע פּרעסע. ווענ מע האָט אינ דעמ דער־בייַיקנ ראיאָנ ארעסטירט עטלעכע אָנפירנדיקע כאוויירימ, האָט ער אויכ דאָרטנ איבערגענומענ די אָנפירונג מיט דער ציַיטונג־ארבעט. עס איז אלצ געגאנגענ זייער גוט, ביזוואנענ עס איז ניט דורכגע־

פאלנ די געהיימע דרוקערייַ אפ דער ס... גאס און עס האָבנ זיכ ניט אָנגעהויבנ די מאסנ-אונטערזוכונגענ. מארטינ האָט זיכ דאנ קוימ אויסגעדרייט פונ אנ ארעסט, אָבער זיי האָבנ שוינ געוווסט וועגנ אימ און האָבנ שוינ קעסיידער געלויערט אפ אימ. דאָכ האָט ער זיכ נאָכ געקאָנט האלטנ א היפשע צייַט, ווענ א פריִערדיקער שולכאווער וואָלט אימ ניט פארשאָטנ.

ווענ זיי האָבנ אימ ארעסטירט, האָט ער בא זיכ געהאט פאלשע דאָקומענטנ, אָבער זיי האָבנ ארויסגעקראָגנ, ווער ער איז און אז פונ זייַנ פריִערדיקער ארבעט מוז ער קענענ הונדערטער כאווירימ. און זיי האָבנ פונ אימ גלייַב געפאָדערט, ער זאָל זיי אָנרופנ די אדרעסנ און זאָל דערקענענ ארעסטירטע. און ווייַל ער האָט ניט געוואָלט ריידנ, האָבנ זיי אימ אוועקגעשטעלט אפ דער פאב-שטראסע און אפ דרייַ טעג אריינגעוואָרפנ אינ קעלער. מייַנ פרוי האָט אינ צווי וואָכנ ארומ באקומענ א דערלויבעניש באזוכנ אימ אינ שפיטאָל; זי האָט אימ קוימ דערקענט, ער איז געווענ אינגאנצנ געשוואָלנ. אפ זייַנע וועש, וואָס זי האָט פונ אימ געבראכט, האָט מענ ניט געקאָנט קוקנ, עס איז געווענ א גרויל.

זיי האָבנ אימ דערנאָכ געהאלטנ זעקס וואָכנ ארעסטירט און קעסיידער פארהערט, טאָג און נאכט, מיט גאנצ קליינע איבערייַסנ. סאָפּקאָלסאָפ האָבנ זיי אימ געבראכט צו אזא צושטאנד, אז זיי האָבנ אלייִנ מוירע געקראָגנ — ער וועט קראפירנ. דאָס האָבנ זיי ניט געוואָלט, זיי האָבנ נאָכ גערעכנט פונ אימ עפּעס ארויסצוקריגנ. האָבנ זיי אימ ארויסגעלאָזנ, ווארשייַנלעכ האָבנ זיי געהאָפט צו דערוויסנ זיכ, מיט וועמענ ער וועט זיכ פארבינדנ. אָבער ער האָט זיכ געכאפּט און איז פּאָשעט געזעסנ אינ דער היימ. ער איז אגעוו געווענ אזוי פארמאָרדעוועט, אז ער האָט אפריִער געמוזט א ביסל קומענ צו זיכ. גראָד ווענ ער איז שוינ געוואָרנ א ביסל מונטערער און האָט אייַנגעשטעלט די ערשטע פארבינדונג מיט כאווירימ, האָבנ זיי אימ ווידער גענומענ. און אלצ האָט זיכ אָנגעהויבנ פונדאָסנייַ; פאב-שטראסע, שפיטאָל, געשטאפּאָ.* ווענ מע האָט מיר אינ פּאָליציי-

* געהיימע מעכוכישע פּאָליציי.

פרעזידיום געזאָגט, אַז ער זיצט אינ טעמפּעלהאָף, אינ „קאָלומביִא־הויז“, האָב איכ געמיינט, אַז איכ וועל אים שוינ מער ניט זענ. אָבער זיי האָבנ אים ניט אַוועגפֿאַטערט, זיי האָבנ נאָכ אַלצ געהאָפֿט אַרויס־צוקריגנ פֿונ אים, וואָס ער ווייס. שפּעטער האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער ווייס אַליינ ניט, וויאַזוי האָט ער דאָס אַלצ געקאָנט אויס־האַלטנ, די פּייניקונגענ אונ די פֿאַרהערנ אונ דאָס שאָענלאַנגע שטיינ אויסגעצויגנ. ער האָט געמוזט זיינ אינ אַזאַ צושטאַנד, ווי דאָס איז בײַ אַ טויט־קראַנקנ. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיכ געפֿילט אַזוי, ווי ער וואָלט שוינ פֿונעם לעבנ אַוועק, נאָר ער איז נאָכ ניט גע־קומענ צום צווייטנ ברעג.

דאַנ זיינענ זיי געפֿאַלנ אַף אַנ אַנדער אײַנפֿאַל. זיי פֿלעגנ אים מיטנעמענ צו הויז-אונטערזוכונגענ אונ אַרעסטנ. שטענדיק, ווענ מע פֿלעגט דאַרפֿנ ווערנ אַרעסטירנ אָדער כאַפּנ מאַטעריאַל, פֿלעגט מאַרטינ מוזנ מיטפֿאָרנ, פֿאָרנט, לעמ שאָפֿער, אַזוי, אַז דאָס פֿלעגט אויסזענ, ווי ער וואָלט געווענ דער וועג־ווײַזער פֿאַר דעמ פּאָליציי־אָפּטייל.

ער האָט קעסיידער שטענדיק פֿאַרזיכעט, צולעצט נאָכ נעכטנ אויכ, אַז ער האָט איבערגעשיקט צו די כאַווײרימ אָנ אַ צאָל קסי־ווּעס, קעדיי זיי אויפֿצוקלערנ, אָבער זיינע ברײוולעכ האָט מענ, ווײַזט אויס, איבערגעכאַפּט. באַמ פֿאַרהערנ אַרעסטירטע פֿלעגנ זיי אים אויכ לאָזנ שטיינ הינטער דער טיר פֿונעמ פֿאַרהער-צימער אונ פֿלעגנ פֿירנ פֿאַרבײַ אים די אַרעסטירטע. אינ צימער פֿלעגט מענ זיי זאָגנ, אַז זיי האָבנ ניט וואָס צו לייקענענ, ווײַל אַ געוועזענער כאַווער האָט אַלצ אויסגעזאָגט אונ זיי קאָנענ זיכ ראַטעווענ בלויז אויב זיי וועלנ זיכ פֿולשטענדיק מוידע זיינ. זיי האָבנ אויכ מאַרטינענ אָנגע־טאָנ אינ אַ נײַעמ אָנצוג, אויסגעפּוצט פּונקט ווי אַ שפּיאָנ, וואָס מאַכט געגנוג געלט. אַ פּאָר מאָל האָט מאַרטינ געפּרוווט מאַכנ אַ סקאַנדאַל, קעדיי די אַרעסטירטע כאַווײרימ צו ווײַזנ, וואָס דאָ קומט פֿאָר, אָבער אינ אַזעלכע פֿאַלנ האָבנ די באַאַמטע געהאַלטנ זיכ אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווענ אַנ אָפּגערעדטע קאָמעדיע. אַגעוו איז שוינ דער פֿאַרדאַכט קעגנ מאַרטינענ געווענ אַזוי גרויס, דערצו איז נאָכ דערשינענ אַ פֿלוג-בלעטל וועגנ דעמ, אַז ער איז אַ געקויפֿטער

שפּיאָנ. עס איז מעגלעכ, אז אויכ דאָס פלוג־בלעטל האָט די געשטאפּאָ געמאכט (זי האָט שוינ אזוינס אָפּגעטאָנ) אונ עפּשער ניט. יעדנפאלס האָט קיינער פונ אונדזערע ניט געוואָלט האָבנ מיט אים קיינ געשעפטנ, ווענ מע האָט אים פּלוצלינג ארויסגעלאָזנ. זיי זײַנעג געווענ גערעכט, זיי האָבנ זיכ געמוזט באציִענ מיט אומצוטרוי אונ זײַנ פּאָרזיכטיק; ער איז געווענ פארדעכטיק, זײַנע דערקלערונגענ האָט מענ ניט געקאָנט נאָכקאָנטראָלירנ. מע האָט געמוזט האנדלענ לויטנ פּרינציפּ, אז עס איז טויזנט מאָל בעסער באווּלענ איינ כאַווער, איידער שטעלנ אינ געפאר די אָרגאניזאציע.

נעכטנ האָט ער מיר געזאָגט, אז ער האָט דאָס דאנ אליינ פארשטאנענ אונ פונדעסטוועגנ האָט ער ניט געקאָנט פארטראָגנ, וואָס מע באהאנדלט אים ווי א שפּיאָנ. דעריבער איז ער געווענ אזוי צערודערט, ווי מע וואָלט אים דערלאנגט איבערנ קאָפּ. אָבער ווער האָט דאנ געקאָנט אפּ זיכער זאָגנ, צי ער איז צערודערט, ווײַל ער געפינט זיכ אונטער א פארדאכט, אָדער ער האָט א שלעכטנ געוויסנ? איכ אליינ האָב זיכ ניט געקאָנט פּאנאנדערקלײַבנ אינ אים. איכ האָב אים געוואָלט גלייבנ, אָבער דאָ קומט, צומבײַשפּיל, א פּאָליציי־אגענט אונ ברענגט אים געלט אינ א קאָנווערט. מארטינ האָט דאָס געלט ניט אָנגערירט, אָבער דאָס האָט געקאָנט זײַנ א שפּיצל. עס איז ביכלאל געווענ שווער צו זאָגנ, ווו איז דאָ דער עמעס אונ ווו איז די קאָמעדיע. איכ האָב דאָס ניט געוווּסט. איכ האָב מיכ געפילט, ווי אינ א נעצ. דאָס איז געווענ די שווערסטע צײַט פונ מײַנ לעבנ.

דערנאָכ האָבנ זיי ווידער גענומענ מארטינענ אונ האָבנ אים ווידער געלאָזנ פאָרנ אפּ די אווטאָמאָבילנ פונ די פּאָליציי־אָפּטיילונגענ. ער איז געווענ דערבײַ, ווענ מע האָט צוגענומענ א העלפט פונ דער אָנפירונג פונעם אונטערבאצירק מ... אלצ זײַנע אלטע פרײַנט. זיי האָבנ אויכ אָנגעהויבנ אים שאָענלאנג פארהערנ. זיי האָבנ ווידער אײַנגעטײַנעט מיט אים: „עפנט שוינ א מאָל אופּ דאָס מויל! אײַער שווײַגנ האָט דאָכ שוינ מער קיינ זינ ניט! אײַערע כאווירימ האלטנ דאָכ אײַכ פאר א מענוול. זיי ווילנ דאָכ קיינער וועגנ אײַכ מער ניט וויסנ. בא דער ערשטער געלעגנהײַט וועלנ זיי אײַכ אוועק־

לייגנ ווי א מעשוגענעמ הונט. פאר דער פארטיי זײַט איר א פראָוואָקאטער, צי איר האָט אונדז יאָ געהאָלפנ צי ניט. האָט שוינ סייכל אונ ארבעט פאר אונדז! „אזוי איז דאָס געגאנגענ קעסיידער: פארהערנ, אײַנריידענישנ, פײַניקונגענ. זיי האָבנ אימ געבראכט אונדזערע „שווארצע ליסטעס", ווו ער איז געווענ פארשריבנ, ווי א שפּיאָנ. זיי האָבנ אימ אויכ געבראכט קאמער־צײַטונגענ, ווו מע האָט געוואָרנט פאר אימ. אונ דערנאָכ האָבנ זיי אימ געזאָגט, אז זיי וועלנ אימ דערשיסנ. אָבער זיי האָבנ אימ ניט דערשאָסנ אונ ווײַטער אײַנגערעדט, גאנצע נעכט נאָכאנאנד אײַנגעטײַנעט מיט אימ: ער האָט דאָכ געשוויגנ נאָר קעדיי צו האלטנ ריינ זײַנ פראָלעטארישע ערע, אָבער די דאָזיקע ערע איז שוינ ניטאָ אונ אויב זיי וועלנ אימ אוועקלייגנ, וועט אימ אויכ דער טויט ניט ריינ וואשנ; ער וועט פייגערנ, ווי א פארעטער!

סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער זיכ אונטערגעגעבנ. ער האָט מיר נעכטנ מוידע געווענ, אז ער פארשטייט, אז ער האָט געזאָלט זיכ בעסער לאָזנ דערהארגענענ. אָבער ער איז שוינ דאנ געווענ צופּיל צעקראָכנ אונ צעבראָכנ.

דעמלט האָט ער אָנגעהויבנ ארויסצוגעבנ, האָט אויסגעזאָגט פסעוודאָנימענ אונ אָנגערופנ אדרעסנ. אָבער דאָס אלצ האָט שוינ פאר זיי קימאט קיינ ווערט ניט געהאט — שוינ צו לאנג האָט ער ניט געהאט קיינ פארבינדונג מיט דער אָרגאניזאציע. פונדעסטוועגנ האָבנ זיי אימ ארײַנגעוואָרפנ אינ „קאָלומביאַ־הויז" ער זאָל דערקענענ די ארעסטירטע. דאָרטנ האָט מענ אימ געוויזנ אלע ארעסטירטע, וואָס מע האָט ניט געוווסט, ווער זיי זײַנענ, אונ ער פלעגט ארויסכאפנ די, וואָס ער האָט געקענט. איר ווייסט דאָכ, אז ער האָט געקענט זייער א סאכ. אהיימ איז ער שוינ מער ניט געקומענ. זיי האָבנ, ווײַזט אויס, מוירע געהאט, מע זאָל אימ ניט אונטערשיסנ. ער האָט געוווינט בא א קרימינאל־קאָמיסאר ערגעצ הינטער דער שטאָט.

נעכטנ איז ער אומגעריכט געקומענ צו מיר. איכ האָב אימ ניט געוואָלט עפענענ, אָבער ער איז ניט אָפּגעטראָטנ פונ דער טיר, אונ סאָפּקאָלסאָפּ האָב איכ אימ ארײַנגעלאָזנ.

ער האָט מיר אַלץ דערציילט. דאָס איז געווען, ווי איינ גאָס. עס איז געווען אויסערסט פּיינלעך פאַר אים און פאַר מיר. אַז ער האָט געענדיקט, האָב איך געוווּסט: ער האָט זיך געווערט, אָבער זיי זיינען געווען שטאַרקער פון אים, האָבן זיי אים צעבראָכן. איך האָב אָבער אויך געוווּסט, אַז דאָס קאָן אים ניט באַרעכטיקן, אַז מיר מוזן זיין שטאַרקער, ווי זיי. ער איז גערעכט: ער איז צעבראָכן און פאַרדאָרבן. מע קאָן אים ניט העלפן, און ער טאָר ניט בלייבן לעבן.

איך האָב גענומען דעם רעוואָלווער, זיין אייגענעם רעוואָלווער, און איך האָב אים דערשאָסן. זיינע פּאַפּירן און די פּופּציק מאַרק, וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע, שיק איך מיט.

איך ווייס, אַז איך קאָן ניט פאַרלאַנגען פון אייך קיין אונטערשטיצונג, און איך פאַרלאַנג אויך ניט. איך האָף, אַז איך וועל אַזוי אויך דורכקומען. ווי עס וועט נאָר מעגלעך זיין, וועל איך זיך גלייך מעלדן בא דער פּאַרטיי. די פופציק מאַרק בעט איך איבערגעבן דער רויטער הילף.* אין די צייטונגען זאָלט איר שרייבן, אַז מאַרטין איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פאַר מוירע אָדער צוליב דעם, וואָס זיין געוויסן האָט אים ניט געלאָזט רוען. ער איז געווען אינגאַנצן צעבראָכן. ווי איך האָב שוין אין אָנהייב געשריבן, מעלד איך אייך וועגן דעם, קעדיי דאָס זאָל זיין א לערע פאַר אַנדערע.

מיט אונדזער גרוס — ראָט פראָנט.

ה ע ר מ א נ ה...

דאָס דערשאָסענע שווייגן

אינעם קאָנצלאַגער פּ... לעם ד... אין ברוינשווייג האָבן די אַרעסטאַנטן, פיר הונדערט אַרבעטער, צופעליק זיך דערוווּסט, אַז קלאָרע צעטקין, וואָס א סאַך פון זיי האָבן זי געקענט פּערזענלעך און וואָס איר לעצטע רעדע אין רייכסטאַג, וועלכע איז געהאַלטן

---

* דער „מאָפּר״-אָרגאַניזאַציע.

געוואָרנ שוינ אינ שאָטנ פונ טויט, האָבנ זיי נאָכ אלע געדענקט, איז מער ווי מיט א וואָכ צוריק געשטאָרבנ אונ איר אש איז אייַנ־געמויערט געוואָרנ אינ מאָסקווע אינ דער קרעמל־וואנט, לעמ לעניִנס מאווזאָליי.

זיי האָבנ אלע גלייַכ באשלאָסנ, אז זיי דארפנ באערנ דעמ אָנדענק פונ דער פארשטאָרבענער. זיי האָבנ אָבער ניט געוווּסט ווי־אזוי. האָבנ זיי באשלאָסנ צומ צייכנ פונ טרויער אונ טרייַהייַט דעמ גאנצנ פאָלגנדיקנ טאָג ניט אויסריידנ קיינ איינ וואָרט.

דעמ באשלוס האָט מענ אויסגעפילט פינקטלעכ, האגאמ די וואכ האָט אלצ געטאָנ, קעדיי די ארעסטירטע, ווי זיי האָבנ דאָס אָנגערופנ, אייַנגעבנ סייכל. אפילע דער קאָמענדאנט פונ לאגער, אנ אויסגעדינטער קאפיטאנ־לייטענאנט, וואָס זייַנ פיליאָריקע דערפאָלג־רייַכע פירער־קאריערע אינ דעמ באלטישנ אונ אויבערשלעזישנ פרייַוויליקנ קאָרפוס, אינ דעמ רייַכסווער אונ אינ די שטורעמ־אָפטיילונגענ וואָלט אימ אייגנטלעכ געדארפט מאכנ פייִק דערצו, — אפילע ער האָט אויכ ניט באוויזנ צו ברעכנ דעמ ווילנ פונ די ארעסטירטע. אלצ, וואָס ער האָט אויסגעפירט, איז געוועזנ, אז מע האָט שפעט נאָכמיטיק געמוזט אָפשיקנ צוויי אונ צוואנציק ארעסטירטע מיט געפערלעכע בלוט־שטורצנ אינ לאזארעט־באראק.

די ווירקונג פונעמ שווייַגנ פונ די פיר הונדערט ארעסטירטע איז געוועזנ אזוי גרויס, אז די ערשטע גערויכט פונעמ אָוונט־ברויט — א וואסערדיקער זופ — האָט מענ אָפגעשאפנ אלס א שטראָפ, אונ די ארעסטירטע האָבנ זיכ געמוזט באנוגענענ בלויז מיט דער צווייטער גערויכט — מיטנ האָרטנ וועסעל־ליד — אונ נאָכנ אָוונט־ברויט האָט דער קאָמענדאנט פונעמ לאגער געהייסנ פארטאָפלענ די פאָסטנס אונ אויסשטעלנ קוילנוואָרפער. די גאנצע נאכט האָט דער קאָמענדאנט אונ זייַנ גארניזאָנ פארבראכט אָנ שלאָפ אינ די קליידער אונ שטיוול, — אויס מוירע פאר עפעס אנ אומהיימלעכנ, פלוצלינגדיקנ אָנפאל פונ הינטנ.

צי ווייַל די שרעק האָט אימ פלוצלינג באהערשט, צי ווייַל ער האָט געהאָפט דערמיט בייַקומענ די שרעק, אָבער פארטאָג האָט דער קאַפיטאנ־לייטענאנט באפוילנ ארויפנעמענ פונ די נארעס דרייַ ארעסטירטע, אנ אלטנ מעטאל־ארבעטער, וואָס וועגנ אימ האָט מענ גע־

ווּסט, אז ער איז נאָכ אינ דער מילכאָמע געווענ א ספּארטאקיסט, אונ צוויי יונגע ארבעטער, וואָס אינ זייער וווינונג האָט מענ געפונענ קאָמוניסטישע ליטעראטור, אונ ווײל זיי זײַנענ געבליבנ שטומ אויכ אונטער די ביקסנ פונ דער קאָמאנדע פאר באזונדערע אופטראָגנ, האָט ער געהייסנ דערשיסנ זיי „באמ אנטלויפנ“.

דער לעצטער ווּנטש

בא דער קעפּונג פונ די פיר אלטאָנער ארבעטער, וואָס זײַנענ פארורטיילט געוואָרנ צומ טויט דערפאר, וואָס זיי האָבנ געענטפערט מיט א שיסערײַ אפ דער שיסערײַ פונ די שטורמאָוויקעס, איז פאָרגעקומענ א פאל, וועגנ וועלכנ מע האָט לאנג גערעדט אינ די האמבורגער האפנ-קוואַרטאלנ, פאבריק־גאָרקיכנ אונ וווינונג-קאזארמעס.

צו דער קעפּונג האָט מענ ארויסגעפירט פינפ אונ זיבעציק ארעסטירטע, קעדיי זיי זאָלנ זענ, ווי עס שטארבנ זייערע כאוויירימ. פאר דער קעפּונג האָט מענ געפרעגט דעמ יינגסטנ פארורטיילטנ, א נײַנצנ־יאָריקנ, צי ער האָט נאָכ עפּעס א ווּנטש. ער האָט געענטפערט: יאָ, ער האָט א ווּנטש, ער וויל זיכ נאָכאמאָל ווי געהעריק אויסציִענ, זאָל מענ אראָפּנעמענ די האנט־קייטלעכ. דער וואכמײַסטער האָט אימ באפרײַט פונ די קייטנ. דער באָכער האָט זיכ אויסגעצויגנ. מיט פויסטנ אופגעהויבענע צומ הימל, איז ער א ווײַלע געשטאנענ רויִק. אונ מיטאמאָל, נאָכ איידער די ארומיקע האָבנ זיכ געכאפּט, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער בליצ-שנעל דערלאנגט מיטנ פויסט דעמ פירער פונ די שטורמאָוויקעס, וואָס האָט קאָמאנדירט מיט דער וואכ, אונ האָט אימ אויסגעהאקט די פאָדערשטע ציינ.

נאָכדעמ האָט ער אוועקגעלייגט דעמ קאָפּ.

די האמבורגער ארבעטער האָבנ אימ פארשטאנענ. זיי האָבנ געווּסט, אז ער האָט געשלאָגנ ניט פונ אָנמעכטיקער רעציכע, נאָר אלס רופ צו די כאוויירימ, אז אינ יענעמ טאָג, וואָס ער וועט אימ שוינ ניט דערלעבנ, אָבער זיי וועלנ אימ יאָ דערלעבנ, זאָלנ זיי דערמאָנענ זײַנע לעצטע ווערטער: „פאר אײַערע קינדער, פאר די כאוויירימ, פאר דער צוקונפט פונעמ ארבעטער־קלאס — דערלאנגט!“

די שטריק

פאר די ארעסטירטע, וועלכע מע פלעגט אריינזעצן אין די קארצערס — די אזויגערופענע „בונקערס" — פאר זייער „אומגעהאָרכזאמקייט" אָדער ווייל דעם קאָמענדאנט האָט זיך אזוי פארוואָלט, פלעגט די קאנצעליאריע פונעם קאָנצלאגער דאכאו אויסשרייבן ניט נאָר „שטראָף-קארטן", נאָר אויך די געלע טויט-קארטן, און דערנאָך, ווען אין לאגער פלעגט פאסירן א „טויט דורך זעלבסטמאָרד", פלעגט מען זיי אָפשיקן צום זשאנדארמעריע-פּאָסטן און א קאָפּיע צום פּראָקוראָר אין מינכען. די אויפשריפטן אין די געלע צעטלען זיינען אין אלע געווען די זעלבע, אויסער דעם נאָמען, דער דאטע פונעם אָנקומען אין לאגער און פון טויט. יעדעס מאָל פלעגט זיין אָנגעשריבן: „אופגעהאנגען זיך אין קאמער" און „דער מאָטיוו איז אומבאוווסט".

מע פלעגט אָבער ניט פארשרייבן, אז אפילו דער „מאטעריעלער באווייז" איז שטענדיק געווען איין און דער זעלבער, איין און די זעלבע שטריק, וואָס איר פעטליע איז שוין געוואָרן גלאט און שווארץ פון אָפטן געברויך: אָבער איין מאָל איז געשטערט געוואָרן דער גאנג — מע קאָן זאָגן, דער רעגולערער גאנג פון די געשעענישן, בא וועלכע זי פלעגט באניצט ווערן. ערשט דאן האָט זיך אויך די שטריק באוויזן אין די אקטן.

דאָס איז געשען אזוי. אין א „בונקער" האָט מען אריינגעזעצט דעם קאָמוניסטישן לאנדטאג-דעפּוטאט ב... אן אָבערביירעשן וואלדהעקער. דער אָנפירער פון דער וואך, אויך פון אָבערביירן, האָט אים בא זיין אָנקומען אין לאגער באגריסט מיט די ווערטער „זייַ געגריסט אפן בעסוילעם". אין קאמער אריין האָט מען אים אריינגעגעבן די ביבל מיט דער באוווסטער שטריק. אפ דער פראגע, וואָס זאָל דאָס באטייטן, האָט ער באקומען אן ענטפער, אז ער זאָל זיך נאָר דערווארטן אפן באזוך פון דער קאָמאנדע פאר ספּעציעלע אופטראָגן, וועט ער שוין אליין פארשטיין דעם ציל פון דעם דאָזיקן „געשענק". די קאָמאנדע פאר ספּעציעלע אופטראָגן, ווי מע קאָן פארשטיין פון די טעמפּע קלעפּ און פארצווייפלטע געשרייען, איז גראָד געקומען צו באזוך אין איינער פון די שכיינעסדיקע קאמערן.

בלײַבט אים נאָך א טראכט צו טאָן, עפשער זאָל ער זיך ניט דער־וואַרטן אַפ איר באַזוך און אויסניצן די שטריק פריִער: קיין לעבע־דיקער וועט ער אַלציינס ניט אַרויס פונעם „בונקער", און עס איז דאָך אָנגענעמער, אַזוי צו זאָגן, אופצוהענגען זיך א געזונטער איי־דער מיט צעבראָכענע גלידער אָדער מיט צעטראָטענע געשלעכט־טיילן.

די אייצע אויסצוניצן די פעטליע האָט ב... ניט געפאָלגט. ניט דאַן, ווען ער איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט נאָכן ערשטן באַזוך פון דער קאָמאַנדע פאַר ספּעציִעלע אופטראָגן, און אויך ניט דאַן, ווען ער איז געלעגן אַפ דער פּאָדלאָגע נאָכן צווייטן און דריטן באַזוך מיט אָפּגעשלאָגענע נירן און מיט אויסגעהאַקטע ציין.

דאַן האָט מען אים אינאָוונט אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמער דעם טויטן קערפּער פון זײַן פרײַנט ד..., וואָס איז אָנגעקומען אין לאַגער צוזאַמען מיט אים. דער קאָמענדאַנט האָט דערבײַ געזאָגט, ער זאָל „אַזוי גוט זײַן און נאָכטאָן יענעם", און האָט צוגעגעבן, אַז די שטריק זאָל ער בעשומיפן ניט לאָזן ניט אויסגענוצט ביז מאָרגן אינדערפרי. דעם דאָזיקן באַפעל האָט דער אָבערסטורמער אויסגעפילט פּינקטלעך, — עמעס, נאָר אַפ א ניט־פּאָרויסגעזעענעם אויפן. אַפ מאָרגן אינדערפרי, ווען ער איז אַרײַן אין קאַמער, האָט דער דעזשורנע קאָמאַנדיר טאַקע געפונען הענגען אַפ דער שטריק א מענטשן אין פאַרבלוטיקטע אונטערוועש, אָבער דער אופגעהאַנגענער איז געווען ניט ב..., נאָר דער שטורמאָוויק, וואָס איז יענע נאַכט געשטאַנען אַפ דער וואַך פאַר די „בונקערס". דער אָבערסטורמער איז אַנטלאָפן אין דעם מונדיר פונעם שטורמאָוויק.

„אונדז קאָן קיינער"

צווישן די אָבערסטורמער, וואָס מע האָט געבראַכט אַפ א פּאַר־הער אין דער שטורמאָוויקעס־קאַזאַרמע „גענעראַל־פּאַפּ־שטראַסע" נאָך אַן אָבלאַווע אין בערלינער מיערעוו, האָט זיך געפונען דער מאַשי־נען־שלאָסער פּ... בא אים אין דער וווינונג האָט מען געפונען א ראָטאַטער און א מאַנוסקריפּט פון אַן אומלעגאַלער צײַטונג, וואָס איז שוין געווען אָנגעשריבן אַפ א וואַקס־מאַטריצע.

אפ די פראגנ, וואָס זײַנענ געווענ באגלייט מיט קאָלבעס־קלעפּ אונ פּיס־טריט, ווער האָט אָנגעשריבנ דעמ מאנוסקריפּט אונ פונ ווע־מענ האָט ער דאָס באקומענ, האָט פּ... געענטפערט, אז ער איז א קאָמוניסט אונ ער וועט ניט פאראטנ די כאוויירימ. דער פּירער פונ די שטורמאָוויקעס, וואָס האָט אימ פארהערט, האָט אימ דערויפ גע־ענטפערט, ער זאָל זיכ נאָר ניט גרויס האלטנ, אינ דער גענעראל־פּאפּ־שטראסע איז מענ שוינ דורכגעקומענ מיט גרעסערע קנאקער. דערנאָכ האָט ער אָפּגעגעבנ א באפעל, „דעמ כאזער צוימענ א ביסל".

די אָנווענדונג פונ אויסגעפּרווטע מיטלענ, ווי ברענענ די פּיאטעס פונ די פיס אונ ברעכנ די פינגער, האָבנ ניט געהאָלפנ, אונ דער ארעסטירטער, ווענ ער פלעגט זיכ אופכאפּנ פונעמ אָנמאכט, איז גע־בליבנ שטומ. דאנ האָט דער פירער פונ די שטורמאָוויקעס געהייסנ ברענגענ דעמ זונ פונעמ ארעסטירטנ אונ אינ זײַנע אויגנ געלאָזנ אימ שמײַסנ ביז האלב טויט. אָבער דער אלטער איז געבליבנ שטומ.

פול רעציכע האָט דער אָנפירער אָפּגעגעבנ זײַנע מענטשנ א פאראָרדענונג אוועקפירנ דעמ ארעסטירטנ אינ קעלער.

די געשיכטע פונ רעוואָליוציעס דערציילט וועגנ גרויסע אונ שטאָלצע ווערטער, וואָס מיט זיי פלעגנ שטארבנ די פארמישפּעטע רעוואָליוציאָנערנ:

שטייענדיק בא דער וואנט פונעמ בעסויפעמ פערלאשעז, האָבנ די פאריזשער קאָמונארנ אויסגערופנ צו גאליפעס סאָלדאטנ, וואָס האָבנ געצילעוועט אינ זיי „Vive la Commune!"*

לעווינע, ווענ מע האָט אימ געמאָלדנ וועגנ דעמ טויט־אורטייל, האָט געזאָגט, אז קאָמוניסטנ זײַנענ טויטע אינ אורלויב.

די רויטע קאָמיסארנ פונ באקו, ווענ מענ האָט זיי געפירט שיסנ, האָבנ געזונגענ דעמ „אינטערנאציאָנאל".

דער מאשינענ־שלאָסער פּ... האָט ניט אזוי געהאנדלט. ווענ די שטורמאָוויקעס האָבנ אינ קעלער אנטזיכערט די רעוואָלווערנ, האָט ער נאָר א זאָג געטאָנ אפנ עכטנ בערלינער דיאלעקט: „אונדז קאָנ קיינער!"

* זאָל לעבנ די קאָמונע!

די ליכטענבערגער כאווײרים, וואָס האָבנ אינ עטלעכע טעג ארומ געפונענ לעמ הויז, ווו פ... האָט געוווינט, זײַנ צעלעכערטנ קערפער, האָבנ געוווּסט, וואָס ער האָט געמיינט מיט די ווערטער. זיי האָבנ דאָס אופגעשריבנ מיט גרויסע ווײַסע אויסיעס אפ די ווענט אונ אפ די פארקאנעס:

„די קאָמונע לעבט! די קאָמונע וועט זיגנ!"

די רויטע טוכ

די מארגארינ-פאבריק לעבנ ר... איז געשטאנענ, אָבער דעמ 7-טנ נאָיאבער, אינעמ יאָרטאָג פונ דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע, האָט פונ איר קוימענ ארויסגעפלאטערט א רויטע פאָנ מיט א סערפּ אונ א האמער. דערפאר האָט דער אָרטיקער שוצ-אָטריאד ארעסטירט אלע מאנצבילנ — די איינוווינער פונ דער דערבײַיקער בײַדלעכ-קאָלאָ-ניע, וואָס האָט געהאט א שעמ פונ א קאָמוניסטישער נעסט. די ארעסטירטע האָבנ אָבער קיינ זאכ ניט געוואָלט מודע זײַנ. האָט מענ זיי אזוי לאנג געשלאָגנ, ביז וואנענ זיי זײַנענ אלע געפאלנ אינ כאלאָשעס אפ דער ערד. דאנ האָט מענ דערלויבט די ווײַבער, וואָס האָבנ געמוזט בײַזײַנ בא דער עקזעקוציע, זיי זאָלנ ווי-עס-איז ארומ-ווישנ זייערע מענער אונ פארבינדנ, איידער מע וועט זיי ארופלייגנ אפ לאסט-אווטאָמאָבילנ אונ אוועקפירנ.

דער שוצ-אָטריאד, וואָס האָט אפ מאָרגנ ארומגעזוכט אינ דער קאָלאָניע די עטלעכע מענער, וועלכע זײַנענ דעמ פאָריקנ טאָג ניט געוועזנ אינ דער היימ אונ האָבנ זיכ אזויארומ אויסגעדרייט פונעמ ארעסט, האָט געפונענ נאָר די קינדער אונ פרויענ. אָבער פונעמ קוימענ פונ דער מארגארינ-פאבריק האָט ווידער געפלאטערט א רויטע פאָנ.

דער פירער פונ אָטריאד האָט באפוילנ איינעמ פונ די יינגלעכ אראָפּנעמענ פונ קוימענ די „רויטע שטאטקע". אונ אינ דער צײַט, וואָס דאָס האָט געדויערט, האָט ער געהייסנ אלע פרויענ אונ קינדער זיכ אויסשטעלנ אונ אונטער די אָנגעצילעוועטע ביקסנ פונ זײַנ אָטריאד זינגענ די האָרסט וועסעל-ליד.

ווען דאָס יינגל איז אראָפּגעקראָכן פון קוימען, האָט זיך ארויס־געוויזן, אז די פאָן איז גאָר ניט געווען קיין רויטע. זי איז גע־ווען באַדעקט מיט זשאַווערדיקע, רויט-ברוינע און טונקל־רויטע פלעקן. און דאָס איז גאָר קיין פאָן ניט געווען, נאָר א טוך, אויסגעשמירט אין בלוט: דאָס איז געווען איינע פון די טיכער, מיט וועלכע די פרויען האָבן נעכטן ארומגעווישט זייערע מענער.

פראַנץ שניטער

העלדן־טויט און הענקער־טויט

פריִער איז אין דעם לאָקאַל געווען א קאַזינאָ פאַר אונטעראָפיצערן. די בונטע בילדער אפ דער וואַנט זײַנען צעקלאַפּט און צעריסן. א רײַטנדיקער אולאַן איז אָן א קאָפּ, ווײַל אין דעם אָרט האָט מען ארײַנגעקלאַפּט א האַטשיק, ווו עס הענגט איצט פּעויד־געשפּאַנט. בא א גוואַרדיע־שיסער הענגט אפן בויך א קליין קעסטל, ווי א קאַטערינקע. אינעם קעסטל געפינען זיך מעדיקאַמענטן פאַר די פערד פון דער פּאָליציי־אָפּטיילונג. פלעשער מיט יאָד, מיט קופּער־וויטריאָל, זויער־זאַלץ, זאַלבן און פאַרשיידענע עסיקן זײַנען דאָרט אויסגעשטעלט אין א ריי. דערבײַ ליגט א פערד־קאַם און א פענדזל. אין ווינקל שטייט א גרויסער קאַסטן און א בענקל. בא דער וואַנט, ווו פריִער איז געשטאַנען דער בופעט, שטייט א מאַשין צו שנײַדן סעטשקע. פון אלע איבעריקע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין צימער, קאָן מען זען, אז ערגעץ נאָענט געפינט זיך א פערד־לאַזאַרעט. די סעטשקע־מאַשין ווערט געלאָזט אין גאַנג ניט מיט עלעקטרע, נאָר מיט א פערד־געטריב. הייבט אָן א פערד מאַכן קאַפּריזן, שפּאַנט מען עס אײַן אלס שטראָף אין דעם געטריב און עס מוז ציִען. און דאָס פערד דרייט זיך אין קרײַז. דער אָנטרײַבער זיצט אפן קווערקלאָץ און דרייט זיך, ווי אפ א קאַרוסעליע. די קנאַקערײַ פון די שאַרפע מעסערס, וואָס פליִען זינגענדיק בא דער עפענונג פון דער מאַשין, דאַרף באַצווינגען דאָס פערד. ווען עס פעלט אויס וואָס צו שנײַדן, לאָזט מען די מאַשין ליידיק און זי דינט אלס פּײַניקונג־אינסטרומענט פאַרן פערד. עס הייבט אים אָן שווינדלען און עס ווערט מיד.

פון דעם לאָקאַל פירט אַ טיר אין אַ דערבייַיקן צימער. אַף דער טיר שטייט געשריבן, אַז דער אַרייַנגאַנג איז דערלויבט בלויז פאַר די באַאַמטע פון דער הילף־פּאָליציי, וואָס געפינען זיך אַף דינסט. אונטער דער אונטערשריפט איז אויסגעמאָלט אַף דער וואַנט מיט סמאָלע אַ סאָוועטישער שטערן. טראָפּן סמאָלע זייַנען אַראָפּגערונען, און עס זעט אויס, ווי דער שטערן וואָלט געוויינט.

ווען די סעטשקע־מאַשין גייט ניט, הערן זיך פון הינטער דער טיר שרעקלעכע געשרייען, זידלערייַען, און קרעכצן, קלאָלעס און געוויינען.

הייַנט האָט מען געבראַכט דעם 32־יאָריקן מוליער יאָהאַן הייַנזען. זייַנע פּאַפּירן זאָגן, אַז ער איז אַ קאָמוניסט. דערפאַר, וואָס ער וויל ניט זאָגן די אַדרעסן פון זייַנע כאַווירים, שלאָגט אים דער ברוינער אָפיצער מיט אַ לינייקע איבערן פּאָנעם. הייַנזען פאַלט. מע כאַפּט אים אונטער און מע בריקעט אים מיט די פיס און מע שלאָגט אים מיט די פויסטן. ער זאָגט גאָרנישט. די אַדרעסן פון די כאַווייַרים גיט ער ניט אַרויס.

צו נאָכמיטיק האָט שוין הייַנזען צאָלרייַכע וווּנדן. דער ברוינער אָפיצער וואַרפט אים אום און שטעלט זיך אַף זייַן בויך. דער גע־פּייַניקטער פאַלט אין כאַלאָשעס, גיסט אים עמעצער אָפּ דאָס פּאָנעם מיט אַן עמער וואַסער און דערנאָך מיט אַ טינטער טינט. אַלע לאַכן זיך פאַנאַנדער. די טיר עפנט זיך. עמעצער הייבט אויף די האַנט און פרעגט, צי עס וועט ניט שטערן, אויב מע וועט טרייַבן די סעטש־קע־מאַשין, ווייַל מע דאַרף טרייַבן אַ פערד. הייַנזען הערט, ווי עמע־צער שרייַט אויס: „קאָנסטו ניט אָט דעם אייַנשפּאַנען אין דער מאַשין ?!"

זיי פּרוּוון אופהייבן הייַנזענען, זאָגן זיך אָבער דערפון אָפּ. באַלד דערהערט זיך פונעם געוועזענעם קאַזינאָ: „סטינג, סטינג, סטינג". די מאַשין גייט.

הייַנזענס כאַלאָשעס איז אַריבער און ווייַזט אויס אויך דער צאָרן פונעם ברוינעם אָפיצער, ווייַל ער זאָגט גאַנץ רויִק: „זאָג אויס, נאַ־רישער יונג, די אַדרעסן און דו קאָנסט גיין. זאָג ווו געפינט זיך דער אַפּאַראַט, און דו קאָנסט גיין אַהיים. אַניט האָבן מיר אויך אַנדערע מיטלען".

היינזען האָט אַ געפיל, ווי ער וואָלט געשוואָלן געוואָרן און איז צוויי מאָל אַזוי דיק ווי פריער. אָבער זײַנע געדאנקען זײַנען קלאָר.

ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער וואָלט געווען בײַ דעם כאַווער בערגער אין קיך. ער נעמט אַראָפּ די פּלאַטע פון דער פּליטע, נעמט אַראָפּ אַ שטיין נאָך אַ שטיין. דערנאָך נעמט ער מיט בערגערן דעם קאַסטן, זיי שטעלן אים אַוועק אויפן טיש און עפענען דאָס דעקל. זיי נעמען פּאַפּיר און לייגן אויף דער בלישטשעדיקער פלאַכקייט. דער וואַליק דרייט זיך, און אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט פאַלט אויפן טיש. פלוג-בלעטער.

בערגער, האָלצמאַרק, נום. 7, אַרײַנגאַנג פון דער גאַס, פּערטער שטאָק. היינזען טוט אַ ציטער. ער ווייס ניט, צי האָט ער געזאָגט דעם אַדרעס אָדער ער האָט בלויז געטראַכט.

„ווילסטו, הייסט דאָס, ניט זאָגן!“ שרײַט דער אָפיצער, „ברענגט אים אַהין“.

היינזען פליט אין צימער, וווּ עס געפינט זיך די מאַשין. דאָס פערד דערשרעקט זיך. היינזענען שטעלט מען אַוועק מיטן פּנים צום סאָוועטישן שטערן. זײַנע געדאַנקען אַרבעטן גאָר קלאָר. מע טראָגט אַרײַן אַן עמער און אַ גרויסע פלאַש. די פלאַש גיסט מען אויס אין עמער. עס קאָכט און שיפּעט. זאַלצ־זויער. צו היינזענס פיס וואַרפט מען אַ פּאָר שמוציקע שמאַטעס. דער אָפיצער שרײַט: „טונק אײַן די שמאַטעס אין עמער און שײַער אָפּ דעם כאַזערשן ייִדישן שטערן“. אַלע אַדרעסן לויפן אים דורך אינזינען. ער ווייס, אַז די זויער-זאַלץ וועט אים צעפרעסן דאָס פלייש אויף די פינגער, און סע שטייט אים פאָר אַ שרעקלעכער טויט. אַ ווײַלע פאַרטראַכט ער זיך. די ברוינע הענקער שטיקן זיך פאַר געלעכטער. דער אונטערטרײַבער קוקט זיך צו צו דעם אַלעם, ווי צו אַן אַטראַקציע אין צירק.

„האָסט ניט וואָס לאַנג צו טראַכטן. זאָג די אַדרעסן אָדער נעם זיך צו דער שמאַטע!“

היינזען נעמט דעם עמער אין דער רעכטער האַנט און גיט אַ טראָט פאָרויס. אַלע גלידער טוען אים וויי. בליץ־שנעל גיט ער אַ נעם מיט דער לינקער האַנט דעם אונטערשטן ראַנד פון עמער

און טוט עס א גאָס אין די געזיכטער פון זייַנע פּייַניקער. אַף איין מאָמענט פאַרטויבן די געשרייען די קלאַפּעריַי פון דער מאַשין. מיטן קאָפּ פאָרויס וואַרפט זיך היינזען אונטער די מעסערס פון דער מאַשין. דער אָנטרייַבער שרייַט. ער האָט דערזען א רויטן שטראַל. אין דער מאַשין קנאַקט און טרעשטשעט, און אונטער די פיס פונעם פערד בלייַבט ליגן דער קערפּער פונעם כאַוער היינזען, וואָס האָט זיך אַליין אָפּגעשניטן דעם קאָפּ, וואָס איז געשטאָרבן ווי א העלד.

און מיט א פּאָר שאָ שפּעטער זייַנען געשטאָרבן אויך די דרייַ מיט דעם שרעקלעכסטן טויט, — מיטן הענקער־טויט.

אנדאָר גאבאָר

דער יאָנטעוו פון אופהייבן די פאָן

— וואָס איז דאָרטן ווידער? וואָס לויפן זיך די נאראָנים ווידער צונויף?

— איך ווייס ניט. טאָג-טעגלעך שפילן זיי קאָמעדיעס. מיסטאָמע האָבן זיי ווידער עפּעס אויסגעטראכט, קעדיי צו לאָזן מארשירן די שטורעם-אָפּטיילונגען און צונויפקלייבן אן אוילעם. דאָס דרייט אלץ אָן געבעלס, זיי האָבן אים דערויף ספּעציעל אנגאזשירט, געגעבן א מיניסטערשן געהאלט און אן אווטאָמאָביל, נאָר קעדיי ער זאָל מאכן וואָס א גרעסערן טומל...

דאָס איז א שטילער שמועס פארן טויער צווישן די מענטשן, וואָס שטייען דאָ מיט בלויע קעפּקעס אפן קאָפּ. דערנאָך גייען זיי אויך אוועק אין דער ריכטונג, וווהין אלע לויפן, קעדיי אויך א קוק טאָן די „קאָמעדיע".

די מאסע פארזאמלט זיך ארום די צוויי מעכטיקע קווארטאלן וווינ-הייזער פון דער בפג (בערלינער פארקער-געזעלשאפט, וואָס עקספּלואטירט די קאָמונאלע פארקער-מיטלען — טראמווייַ, אווטאָבוסן, מעטראָ). דאָס זעט אויס אזוי: פון לינקס און רעכטס שטייען צוויי קווארטאלן זעקס-שטאָקיקע מויערן, וואָס די פארקער-געזעלשאפט האָט אויסגעבויט פאר די אָנגעשטעלטע, קאָנדוקטאָרן און וואגאָנען-פירער. פאקטיש וווינען דאָ נאָר אָנגעשטעלטע פון דער געזעלשאפט: די קאָנדוקטאָרן און וואגאָנען-פירער קאָנען ניט צאָלן די הויכע דירע-געלט, וואָס מע נעמט דאָ פאר קליינע וווינונגען. דעריבער האָט מען אויך די פרייַ-געבליבענע דירעס פארדונגען זייַטיקע מענטשן. דאָס האָט אפילו ניט געשטימט מיט דער „פּראָגראם" פון דער געזעלשאפט

צו „פארבעסערן“ דעם שטייגער פון די ארבעטער, אָבער דאָס האָט אריינגעבראכט האכנאָסע. דאָס האָט נאָך געהאט דורכגעפירט בראָלאט, דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער דירעקטער פון דער „בפג“.

איך האָב אנומלט געהערט פון א קאָנדוקטער:

— דער פארשאָלטענער גראָבער בויך האָט פארפעסטעט דעם גאנצן קווארטאל מיט נאציס. מע קאָן דאָרטן שוין איצט ניט וווינען, אפילו ווען מע האָט דערצו געלט. פון לינקס האָסטו א נאצי, פון רעכטס א נאצי, דו זיצסט ווי אין א שטייג אונטער א וואך. שטעלסט אָן דעם גראמאפאָן מיטן „אינטערנאציאָנאל“, האקט מען דיר אריין פון לינקס און רעכטס דעם „פרידעריקוס“-מארש. און אפ מאָרגן אינדערפרי רייסן זיך שוין די פרויען פאר די האָר, ווייל די קינדער האָבן זיך צעמיימעסט אפ דער גאס. שוין בעסער צו וווינען הינטערן שטאָט אין די ביידלעך-קאָלאָניעס.

צווישן די ביידע הייזער-קווארטאלן געפינט זיך אָבער דער טראמוויי-פארק פאר גאנץ צאָפן-בערלין — אן אָנענדלעכע, מיט גלאָז געדעקטע געביידע, מיט הונדערטער טראמוויי-וואגאָנעס, ווייל א טייל וואגאָנעס האָט מען אין דער צייט פונעם קריזיס ארויסגענומען פון פארקער. דער אוילעם האָט אזוי וויניק געלט, אז ער קאָן זיך אפילו ניט באניצן מיטן טראמוויי.

דער דאָזיקער פארק איז געווען איינער פון די בעסטע קאמפ-פאָזיציעס בייס דעם גרויסן „בפג“-שטרייק. דאָ האָט מען אופגע-ריסן די רעלסן, צעשניטן די עלעקטרישע דראָטן, קונציק פאראלי-זירט די קאבעלן. די, וואָס האָבן דאָס דורכגעפירט, האָבן געקענט די מעלאָכע, ווייל דאָס איז געווען זייער פאך, אָבער — ביז דעמלט — אין א פארקערטער ריכטונג. דעם דאָזיקן פארק האָט מען אפגן פערטן און פינפטן טאָג פון שטרייק פארטיידיקט קעגן שטרייקברע-כער אין א בלוטיקער גאסן-שלאכט. די פאָליציי האָט געמוזט דריי מאָל ארויסרופן פארשטארקונגען, ביז עס איז איר געלונגען דורכצו-ברעכן די קייט שטרייק-פיקעטן. אָבער דאן זיינען שוין מער ניט געווען קיין שטרייקברעכער. אייניקע זיינען געלעגן אין די סטאנ-ציעס פאר גיכער הילף, ווו מע האָט זיי באנדאזשירט די צעשפאָל-טענע קעפ, אנדערע זיינען אנטלאָפן אהיים — בא זיי האָט שוין

אָפּגענומען דער כּיישעק צו ברעכן דעם שטרײַק. אפילו די הילף פון דער פּאָליציי האָט גאָרנישט געגעבן.

לינקס און רעכטס זײַנען די הײַזער-קוואַרטאַלן „שלעכטע", אָבער דער פּארק אינמיטן האָט א גוטע טראַדיציע.

און גראָד אפ די דאָזיקע הײַזער דאַרף מען דאָס הײַנט אופ-הייבן א נײַע פאָן. דאָס איז עס די קאָמעדיע, וואָס מע האָט צו-געגרייט אפ הײַנט. אפן הויז לינקס — די נײַ-אַלטע נאַציאָנאַלע פאָן: שוואַרץ-ווײַס-רויט (דאָס איז היטלערס האנאָכע דער הוגענבערג-גרופּע), פון רעכטס אָבער — די האַקנקרייץ-פאָן. דאָרטן אויבן אין דאַך-פענצטערל זעט מען מענטשן עפּעס ארומפּאָרקענריק זיך. זיי מאַניפּולירן מיט שטריקלעך, זיי האַלטן אין דער האַנט א צונויפגע-וויקלטע פאָן. בא דער שוואַרץ-ווײַס-רויטער פאָן דרייט זיך ארום נאָר איין ציווילער. אויסהענגען די „האנאָכע-פאָן" האָבן די נאַצי'ס איבערגעגעבן דעם הויזוועכטער. בא זייער אייגענער פאָן זעט מען צוויי אין נאַצי-מונדירן. פון אונטן דערקענט מען די היטלען: איי-נער איז א שטורמאָוויק (א געלע היטל), דער צווייטער — פון די שוץ-אָפּטיילן (א שוואַרצע היטל).

אונטן קלײַבט זיך דער עולם. איך זע נאָר די, וואָס שטייען פון אויסן, די שאָלעכץ פון דעם מענטשן-קנויל. אָבער איך ווייס, אז אינמיטן שטייט אן אָרקעסטער פון די שטורמאָוויקעס, ארום אים אן אָפּטיילונג שטורמאָוויקעס און ערשט דאַן די ציווילע נאָכלויפער. גאָר הינטן שטייען די נײַגעריקע.

עס הייבט זיך אָן מיט א רעדע. דער מענטש, וואָס האַלט די רעדע, שטייט מיסטאָמע אפ א שטול, ווײַל זײַן אויבערשטער האַלב-בער קערפּער שטאַרצט ארויס פון דער מאַסע. ער איז ציוויל גע-קליידט, איז דאָס, הייסט עס, איינער פון דער „בפג"-דירעקציע. ער רעדט ניט געוווּג הויך, איך הער נאָר אייניקע פראַזן, זיי האָבן א שײַכעס גראָד צו דער צווייטער פאָן, צו דער שוואַרץ-ווײַס-רויטער. דער מענטש איז, ווײַזט אויס, א דײַטש-נאַציאָנאַלער, די שטורמאָ-וויקעס שטערן אים, הוסטנדיק און ניסנדיק, און נאָך איידער ער האָט אייגנטלעך באוויזן צו ענדיקן, האָט דער נאַצי-אָרקעסטער אָנ-געהויבן צו האַקן די האָרסט וועסעל-ליד.

ערשט איצט ווערט רויִק, שטיל. אפֿן זעלבן אָרט שווימט ארויס פֿון דער מאסע א היטל און א ברוין העמדל פֿון א שטורמאָוויק.

— הײַל! — דערהערט זיך אים אנטקעגן, און די רעכטע הענט פֿון מיטן פֿון דער גרופּע ווארפֿן זיך ארויס אינדערלופֿטן. ער איז, ווײַזט אויס, א באוווסטער נאצי-רעדנער, ווייניקסטנס אין זײַן באצירק.

— פּארטיי-כאוויירים! שטורמאָוויקעס! באפֿרײַטע באפֿעלקערונג פֿון בערלין! — דערהערט זיך זײַן שטימע, א הויכע, א גלײַכמעסיקע, געווויינט ארויסצוטרעטן. מע הערט קלאָר זײַנע ווערטער, ווײַל ער רעדט לאנגזאם, רויִק. די אויסדריקן, וואָס ער האלט, אז זיי מאכן א באזונדער אײַנדרוק, באטאָנט ער זייער קינסטלעריש.

— ... די רויטע נעסט איז אויסגערויכערט, בערלין איז שוין מער ניט דײַטשלאנדס ברענענדיקע וווּנד. בערלין איז אונדזערע, די שטאָט פֿון די בראָלאטס, פֿון די בארמאטס און סקליארעקס איז געוואָרן די שטאָט פֿון אדאָלף היטלער!

— הײַל! — רוישט אים ווידער אנטקעגן.

ער שילדערט די קאָרופּציע־ווירטשאפֿט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראטן אין דער „בפּג”, ער רעדט וועגן די הויכע געהאלטן פֿון דער דירעקציע, וואָס דערמיט וועלן די נאציאָנאל-סאָציאַליסטן מיט איין שטריך פֿון פֿעדער מאכן אן ענדע, וועגן דעם שלעכטן פֿארקער, וואָס די נאציאָנאל־סאָציאַליסטן וועלן ווי מעגלעך גיכער ברענגען אין אָרדענונג. ער רעדט וועגן די הויכע פּרײַזן פֿאר בילעטן, וואָס די נאציאָנאל-סאָציאַליסטן וועלן שוין אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט צופּאסן צו די פֿארדינסט־פֿארהעלטענישן פֿון דער בערלינער באפֿעלקערונג. דערנאָך, פּונקט ווי דאָס אלץ וואָלט געווען ניט קיין הוילע צוזאָגן, נאָר שוין פֿארווירקלעכטע פֿאקטן, פּראָקלאמירט ער:

— די בראָלאטס האָבן געהאט שמוציקע הענט, אדאָלף היטלערס הענט זײַנען זויבער! די בראָלאטס האָבן בא אײַך אוועקגעגאנוועט דעם פֿארקער, אדאָלף היטלער שענקט אים אײַך פֿונדאָסנײַ! די בראָלאטס האָבן פֿון דער „בפּג” געמאכט א הויפֿן מיסט. אדאָלף היטלער קומט מיט א בעזעם, אדאָלף היטלער קערט אויס!

— הײַל! — רופֿן אויס צום דריטן מאָל די שטורמאָוויקעס. דאָס

מאָל, אפּ די דאָזיקע פּאָפּולערע פּראזנ רופט זיך אויך אָפּ דער אוילעם, וואָס שטייט ארום.

דערנאָך רעדט ער וועגנ דער האקנקרייץ־פאָנ. דאָ קלינגט זײַנ שטימע מאָנאָטאָנ. מע דערקענט, אז די דאָזיקע פּראזנ האָט ער שוינ זייער א סאך מאָל איבערגעכאזערט.

— ... דאָס רויטע איז דאָס בלוט, וואָס די דרייסטע האָבנ דערפאר פארגאָסנ, דאָס ווײַסע אינמיטנ איז די ערע, וואָס איז הייליק פאר יעדנ דײַטש, און דער האקנ־קרייץ אפנ ווײַסנ הינטער־גרונט איז די עמבלעמ פונ דער אייביקער גערמאנישער קראפט...

(ער קוקט ארופ צום דאך־פענצטערל. די צוויי אויבנ גרייטנ זיך פאנאנדערצוּוויקלענ די פאָנ. זי איז שוינ צוגעפעסטיקט צו א שטריק. מע קאָנ באמערקנ, אז פונ אונטנ און פונ אויבנ האָט מענ זיך גוט צונויפגעשפּילט).

— ... פּארטיי־כאווירימ! שטורמאָוויקעס! באפרײַטע באפעל־קערונג! די שטאָט איז אונדזערע! די הערצער זײַנענ אונדזערע! די פּראָנטנ פונ די הײַזער און די לופט זײַנענ אונדזערע! אינ נאָ־מענ פונ די אלע, וואָס האָבנ אינ דער פארגאנגענהײַט פאר אײַך געשטאָרבנ, און פונ די אלע, וואָס ווילנ אינ דער צוקונפט פאר אײַך לעבנ, גיב איך אָפּ דעמ באפעל: הייבט אופ די פאָנ הויך!

דאָס „הויך!" קלינגט אָפּ דרײַ מאָל פונ האמוינ. אויך די צוויי אויבנ, וואָס וויקלענ איצט פאנאנדער די פאָנ, כאזערנ עס איבער. דער רעדנער שטייט מיט דער אויסגעשטרעקטער האנט, ווײַזנדיק אפּ אויבנ, אלע קעפּ זײַנענ אריבערגעבויגנ אפּ הינטנ, ווײַל אלע אויגנ זײַנענ געווענדט צו אויבנ.

עס איז זייער שטיל, די שטאָפּ פונ דער לאנגער און ברייטער פאָנ לאָזט זיך פאנאנדער אפּ אונטנ. אינ צוויי סעקונדעס ארומ וועט זיך דערהערנ דער אויסרופ „הײַל!", די הענט וועלנ געשלײַדערט ווערנ אינדערלופטנ, צו באגריסנ די פאָנ.

אָבער איידער דאָס איז געשענ, פּאסירט עפּעס אנדערש.

לעמ דער געלער היטל און דער ברוינער העמד פונעמ רעדנער, וואָס ווײַזט מיט דער האנט ארופ־צו, רוקט זיך ארופּ אנ ארבעטער־היטל און אנ אויסגעריבענער שארער פולאָווער. די געלע היטל, די

בראַנע העמד מיט די גלאַנצנדיקע רימענס גיט זיך אַ וואַקל אַף אַ זײַט. פון דעם שאַרן פּולאָווער וואַרפט זיך אַרויס אין דער הייך אַ צונויפגעדריקטע פויסט, אונטער דער אַרבעטער-היטל זעען זיך צוויי ברייט אויפגעעפנטע אויגן און אַן אָפענער מויל... פון דעם אָפענעם מויל דערהערט זיך אַ שאַרפע שטימע, וואָס האַקט זיך גלײַך איבער און ווערט הייזעריק:

— ראָט פראָנט! זאָל לעבן די קאָמוניסטישע...

דאָס וואָרט פּאַרטיי הערט מען שוין ניט, און דער שאַרער פּולאָווער איז פאַרשוווּנדן. דער יונגערמאַן האָט זיך, ווי אַ געשפּענסט, באַוויזן אַף דרײַ—פיר סעקונדן. דער קנויל מענטשן אינדערמיטן באַוועגט זיך שטורמיש. מע שרײַט דאָרטן אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. נאָר איין מאָל הער איך גאַנץ דײַטלעך:

— דו הינט! דו הונט!

דערנאָך דערהערן זיך פרויען-שטימען:

— ניין! ניין! אום גאָטס ווילן ניט מער!

דער קנויל מענטשן ווערט דאַן פרײַער, צוויי מאַן ברענגען אַן אָנמעכטיקע פרוי. הינטער זיי גייען צוויי פּראָלעטאַריער-פרויען:

— זי האָט שוואַכע נערוון... מע האָט אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ... די לינקע אויג... יאָ... עס איז געבליבן נאָר אַ בלוטיקע לאָך.

אינמיטן פונעם אוילעם זינגט מען ווידער די האָרסט וועסעל-ליד. ווידער שרײַט מען: „הײַל!" דער קנויל מענטשן איז שוין אָבער אַזוי פרײַ, אַז מע זעט שוין די בלאָז-אינסטרומענטן פונעם אָרקעסטער.

צוויי מענער אין קאָנדוקטער-אוניפאָרמען טראָגן אין דער ריכטונג צום פּאַרק אַ טראָג-בעטל. דער קאָפּ איז צוגעדעקט מיט גרויסע ווײַסע נאָזטיכלעך, די ברוסט און די פיס — מיט אַ בלויער דעקע. די רעכטע האַנט, וואָס האָט פריער אַרויסגעוואָרפן אינדערלופטן אַ פויסט, הענגט אַראָפּ פונעם טראָג-בעטל אַ צעבראָכענע. די פויסט איז בלוי, אָבער נאָך אַלץ קראַמפּהאַפטיק צונויפגעדריקט.

איך גיי נאָך נאָך זיי, כאָטש אומעטום שטייט אָנגעשריבן: „פאַר זײַטיקע איז דער אַרײַנגאַנג שטרענג פאַרבאָטן". אינעם אַלגעמיינעם טומל פונעם יאָנטעוו בא די פאַשיסטן און פון דער אויפרעגונג

בא די וואַרשטאַט־אַרבעטער קימערט זיך קיינער ניט וועגן מיר. די אַרבעטער קוקן זיך צו צו דער קאָמעדיע פונוויַטנס. זיי טאָרן ניט פאַרלאָזן זייער אַרבעט־פּלאַץ. אַגעוו, גלייבט מען אויך ניט, אַז זיי וועלן זיך באַטייליקן אין אַ פאַשיסטישן פאָנען־יאָגטעוו. דער יונגער מענטש, וואָס די שטורמאָוויקעס האָבן אים צעטראָטן, איז אויך ניט געווען קיין אַרבעטער פונעם פּאַרק, נאָר, ווי־זוט אויס, אַן אַרבעטלאָזער פון דער נאָענטסטער ביַידלעך־קאָלאָניע.

ווען דאָס פראָג־בעטל דערנעענטערט זיך צום דעפּאָ, רופט פון־דאָרטן אויס אַ שטימע:

— אין דער שלאָסעריַי!

די שטימע איז מיר עפּעס באַקאַנט.

לענגויס די אומענדלעכע רייען ליידיקע געלע טראַמוויַ־וואַגאָנעס טראָגט מען אַריַין דאָס בעטל אין אַ זיַיטיקן צימער, ווו ווערק־שטעלן שטייען איינער לעם דעם אַנדערן און עס טראָגט זיך אַ גערוך פון איַיזן־אָפּפאַל.

די זעלבע שטימע קאָמאַנדירט:

— פאַרמאַכט די טירן, קלעגן!

עס קומט פאָר אַן איַיגנטימלעכע באַוועגונג. די מענטשן זיַינען שטום און האָבן פינצטערע פּנעמער. צופעליק האָט יעדערער אין דער האַנט אַ גרויסן איַיזערנעם שטאַנג, אָדער אַן אַנדער שטיק געציַיג, וואָס איז צופעליק שווער און וואָגיק. איז דאָס טאַקע אַ צופאַל?

די שטימע באַפעלט וויַיטער:

— שנעל פאַרבינדן די וווּנדן! אין ווינקל אין קאַסטן פאַר גיכע הילף איז אַלץ פאַראַן.

איצט דערקען איך די שטימע. דאָס איז דער זעלבער כאַוועך, וואָס האָט דאָ דעמלט, ביַיסן שטריַיק, אויך קאָמאַנדירט. ער דער־זעט מיך און גיט אַ זאָג צו מיר:

— וועסט ווער אַריַינגייַן און וועט דיך באַמערקן, זאָג, אַז דו ביסט פון דער קאַנצעליאַריע.

עמעצער ביַיגט זיך איבער איבערן קערפּער:

— ער לעבט נאָך!

אַן אַנדערער ווישט זיך די אויגן און זאָגט:

— צו וואָס האָט ער דאָס געטאָן? עס האָט דאָך קיין שום זין. ער איז דאָך געווען זיכער, אַז די שטורמאָוויקעס וועלן אים צעמיימעסן.

— הער אויף! ער האָט געטאָן, וואָס מע האָט געדאַרפט. וואָלט איר אַלע ניט געווען אַזוי צעקראָכן... נו, איר וועט נאָך זען, וואָס עס וועט נאָך זײַן...

די קאָמאַנדירנדיקע שטים רופט:

— קיין שום דיסקוסיעס איצט! עס איז צו שפּעט, קאָלעגן. דער מאָטאָר-וואַגאָן, וואָס דאַרף אַרויספאָרן אויף רעמאָנט-אַרבעט, איז פאַרטיק?

מע ווייס דאָס ניט. מע גיט איבער די פראַגע ווײַטער אין דעם גרויסן פּאַרק. עס קלינגט אויף אונטערן גלעזערנעם דאַך:

— איז גרייט דער מאָטאָר-וואַגאָן?

און אַז עס קומט פונווײַטן, גאָר, גאָר פונווײַטן אַן ענט־פער:

— יאָ! גרייט! —

דאַן קלינגט אויף נאָך אַ פראַגע אונטער דעם גלעזערנעם דאַך:

— ווער באַדינט דעם מאָטאָר-וואַגאָן?

פונדערווײַטן, פון מויל צו מויל איבערגעוואָרפן, קומען אָן צוויי נעמען.

— אויב אַזוי, זאָל ער צופאָרן צו דער שלאָסערײַ?

שנעל און אַנטשלאָסן גיט דער כאַוועד זײַנע אָנווײַזונגען:

— דער וואַגאָן זאָל פאָרן אויף נעטעלבעק־פּלאַץ. דאָ, אויפן הויף, וועט קיינער ניט וויסן, וואָס ער פירט מיט. דאָרטן זאָל ער דעם יונגנמאַן אָפּליפערן אין מײַן וווינונג. דער וואַגאָן־פירער זאָל זאָגן מײַן פרוי, אַז זי זאָל גלײַך רופן אַ דאָקטער, אָט איז זײַן טעלע-פאָן־נומער. דער דאָקטער זאָל אים אַריבערפירן אין שפּיטאָל. ער זאָל זאָגן, אַז מע האָט אים געפונען ליגנדיק אויף דער גאַס אין אַזאַ צושטאַנד. דאָס טרעפט איצט אָפט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט אַהער די באַנדע. אַלזאָ, אַכטונג!

אַלץ קומט פאָר שנעל, אָבער אָן יאָגעניש.

דער מאָטאָר־וואגאָן שטייט שוין אפ די רעלסן פאר דער שלאָ-סעריי. מע רוקט ארוּפ דאָס טראָג־בעטל, מע פארקראַפּט די גרויסע ריגל־טיר, דער וואגאָן הייבט אָן צו קלינגען און פאָרט צו איינעם פון די גרויסע טויערן. ער פאָרט דורך פארביי א קליינע גרופּע שטורמאָוויקעס, וואָס דערנענטערן זיך צום דעפּאָ, אונטער דער אָנפירונג פונעם הער פון דער דירעקציע, וואָס האָט פריער גע-האלטן די רעדע.

הינטער די טויערן אָבער שטייען אומעטום ווארשטאט־ארבע־טער מיט אייזערנע שטאנגען, האמערס און סטאמעסקעס אין די הענט.

נים דערגייענדיק א טריט צוואנציק, רופט אויס ליבלעך דער פירער פון די שטורמאָוויקעס:

— דער כעוורעמאן איז טויט?

קיין ענטפער באקומט ער ניט.

איצט שטייט די קליינע גרופּע לעם דעם מיטלסטן טויער פאר א קייט פון ווארשטאט-ארבעטער.

אן ארבעטער אין א בלויען ארבעט-אָנצוג מיט א פארשווארצטן געזיכט און הענט ווייזט אָן מיט אן אייזערנעם שטאנג אפן שילדל: „פאר זייטיקע איז דער ארייַנגאנג שטרענג פארווערט". שווייַגעוודיק ווייזט ער אָן, דערביי דרייען זיך אויס די ווייסלעך פון זיינע אויגן אפ אויבן.

— וואָס? — פרעגט דער פירער פון די שטורמאָוויקעס אן איבעראשטער, — וואָס? איך בעט אייַך, הער דירעקטער, איך בעט אייַך?

דער דירעקטער ווענדט זיך צו דעם מיטן פארשווארצטן פּאָנעם:

— די הערן ווילן ארייַנגיין, קעדיי צו לעגיטימירן דעם מענטשן, וואָס האָט געשטערט די פייַערלעכקייַט.

א שטימע רופט זיך אָפּ:

— ער איז שוין לעגיטימירט!

אן אנדערע:

— ער איז שוין פארזאָרגט. לאָזט אים צורו.

דער פירער פון די שטורמאָוויקעס פרעגט דעם דירעקטער:

— זאָל דאָס הייסן, אז דער פערסאָנאל סאָלידאריזירט זיך

מיטן נעפּעש? (דאָס לעצטע וואָרט ווערט אָבער דאָס מאָל אַרויס־געזאָגט שטיל). אויב אַזוי, מוז מען רופן די פּאָליציי.

פון די אַרבעטער האָט עמעצער דערהערט דאָס וואָרט פּאָליציי. מע גיט עס איבער איינער דעם אַנדערן.

— זיי ווילן רופן פּאָליציי. זיי ווילן אָנהעצן די פּאָליציי אויפן פּאַרק. פּאָליציי! אַזוי גאָר? פּאָליציי?

דער מענטש אין בלויע אַרבעט־אָנצוג זאָגט רויק צום די־רעקטער:

— די הערן ווילן רופן די פּאָליציי, זיי קאָנען דאָס, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, טאָן, אָבער דאַן זיינען מ י ר איבעריק אין וואַר־שטאַט.

— וואָס, איך בעט אייך... דאָס איז אַ מיספאַרשטייעניש...

— ניין, דאָס איז גאָר ניט קיין מיספאַרשטייעניש. אויב די פּאָליציי וועט קומען אין וואַרשטאַט, זאָל שוין די פּאָליציי מאַכן דעם רעמאָנט, וואָס מע דאַרף היינט מאַכן. פּאָשעט.

דער פירער פון די שטורמאָוויקעס פּרוווט נאָכאַמאָל ריידן מיט אַ הויכן טאָן:

— הערט נאָר, מענטש! איר ווייסט ניט מיסטאָמע, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דער מענטש האָט באַ דעם פּאָנען־יאָנטעוו אויסגערופן „ראָט־פראָנט". מיר ווילן פעסטשטעלן ווער ער איז, און אויב ער לעבט נאָך...

אַ שלאָסער מיט אַ ריזיקער געדרייטער צוואַנג אין דער האַנט פאַרענדיקט דעם זאַץ.

— אוועקלייגן אים אויף קאַלט? וואָס?

איצט איז די סיטואַציע קלאָר. אויב די שטורמאָוויקעס וועלן באַשטיין צו נעמען דעם מענטשן, וועלן די אַרבעטער אין וואַרש־טאַט אוועקלייגן די אַרבעט.

דער דירעקטער רעדט זיך דורך שטיל מיטן פירער פון די שטור־מאָוויקעס. מע זעט בלויז, ווי ער קוועטשט מיט די אַקסלען („דער־ווייל לאָזט זיך דאָ גאָרנישט מאַכן"). דער פירער פון די שטורמאָ־וויקעס מאַכט ענערגישע זשעסטן („האַנדלען אַנטשיידן"). דער די־רעקטער שאָקלט מיטן קאָפּ („ניין, דאָס וואָלט איצט געווען געפער־

לעכ״). צום שלוס ווענדט זיך דער דירעקטער צו דעם מיטן שווארץ פּאָנעם:

— איר נעמט, הייסט עס, איבער די פאראנטוואָרטלעכקייט פארן פארוואונדעטן?

— פולשטענדיק.

— איר וועט פארנאָטירן זײַן נאָמען?

אָפּ דעם באקומט ער ניט קיין שום ענטפער.

דער דירעקטער פארהערט דאָס דאָזיקע שווײַגן און, א צעמישטער, זאָגט ער צו דעם שטורמאָוויק:

— אויב אזוי, איז אלץ אין אָרדענונג, מיר קאָנען גיין אין דער דירעקציע.

דער כאווער, וואָס האָט פריִער אָפּגעגעבן די פאראָרדענונגען, רופט זיך אָפּ צו די איבעריקע:

— זײַט פאָרזיכטיק, קאָלעגן, זיי וועלן נאָך הײַנט ווידער קומען!

ער ווענדט זיך צו מיר און זאָגט שטיל:

— הער נאָר, איצט רוק זיך ארויס פונדאנען...

איך שפּאציר אוועק צווישן די בלומען-בייטן, פארבײַ די מעכטיקע בערן, וואָס שטייען דאָ אָפּ די הינטערשטע פיס און שטעלן מיט זיך פאָר דעם סימבאָל פון דער שטאָט בערלין, ווען עס געהערט דער טראמווײַ.

די גאס האָט שוין איר נאָרמאלן אויסזען, די מענטשן זעען אויס, ווי זיי וואָלטן גאָר ניט ווייסן, אז דאָ איז איבערהויפּט וואָס געשען. נאָר אָפּ דער צווייטער זײַט, קעגנאיבער די בערן, שטייט פאר זײַן געשעפט דער קליינער אפּטייקער און דערקלערט זײַנעם א קונד:

— ווייסט איר, פרוי הארקנער, ווייסט איר: „ראָט-פראָנט״ האָט ער אויסגעשריִען...

די פרוי האלט אין דער האנט איר קאָשעקל. זי כאזערט איבער דאָס געפּערלעכע וואָרט גאנץ שטיל. אָבער זי כאזערט עס איבער:

— „ראָט-פראָנט״? טאקע בעעמעס „ראָט-פראָנט״? איז ער געווען אליין?

— יאָ, איינער אליין און פונדעסטוועגן האָט ער דאָס אויס־געשריען!

די פרוי כאַזערט איבער מעכאַניש:

— און פונדעסטוועגן האָט ער דאָס אויסגעשריען...

שווער און טיף הענגען די צוויי פאַנען. עס בלאָזט ניט קיין ווינט, וואָס זאָל זיי באַוועגן...

ס. גלעז

די אָפּשטאַמונג

...צוליב די אויבן אויסגערעכנטע טײַמים איז די ווילטעטיקײַט-קאָמיסיע...

„לעכערלעכע טײַמים", טראַכט מאַרגאָ, „ווײַל איינס פון די פינף קינדער ארבעט", און ווענדט זיך ווידער צו דער סטענאָגראַם.

„געקומען צום אויספיר, אַז אײַער באָקאַשע וועגן אַ ווינטער-דיקן מאַנטל דאַרף אָפּגעוואָרפן ווערן".

מאַרגאָ פאַרשאַרט אירע טונקעלע לאָקן פון שטערן, שרײַבט אונטער דעם בריוו מיט „רעפערענט" און נעמט אים אַרויס.

„נאָך איינער פאַרטיק!"

— פרײַלן הילדעבראַנד!

— יאָ!

— דער רעפערענט וויל מיט אײַך ריידן!

די עלטערע זעצט זיך. זי כאַפּט אַ קוק צי אַלע אַרבעטן. די שנעלע קלאַפּערײַ פון די שרײַב-מאַשינקעס שטעלט זי צופרידן. זי מאַכט אין אָרדענונג אירע בלאָנדע האָר, ציט אַראָפּ דאָס זשאַ-קעטל.

„זאָל טאַקע זײַן, אַז הילדעבראַנד איז ניט קיין אַריערן!"

מאַרגאָ מאַכט אײַן אײַלעניש איר טואַלעט, וואַרפט אַרײַן דאָס האַנט-טעשל אין טיש-קעסטל און נעמט דאָס סטענאָגראַפישע העפט.

— דאָס קאָנט איר דאָ לאָזן! — זאָגט די עלטערע.

„וואָס פאַלט איר בלויז אײַן?" טראַכט זי.

— יאָ, איך בעט אייך, גלייך! — זאָגט שאַרף דער רעפּערענט. הינטער זיין שטול הענגט אַ פּאָרטרעט פונעם פירער אין נאַטיר-לעכער גרויס, ווי ער קליבט זיך אַרויסקריכן פון דער ראַם. דער רעפערענט טראָגט אַ מונדיר פון אַ שטורמאַוויק.

מארגאַ שטייט לעם דעם לעדער-פּאָטעל פאַרן שרייבטיש און באַטראַכט היטלערס שיטערע פּריזור. דער רעפּערענט הייבט אויף דעם קאָפּ.

— יאָ, פריילן הילדעבראַנד!

ער קוקט זי אָן.

„אַן אויסגעצייכנטע פיגור, אייגנטלעך גאַנץ שיין!"

— איר האָט דאָך געוויס געהערט, אַז נאָך דער נאַציאָנאַלער רעוואָליוציע מוזן אַלע מעלוכע-אָנגעשטעלטע דערווייזן זייער ריין-אַרישע אָפּשטאַמונג? מיר האָבן דערויף ביז איצט ניט אַזוי שטרענג אכטונג געגעבן. אָבער, זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, האָט איר ניט קיין ייִדן אין אייער פאַמיליע?

מארגאַן האָט דאָס גאַנצע בלוט זיך געוואָרפן אין געזיכט.

— ניין!

דער הער רעפּערענט רוקט אַריין די רעכטע האַנט אונטערן רימען.

— אויב אַזוי, ברענגט אונדז די באַווייזן און מעגלעך שנעלער!

פאַר אים איז דאָס געווען קלאָר: דערפון נעמט זיך דאָס טונ-קעלע, דאָ איז פאַראַן ייִדיש בלוט.

— יאָ, וואָס דערלויבט... — הייבט אָן מיט מי מארגאַ.

„...דערלויבט..." הערט דער הער רעפּערענט און הייבט אויף ענער-גיש זיין געמבע.

— איך האָף, אַז דאָס וועט אייך זייער גיך געלינגען, און „דער-לויבן" דערלויבט איר זיך ניט דאָ קיין כוצפּעס!

איבער זיינע פולע באַקן קוקן אַרויס צוויי צאָרנדיקע מויז-גרויע אויגן.

— איר קאָנט גיין! הייל היטלער!

— הייל!

מארגאַ איז אינגאַנצן רויט. אירע לאַנגע פיס גייען ניט זיכער.

„אַזאַ מין געמיינהייט!"

אירע קינבאַקן באַוועגן זיך, ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּקוועטשן

דאָס, וואָס דערלאָזט צו איר ניט קיין לופט. זי פילט די היץ אין אירע באקן.

„איך בין גלייך רויט געוואָרן! דאָס מאכט שטענדיק דעם איינ־דרוק... וואָס האָב איך געטאָן? איך האָב די לאגע ניט באהערשט. זאָל איך נאָכאמאָל אריינגיין?"

„וואָס מיינט ער בלויז, עס איז דאָך ניט ריכטיק! איך — א יידישקע! דער זיידע־זיידע און עלטער־זיידע..."

מארגאָ איז אריין אין מאשינען־ביוראָ. די עלטערע ווארפט אף איר א פרעגנדיקן בליק.

— ארבעט האָט איר דאָך נאָך גענוג, פריילן הילדעבראנד?

— ארבעט? איך דאנק!

בא דעם גערויש און די שנעלע באוועגונגען אין דער מאשינען־ביוראָ פילט זיך מארגאָ גוט, דאָ גיט קיינער ניט באזונדערס אכט אף איר.

— וואָס איז דאָס געווען? — ברומט איר שאָכנטע צו איר.

— ע, גאָרנישט!

די טישקעסטלעך זיינען אלע געעפנט. יעדעס פאפירל איז דריי מאָל איבערגעדרייט.

— מעשוגע קאָן מען ווערן פון דער דאָזיקער זוכעריי!

— ענדלעך! אָט איז דאָס!

„כאסענע־מעטריקע. דער שלאָסער פריץ הילדעבראנד, וואָס וווינט אין לייפציק און שארלאָטע שניצלער, וואָס וווינט אין לייפציק... האָבן היינט פאר דעם אונטערגעשריבענעם שטאנד־באאמטן כאסענע געהאט".

מארגאָ לייענט דעם דאָקומענט דריי מאָל.

„יאָ, אָבער דאָ איז דאָך גאָרנישט געשריבן!"

זי זעצט זיך אפן דיוואן. לעם איר עטעמט קורץ די אלטע מו־טער. אף איר צעקנייטשטן פאָנעם ליגט א פארהארטעוועטע אומצו־פרידנקייט. די קנייטשן ארום מויל באוועגן זיך, ווי זי וואָלט עפעס געברומט.

מארגאָ קוקט אף דער שלאָפנדיקער. א מוירע כאפט זי ארום.

„ניין, זי זאָל דערפֿון ניט לײַדן! זי װײס נאָך גאָרנישט. זי האָט גאָר ניט פֿון איר לעבן געהאַט".

„דאָס מײדל װעט בא מיר ניט גײן אין דער פֿאַבריק, פֿאַר-שטײסטו, גוילעם אײנער! זי זאָל אויך װערן א שלומפּער, װי איך!?"

עס האָט שוין לאַנג ניט געטראָפֿן, אז זי זאָל זיך אזוי קעגנ-שטעלן דעם פֿאָטער. דערמאָנענדיק זיך, װי די מוטער איז דאַן א פֿאַרבלוטיקטע אָפּגעשפּרונגען צו דער טיר און האָט אויסגעשפּיגן אין אָפּגוס א צאָן, נעמט מאַרגאָ דורך א שוידער.

„װי העסלעך דאָס אַלץ איז, װי עקלהאַפֿט!"

„עפּשער איז דער פֿאָטער טאַקע ניט געװען קײן אַריער? װי נאַריש, איך נעם שוין אויך אָן די דאָזיקע מאָסן! יאָ, זײ קאָנען דאָך אָבער נים פֿאָשעט אַרויסװאַרפֿן א מענטשן אויף דער גאַס בלויז איבער דער ראַסע!? ראַסע? ראַסע, ראַסע. װאָס איז דאָס אזוינס ראַסע?"

מאַרגאָ פֿאַרטראַכט זיך.

„עפּשער איז דאָס אַלץ איבער מאַקסן? פֿרײַלן װינש..."

זי דערמאָנט זיך דעם שפּאָטישן שמײכעלע: „דאָס איז געװען אײַער פֿרײַנט, מיט װעלכן איר זײַט נעכטן געװען אין טעאַטער?" און דערנאָך מיט א כידעש: „א ייִד!!! נו, איך גראַטוליר אײַך! איך קען אים גוט, דעם העצער!"

„אָבער דאָס איז געװען שוין אזוי לאַנג. האָט זי מיך פֿאַרמאַסערט?"

װאָלטן זײ כאָטש אײן מאָל אין לעבן געלאָזן צורו!

זי שפּאַרט זיך אָן אָפּן דיװאַן. אירע ליפּן ציטערן. אומזיסט פּרוּװט זי זײ אײַנהאַלטן. בא די ערשטע טרערן הײבט זי זיך גלײַך אָן צו שעמען, װאָס שטענדיק װײנט זי.

„איך װעל זיך מיט זײ שוין ספּראַװען!" טרײסט זי זיך. „װאָלט מען זיך געקאָנט אָפּ װעמען שטיצן! מאַקס!"

אירע טונקעלע אויגן קוקן פֿאַרטרוימט דורך די טרערן. דער קאָפּ האָט זיך א ביסל פֿאַרבײגט אויף א זײַט.

דערנאָך װערט זי האַרטער.

„יאָ, א ייִד", טראַכט זי, „אַן אויסנאַם?"
מיט צוזאמענגעפרעסטע ליפּן הייבט זי אָן אײַליק אופראמען אין צימער.

„ווען מע שלאָפט זיך אויס, זעט אלץ אויס אנדערש. פארוואָס עפּעס אלץ שטענדיק זען נאָר דאָס שלעכטע, ווען עס פּאסירן אומאָנגענעמלעכקײַטן. עפשער האָט זיך דער רעפערענט נעכטן שלעכט אויסגעשלאָפן?"
מארגאָ גייט צווישן גרינעם גאזאָן.
„עפשער האָט ער געוואָלט פון מיר עפּעס אַן אנדער זאך? אזא איינער, ניין, בררררו!"
אפ די צווײַגלעך פון די יונגע ביימעלעך זיצן דיקע קנאָספּן. דער אינדערפריִיִקער נעפּל פארשפרייט זיך איבער די גאסן און דערלאָזט ניט די זון.
„עס איז זייער גוט גיין צופוס צו דער ארבעט. מע ווערט פרײַער, פריילעכער.
יאָ, דאָס אלץ איז נאָך גאָר ניט אזוי שלעכט! פארוואָס זאָל ער זײַן אזוי שלעכט, איך האָב אים דאָך גאָרנישט געטאָן!
הײַנט לייג איך אים אוועק די מעטריקע: דאָ, זעט איר, הער רעפערענט, דאָ איז ניטאָ... אז איך בין ניט קיין..."
אַן אײַזערנער לאָדן הייבט זיך אופ מיט א גערודער און ציט זי אָפּ פון אירע געדאנקען. — „ריין ארישער געשעפט".
„דאָ אויך דאָס זעלבע!"

— גוט מאָרגן!
קיין שום ענטפער.
פון דעם פלאץ, ווו די עלטערע זיצט, הערט זיך באטאָנט:— הײַל היטלער!
מארגאָ איז מאָלע רעציכע אפ זיך.
„דאָס האָט מיר נאָך געפעלט, געבראָכן דעם דעקרעט ווענן באגריסן זיך. זי ווערט ווענן דעם מעלדן, זיכער".
מארגאָס גוטע האָפענונגען צעשווימען זיך. א צערייצטע, זיצט

זי פֿאַר איר שופֿליאַד און נעמט צונויף איר געציַיג: א גומקע, א פֿאַרשניצער.

איינע הייבט שוין אָן צו קלאַפּן אַף דער מאַשינקע. עס איז נאָך ניט געווען דער קלונג. דאָס איז די עלטערע. מאַרגאָ טוט א זיפֿץ און הייבט אָן צוזאַמען מיט די אַנדערע אויך פּאַרן קלונג.

„ווער דאָס וואָס העלפֿן?"

זי איז אינגאַנצן צעריַיצט. אירע געדאַנקען לויפֿן קעסיידער אַוועק פֿון דער מאַשינקע.

„אומדערהערט, ווי מע ווערט באַהאַנדלט! מע טאָר אַפּילע מער ניט זאָגן „גוט מאָרגן"! זאָלן זיי מיך שוין אַרויסוואַרפֿן, וועל איך זיי דאַן זאָגן: שיינע רעטער!"

„...פּאָדערט, מע זאָל איַיערע כּיוועס באַ דעם ווילטעטיקייַט־שאַנד אין מעשעכ... וואָס? ווילטעטיקייַט־שאַנד?"

„צום טיַיוול! א נעס, וואָס איך האָב דאָס באַמערקט! „ווילטעטיקייַט־שאַנד"—דאָס איז אומגעפֿער ריכטיק, אָבער א גרונט אַרויסצוּוואַרפֿן טייקעף אַף דער גאַס".

מאַרגאָ רוקט איבער די קאַרעטקע צוריק.

„בעסער שוין אַרויסנעמען און אָנהייבן פֿון אָנהייב".

זי הייבט זיך אויף. זי האָט זיך אָנטשלאָסן. זי וויל מאַכן א סאָף.

מאַרגאָ קלאַפּט באַ דעם רעפֿערענט.

— איך בעט.

באַ דעם הער ליגן אַפֿן טיש צוויי פּוטער־ברויטלעך אין פּאַרמעט־פּאַפּיר. ער זיצט און קייַט.

— נו, איר האָט געבראַכט דעם באַוויַיז? — פֿרעגט ער מאַיעסטעטיש, אָבער מיט גנאָד. — וויַיזט נאָר אַהער, פֿריַילן!

— ביטע!

מאַרגאָ דערלאַנגט די כאַסענע־מעטריקעס פֿון אירע עלטערן.

— נו?

ער האָט איבערגעלייענט דעם דאָקומענט גאַנץ אויפֿמערקזאַם און דרייט אים אום איצט עטלעכע מאָל.

— דאָס איז דאָך אָבער...

דאָס זאָגט ער, ווי ער וואָלט ריידן צו זיך אַליין, קעדיי שאַפן זיך די געהעריקע שטימונג.

— זאָגט נאָר, זייט אַזוי גוט, איר ווילט מיך מאַכן צום נאַר?

מארגאַ כאַפּט אָן א שרעק, און איין אויגנבליק פאַלט איר איין קראַמער, איר שול-לערער.

— וואָס הייסט? — פרעגט זי.

— איר קענט לייענען, צי ניט? וואָס האָט איר מיר דאָ גע-בראַכט פאַר א שמאַטעס? צי איז דאָ עפּשער געשריבן, אַז אירע על-טערן און אורעלטערן זיינען געווען אַריער? איר זייט דאָך געגוג אַלט, אַז איר זאָלט קענען איבערלייענען!

— ווי זאָל איך נעמען די אַלע דאָקומענטן? עס איז דאָך או-מעגלעך, איך אַרבעט דאָך דעם גאַנצן טאָג!

— די אַרבעט איז עפּשער פאַר אייך איבעריק, זאָגט זשע, וועט איר דאַן קיין שום דאָקומענטן ניט דאַרפן! עפּשער זאָל איך דינגען פאַר אייך א געהילף, וואָס? אַזויפיל כוצפּע האָב איך שוין לאַנג ניט געהערט! וואָס שמועסט איר זיך איין?

„אַזוי וויל ער דאָס פאַרשטיין!"

מארגאַ שווייגט.

„ניין, וויינען וועל איך געוויס ניט. ווען די פיס וואָלטן נאָר ניט געווען אַזוי שוואַך".

אין צימער איז שטיל. מארגאַ שטייט און וואַרט.

„זאָל איך זי גלייך אַרויסוואַרפן?" טראַכט דער רעפערענט. איר הויכע פיגור אימפּאָנירט אים. ער האָט ליב הויכע.

זיין טאָן ווערט לאָיאַלער:

— איר קאָנט גיין! אין פאַרלויף פון אַכט טעג ברענגט מיר א באַווייז, אָדער איך וועל זיין געצוווּנגען אייך אָפּצוזאָגן. געזעץ איז געזעץ.

מארגאַ גייט.

„זאָל איך דאָ נאָך עפּעס זאָגן? ניין, איך וויל ניט מער!" איר הייבט אָן ווערן ניט גוט.

„זאָל איך נאָר ניט אומפאַלן! אַזאַ מין ניט-גוטקייט! צי זיינען נאָר אַריער מענטשן? — בעסער נעגערן, יידן, — אָבער די מוטער!

וואָס קאָן מען טאָן? ווו קאָן מען בא היַינטיקן טאָג קריגן ארבעט? דערצו נאָך, אויב מע וועט מיך ארויסיאָגן, וויַיל איך האָב ניט גע־קאָנט דערוויַיזן מיַין ארישע אָפּשטאמונג? פאנאנדערטראָגן ציַיטונגען, אָבער עס זיַינען דאָך פאראן אזויפיל ארבעטלאָזע מענער! אלס פרוי דארף איך זיַין די היטערן פונעם היימישן גליק! היימישער גליק? שפּאָט איז דאָס!

פארוואָס זאָל איך נאָכגעבן? ווי בין איך געקומען צו דעם? וויַיל דאָס איז אן אומפארשעמטער כעוורעמאן?

עס מוז מיר דערוויזן ווערן... אפילע אויב איך וועל ניט קאָנען צונויפנעמען אלע פאפירן. איך טאָר די מוטער ניט פארלאָזן!"

— איר זעט היַינט אויס אזוי פארכאָלעמט, פריַילן מארגאָ! האָט איר נעכטן ערגעץ־ווו פארבראכט? אָבער דאָס איז, אייגנטלעך, ניט מיַין זאך! הייבן מיר הייסט עס אָן! יאָ, לאָמיר נעמען צווערשט דעם גראָלמאן. שריַיבט!

מארגאָ רוקט זיך צו צום שריַיבטיש.

— נאָכן באטראכטן... א מאָמענט!.. ווי זאָל איך דאָס שריַיבן?.. עס איז שרעקלעך, ווען מע פאלט אריַין אין אזא דאלעס. איר פאר־שטייט, דאָ לעבן זיבן מענטשן אין איין צימער, דריַי פון זיי זיַינען קראנק אף לונגען־טובערקוליאָז. אויב זיי וועלן ביזן פופצנטן ניט באצאָלן דעם כויוו פאר דירע־געלט, בליַיבן זיי אף דער גאס. איך בין וועגן דעם דריַי מאָל געווען באם רעפערענט... איר הערט זיך אייגנטלעך צו, פריַילן הילדעבראנד?

— זייער אופמערקזאם!

דער פאָרשטייער פונעם ווילטעטיקיַיט־אמט כאפּט אוף איר בליק.

— זייער אופמערקזאם, זאָגט איר?

זיַינע ברעמען הייבן זיך אוף.

— יאָ, שרעקלעך! — איר ווייסט, פארוואָס דער הער רעפערענט האָט אָפּגעזאָגט?

ער רוקט צו נעענטער זיַין שטול צו מארגאָ.

— וויַיל קיין איינער איז ניט קיין מיטגליד... איך וויל זאָגן, וויַיל די פאמיליע האָט אין דער פארגאנגענהיַיט געקעמפּט קעגן דעם

פירער. אָבער אז זיי זײַנען געווען אָרגאניזירט פּאָליטיש, דאָס לאָזט זיך ניט דערווײַזן.

— האלט איר דאָס פאר ריכטיק?

— וועגן דעם דארף איך ניט אורטיילן, פרײַלן הילדעבראנד!— מיר וועלן פאָרמולירן! — זײַט אזוי גוט, מעקט אויס „נאָכן באַטראכטן". יאָ! — איך מוז אײַך ליידער מיט-יי-לן...

דער ענטפער אף דער אָנפראגע אין פּאָליציי-באצירק קאטערס-לעבן איז געווען אזא: „פון אונדזערע אקטן קאָן מען זען, אז א געוויסער פריץ הילדעבראנד איז געבאָרן געוואָרן אין 1868 יאָר. אלס זון פון פרידא הילדעבראנד (געוועזענע גליים), וואָס האָט געדינט בא א יידישן פי-הענדלער. דער פאָטער, ארטור הילדעבראנד, ווי מע זעט פון די אקטן, איז ניט געווען קיין אָרטיקער. ער איז וואַרשײַנלעך אײַנגעוואנדערט מיטן פי-הענדלער. אלס רעליגיע איז בא דער פאמיליע אָנגעגעבן קאטויליש.

בירגערמײַסטער".

נאָך די דערפארונגען פון די לעצטע וואָכן שפּירט מארגאָ, אז דער דאָזיקער דאָקומענט וועט דעם רעפערענט אויך ניט צופרידנשטעלן. אין דער ביוראָ האָט מען שוין געשאפן א שטימונג קעגן איר. די פרײַלן ווינש, ווען זי גייט פארבײַ איר, מאכט זי א מינע פון א שטאָלצער פאווע.

„ניין, איך רייד מיך ניט אײַן. אפילע די אלטע כאווערטעס מײַדן מיך אויס".

די עלטערע רעדט צו איר נאָר מיט א העכערן קאָל. ביז איצט האָט מארגאָ אלץ געטראכט: זאָלן זיי פּלאפּלען! מיט דער צײַט איז דאָס איר געוואָרן דערווידער.

„אזוי, הייסט דאָס, איז עס געווען — קיין אָרטיקער און וואַרשײַנלעך אײַנגעוואנדערט מיטן יידישן פי-הענדלער. יידישער פי-הענדלער!

מארגאָ זיצט. די הענט שפארן זיך אָן אָן טיש און דעם קאָפּ האלט זי אף די הענט. זי טראכט, און אירע גלידער זײַנען ווי געליימט.

„צו וואָס זיך נאָך באוועגן אין דעם דאָזיקן מיסט? איך האָב יאָרנלאנג געארבעט, געווען אָנגעשטעלטע אין וווילטעטיקייט־אמט, געארבעט אויך צוזאמען מיט יידן. עס האָבן זיך געביטן די באלע-באטים; דייטשלאנד האָט זיך אָנגעטאָן אין א מונדיר".

מארגאָ האָט געפרוווט לעבן ווייטער, ווי זי האָט פריִער געלעבט. פארלאנגט מען איצט פון איר באווייזן די ראסן-ריינקייט.

„און ווען איך וואָלט געלעבט צוזאמען מיטן קאָמוניסט מאקס? וואָלט איך שטענדיק מיט אים געווען. איך וואָלט זיין געדיכטן קאָפּ האָר און דעם ברייטן שטערן געגלעט און אופמערקזאם זיך צוגע-הערט. עס איז גוט אים אויסצוהערן. קלאָר און זיכער איז דאָס, וואָס ער זאָגט. מע מוז מיטגיין אָדער מע דארף האָבן א סאך קראפט צו קעגנשטעלן זיך.

דער איינציקער מענטש! פונוואנען נעמט זיך זיין רויִקייט און זיכערקייט? די קלאָרקייט פון זיינע ענטפערן? איז זיין רייפקייט פארבונדן מיט זיין וויסן? ווען מע איז מיט אים, פארשווינדט די ענגשאפט פונעם אלטעגלעכן, די באגרענעצטקייט פונעם אייגענעם לעבן, די קורצזיכטיקייט".

מארגאָ וואָלט וועלן איצט קוקן דעם דאָזיקן מענטשן אין די אויגן, געפינען דאָרטן א באַרויִקונג פאר זיך.

„דעם מענטשן, אָבער וואָס הייסט מענטש? מאַרגן וועל איך שטיין פארן רעפערענט און אים אָפּגעבן דעם ענטפער פון דער געמיינדע קאַטערסלעבן. ער וועט פארזשמורען די אויגן. זי וועט שטיין דערביי, א הויכע, און ניט וויסן, וואָס צו טאָן מיט זיך. זאָל זי אָנשפּייען אף אים, אויסלאכן? וואָס אייגנטלעך? וואָס קאָן מען טאָן?"

דורכן פענצטער דרינגט אריין דער שאָטן פון דער אָנקומענ־דיקער נאכט. די גרויקייט פונעם הויף ווערט אלץ מאַסיווער. אין די דאָזיקע שאָען הערשט א רויִקייט.

דעם פאַרהאנג ארום מארגאָ קאָן מען ניט דורכרייסן. ווען זי פרוווט עס ערגעץ, שפרינגט זי אָפּ. זי איז איינגעשלאָסן, זיצט אף דער פריי אין געפאנגענשאפט. ניטאָ קיין אויסוועג. אפילו באם שיין פון ליכטיקסטן טאָג און באַם גלאַנץ פון די זיגערישע פאָנען איז

פינצטער. אין זונען־שײַן זײַנען די טעג פול מיט אומעט און שווארץ פון העלקײַט.

פון דער גאס דערהערן זיך די קלאנגען פון „פרעדעריקוס רעקס". קרעפטיקע יונגע מענער מארשירן, און זייער געמאָסטענער טראָט איז דער סימבאָל פון דער דײַטשישער פרײַהײַט; „הײַל היט־לער!" איז די דראָונג פון זייער באגריסונג.

וואָס טוען זיי? פארוואָס זײַנען זיי אזוי דורשטיק צו מאָרדן זיך אליין? וואָס פאר א פארצווייפלונג האָט דאָס אײַנגעגלידערט אין זיי? זײַנען דען די וועלדער באשאפן נאָר צו יאָגן דאָרטן מענטשן און די פעלדער צו שמײַסן דאָרטן לאגער־קנעכט; זײַנען דען הײַזער געבויט געוואָרן, דער גרויל זאָל זיך דאָרטן באהאלטן? די טענער ווערן שוואכער.

אפן הימל פרווט א שטערן דורכדרינגען דורך דער גרויקײַט. מארגאָ פארקריכט אין דער טונקלקײַט, זי וואָלט וועלן, מע זאָל זי ניט זען, זי וואָלט וועלן זײַן א צוועערן, ניט געהערן אהער. אָבער צי איז זי ניט קיין אָפּגענארטע? צי האָט זי נאָך מאקס פעסטע שטיצע?

מארגאָ זיפצט. זי הייבט זיך אוף.

„מאקס. אָן זײַן אָנפירונג, אָן אים ווערט אלץ אומזיניק.

איך קאָן צו אים ניט קומען".

מארגאָ פילט, ווי איר הארץ וואָלט זיך צונויפגעדריקט. זי מוז עפּעס טאָן, צו זײַן נעענטער צו אים.

עפשער איז ער שוין טויט, ניין, ניין, דאָס קאָן ניט זײַן, דאָס טאָר ניט זײַן!

„אנא!"

זי הייבט זיך אוף.

אנא ווייס דעם וועג, וואָס פירט ווײַטער! דאָרטן ווינט אויך וואלטער. ער ווייס געוויס וועגן מאקסן!

וואלטער דרייט אויס דעם קאָפּ, מעסט אָפּ מיט א שארפן בליק די דורכגייער פון דער גרענאדירשטראסע און גייט ארײַן אינעם טיפן טויער. ער רוקט אראָפּ די הוט טיפער איבערן שטערן. אין

הויף, וואָס איז ענלעך צו א ברונעם, הערט ער א זשומעריי, גע־
מישט מיט א געוויין, וואָס דערטראָגט זיך ווי פונוויַיטנס.

„קאָמישע געבעט־הײַזער האָבן זיי!" טראַכט ער.

אפן הויף שפילן זיך שוואַרץ־האָריקע יינגלעך.

ער הייבט זיך אויף אפ א פּאָר טרעפּלעך. א ווארעמע לופט
שטראָמט אים אנטקעגן. עמעצער טוט אים א שטויס. א דערשראָ־
קענער קוקט ער זיך אום. מאקס.

מאקס גייט פאר אים אריַין אין בעסמעדרעש. בא די הינטער־
שטע בענק שטייען זיי א ווײַלע. אײַנגעוויקלט אין ווײַסע קיטלען
און טאליסים מיט יארמלקעס אפ די קעפּ, שטייען בערדיקע מענער
און שאָקלען זיך, מורמלענדיק אפ אַן אומפארשטענדלעכער שפראך.
דער טאָן פון זייערע שטימען איז נאָענט צום וויינען. פאר וואלטערן
הייבט איינער דעם קאָפּ און די הענט, ווי ער וואָלט וועלן באַזונ־
דערס שטאַרק בעטן. אונטערטעניקײַט, טרויער און ליידן ריידן פון
די פּנעמער. עס זעט אויס, ווי די אלע מענטשן קלײַבן זיך אָנ־
הייבן וויינען, קעדיי וויַיכער מאכן די ערד.

אָט שטייט איינער א גראָבער מיט א פולן רויטן געזיכט. זײַ־
נע גוטמוטיקע אויגן זײַנען אריַינגעטאָן אין סידער. ער איז א
ביסל ענלעך צו א פארוואונדעטן אָקס, וואָס ווייס ניט, פארוואָס מע
מאטערט אים און ווי ער זאָל זיך פארטיידיקן.

די שטימען הערן ניט אויף צו קלאָגן, זיי הייבן זיך אויף און
לאָזן זיך אראָפּ און לאָזן זיך אויס מיט א געשריי, אָט די מערסטנ־
טייל אלטיטשקע, אײַנגעשרומפּטע מענטשן מיט פּנעמער פון הייליַ־
קע — זײַנען זיי הײַנטצײַטיקע מענטשן?

און זיי האָבן דאָס אונדז פארגיפטעט, זיי, די נעבעכדיקע,
קלײנינקע מיזרעכ־יידן, גרינוואַרג־קרעמער, פארקויפער פון שנירלעך
און פוס־בענדלעך, אייער־הענדלער? עפּשער האָבן זיך אייניקע פון
זיי ארופגעארבעט צו א מאנופאקטור־געשעפט אָדער צו א שנײַדער־
ווארשטאַט? אין אומגליק האָבן זיי זיך צוזאמענגעקליבן, אינדרויסנ
לאכט מען זיי אויס, באשפײַט מען זיי, זײַנען זיי קאָרבאָנעס פון
די אוניפאָרמירטע קולטורטרעגער פונעם נײַעם דײַטשלאנד. פאר זיי־
ערע שוסטער־און שנײַדער־קעלערן שטייען ברייט בלאָנדע יונגען

אינ שטיוול אונ לאכנ: „דאָ איז א כאזער א ייִד!" „דאָ שטינקט מיט קנאָבל!" וויפל פונ די דאָזיקע אלטע האָט מענ געריסנ פאר די בערד?! זיי זײַנעו אנטלאָפנ אהער. „גאָט זאָל העלפנ!"

וואלטערס געזיכט איז געוואָרנ פינצטער. ער זעט זיכ אויס א באשמוצטער. ניינ, ניט די דאָזיקע קאפּאָטעס האָבנ אימ באשמוצט — ער פילט זיכ באשמוצט פונ דער ריינקײַט פונ דער נײַער אימפּעריע. פונ די זויבערע סאדיסטנ מיט זויערע קרויט אונ כאזער-שמאלצ אונ פעטע נאקנס, פונ זייערע הויכע, זעלבסטצופרידענע ריידערײַענ. זײַנע אויגנ האָבנ פארלאָרנ די נײַגעריקײַט פונ די ערשטע מינוטנ.

דער קעסיידערדיקער יאָמער ווערט אימ דערווידער.

— צו וואָס איז דאָס? — ווענדט ער זיכ צו מאקסנ. — פאר־וואָס יאָמערנ זיי?

— אלטע לײַט!

וואלטערס בליקנ פארטיפנ זיכ אינ מאקס אויגנ, ווי ער וואָלט וועלנ דערקונדיקנ זיכ, וואָס פילט זײַנ פרײַנט. „ער איז דאָכ א זונ פונ איינעמ פונ די דאָזיקע פאָטערס".

— לאָז דאָס צורו! — ווענדט אָפּ מאקס זײַנ אופמערקזאמקײַט. ער שפּירט די פראגע פונ זײַנ פרײַנט.

— הער זיכ אײַנ! — זאָגט ער, — עס איז ביז איצט געווענ אוּמעגלעכ צו קריגנ א זיכערע קווארטיר. פאָרלויפיק זײַנעו פאראנ צוויי מעגלעכקײַטנ: מארגאָ, דו קענסט זי, זי ארבעט נאָכ דערווײַל. זי איז אריש. אָדער בא א סימפּאטיזירנדיקנ ייִדישנ שוסטער. אינ איצטיקנ מאָמענט האלט איכ מארגאָ פאר זיכערער. בא דעמ שוסטער...!? ווי לײַכט קאָנ זיכ איינער פונ זײַנע באלכויוועס דערמאָנענ, אז ער האָט אימ געדעכנט צו טײַער די שיכ אונ...

אפ וואלטערס שטערנ באווײַזנ זיכ שארפע ליניעס.

— איכ וועל דיר געבנ א צעטל. דו וועסט בא מארגאָ בלײַבנ צוויי טעג. פאר דער צײַט וועט אלצ ווערנ דערליידיקט.

וואלטער בײגט זיכ איבער איבערנ שטענדער אונ מאקס שרײַבט:

„ליבע מארגאָ! איכ שיק דיר אונדזער פרײַנט אונ איכ בעט

דיכ געבנ אים אנ אָרט בא זיכ אפ א פּאָר טעג. מיר גייט גוט. דעמ פינפטנ וועל איכ אכט אזייגער אינאָוונט זייַנ אינ באקאנטנ קינאָ. צערייַס”.

מאקס קוקט א ווײַלע אפ וואלטערס קרעפּטיקע אקסלענ.

„ער וועט אויסהאלטנ! — ער האָט זיכ זייער געוווּנדערט איבער דעמ דאָזיקנ טרעפ־פּונקט!”

ער שפּארט זיכ אָנ אפנ שטענדער אונ קוקט א פּארטראכטער אפ די מענטשנ, וואָס האָבנ געדאווּנט. לינקס פונ אָרנקוידעש שטייט זייַנ פאָטער. ער האָט אים שוינ לאנג ניט געזענ.

„זייַנענ ווידער געווענ אונטערזוכונגענ אינ דער היימ: איז די מוטער ווידער געלעגנ אפ די קני אונ האָט אינ שרעק געשריִענ — דערבארעמט אייַכ, נוטער הער! — ביז א שטיוול האָט איר א שטויס געטאָנ — וועסט א מאָל שטיל ווערנ, דו, כאַזער!”

דער פאָטער איז הייַנט אינ ווייַסנ קיטל, וואָס דארפ דערמאָנענ וועגנ טויט. זייַנע רויט געוואָרענע אויגנ קוקנ ארייַנ איבער די ברילנ אינ סידער. זייַנ באָרד איז געוואָרנ גרייַז־גראָוו.

דער יאָמערנדיקער אלטער באומרויִקט אימ. „וועט אימ גרינגער ווערנ, אז ער וועט מיכ דערזענ א לעבעדיקנ? מע איז אָפּט צו הארט צו די דאָזיקע אלטע, הארטער, ווי דאָס איז נייטיק”.

מאקס צווינגט זיכ אונ ער גייט צווישנ די רייענ.

— וואָס וויל דאָ דער שייגעצ? — הערט ער הינטער זיכ. — אינ דער נויט קומט ער צו גאָט!

„האָט מיכ דאָ ווער דערקענט?”

ער שטייט לאנג לעמ אלטנ. יענער באמערקט אים ניט.

„די זעלבע אונטערטעניקע אומבאהאָלפנקייַט ווי בא דער שוועסטער ראָכל פאר איר טויט. האָפענונגלאָזיקייַט! זי איז אוועק צו אירע קראנקע, האָט געוואָלט זיכ שטעלנ ארבעטנ אינ דער נאכט־וואכטע. האָט מענ איר געזאָגט: „אריער קאָנענ ניט אָנ־טרויענ זייער געזונט אינ די הענט פונ ייִדנ!” האָט זי אייַנגענומענ סאמ אונ איז געשטאָרבנ”...

ענדלעכ גלייַכט זיכ דער פאָטער אויס. ער וויל נעמענ דאָס טיכל, קעדיי אויסווישנ די ברילנ. זייַנ האנט בלייַבט הענגענ אינ־

דערלופטן, ער שטרעקט זי אויס פֿאָרויס, ווי ער וואָלט וועלן זיך באַשיצן פון א געשפּענסט. א פֿאַרשטײנערטער, קוקט ער אָן דעם זון.

— וואָס וויל ער דאָ? וויל ער אונדז אַלעמען ברענגען אַן אומגליק? וועט מען אים דאָ געפינען, זײַנען מיר אַלע פֿאַרלאָרן! — ברומט די שטימע. דער אַלטער גלעט א פֿאַרצאָרנטער זײַן באָרד.

דער פֿאָטער און זון מעסטן זיך אײנער די אַנדערע מיט די אויגן. הינטער דער דאָזיקער פֿאַרגליווערטקײַט שטײען וועלטן. מאַקס איז ניט געקומען זיך איבערבעטן. דעם פֿאָטערס אויגן פֿלאַקערן אויף; ער שטרעקט אויס די האַנט קעגן אים און שרײַט:

— טראָג זיך אָפּ, מעשומעד! אַרויס פֿונדאַנען!

אַלע הייבן אויף די קעפּ.

— שייגעץ! — דעם פֿאָטערס שטים טראָגט זיך איבערן גאַנצן צימער. — אַוועק, גאַזלען! איר האָט די גאַנצע צאָרעס אָפּ אונדז געבראַכט! אַרויס! דאָ איז א בעסמעדרעש!

מאַקס ווערט בלייך.

— שייגעץ, גאַזלען! — שרײַט אַן אַלטער, — איר האָט דאָס געמאַכט די פּאָגראָמען, באָלשעוויקעס!

באַ דעם ערשטן קלאַנג פֿון דער דאָזיקער פֿרעמדער שטימע פֿאַלט דער פֿאָטער באַ זיך אַראָפּ. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ איבערן שטענדער, קלאַפּט מיטן שטערן איבערן סידער און יאָמערט שטיל.

אין זאַל איז געוואָרן שטיל. בלויז דעם פֿאָטערס „גרויסער גאָט, דערבאַרעם זיך!" ציטערט אין שײַן פֿון די ליכט.

מאַקס פֿאַרקוועטשט די ציין, — ווערט אָנגעשטרענגט. ער קוקט זיך אום. האָס פֿינקלט פֿון אַלע זײַטן. ער שטעלט אים אַנטקעגן זײַן קאַלטבלוטיקײַט.

„פֿאַרנאַרטע קלײנבירגער! זיי באַדויערן געוויס, וואָס זיי קאָנען ניט פֿאַרשטײנען?" פֿאַרשטײנען — ער האָט דאָס שוין אַמאָל איבערגעטראָגן, אַלס קינד, אין דער שול. בלעטער זײַנען דאַן געפֿאַלן פֿון די ביימער. אײנער האָט אים אין שפּאַס באַוואָרפֿן מיט בלעטער. באַלד האָט זיך אין דעם באַטײליקט די גאַנצע שול. ער,

דער ייִד, איז געוואָרן דער ציל. צווישן די בלעטער האָבן זיך געטראָפן גענוג שטיינער. א שפרונג — און ער ברעכט אָפּ פונעם נאָענטסטן בוים א צווייַג ווי א מעטער די גרייס, און פארמעסט זיך מיט אים. דער נאָענטסטער האָט דאָס גלייַך דערפילט. זיי זייַנען זיך פאנאנדערגעלאָפן...

אף זייַנע פויסטן האָבן זיך ארויסגעשטעלט די אָדערן. זייַן ברוסט האָט זיך אויסגעגלייַכט. בא יעדן טראָט, וואָס ער גייט, שטעכן אים גיפטיקע בליקן. שטיל. די פלעמלעך פון די ליכט דערמאָנען אים די קינדער־אויגן דעמלט ארום אים.

דער קליינער עריך קוקט אף מארגאָ פון אונטן ארוף.

— די מאמע איז ניטאָ אין דער היים!

זייַן ייִנגערער ברודער רודי קומט צו לויפן און באטראכט מארגאָ מיט א בליק פון א דערוואקסענעם, אָפּמעסטנדיק זי פון אויבן אראָפּ, זייַנע ליפּן ווערן שמאָל.

— וואָס פארלאנגט איר? — פרעגט דער גרעסערער. ער איז ברייטער און טראָגט די האָר פארקאמט מיט א שרונט.

— דערקענט איר מיך ניט? — פרעגט מארגאָ פרייַנטלעך.

אף די פּנעמער פון די קינדער באווייַזט זיך א שרעקעוודיקע אופמערקזאמקייַט. דער גרויסער דרייט זיך אויס און קוקט אף א זייַט. זייַן קליינער ברודער ענטפערט אף מארגאָס פרעגנדיקן בליק. זייַנע אויגן בלייַבן אומבאוועגלעך.

— קום נאָר אהער! — רופט אויס מארגאָ. אָבער ער בלייַבט שטיין פונדערווייַטנס און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ.

— דערקענט איר מיך טאקע ניט? איך בין דאָך דאָ געוועזן מיט מאקסן!

— מאקס? — פרעגט דער עלטערער, וואָס שטייט נאָך אלץ בא דער טיר.

— מיר קענען אים ניט! — ברומט רודי, נאָך אלץ מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זייַנע אויגן באטראכטן מארגאָ פון אונטער די ברעמען.

„זייַנען דאָס די זעלבע קינדער, וואָס ערשט מיט עטלעכע

כאדאָשים צוריק פלעגן זיי זיך פריילעך צוזעצן יעדערן אָפּן שויס און שטעלן אָן א שיר פראגעס?״

זי ווערט רויט. די יאָטלעך שטייען אײנגאנצן פארשלאָסענע אין זיך. רודי שאָקלט זיך בא דער פּליטע און שפּילט זיך מיט זײַן פּאַס; עריך האַלט זיך נאָך אַלץ בא דער קליאמקע פון טיר.

— און וואַלטער איז שוין אויך דאָ מער ניטאָ?

ווידער קוקן זיי אָן איינער דעם אנדערן. רודי שווײַגט און עריך פרעגט: — וואָס פאר א וואַלטער?

— נו, דער, וואָס האָט בא אײַך געוווינט, מאקס פרײַנט!

— ער איז שוין לאנג דאָ ניטאָ! — רופט אויס רודי. עריך טוט א קוועטש מיט די אַקסלען, קוקט זיך נאָכאַמאָל אופמערקזאם צו צו מארגאָ, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אראָפּלייענען פון איר גע-זיכט, ער זאָגט אָבער גאָרנישט. זײַן קליינער שטערן באדעקט זיך מיט קנייטשן. עפּשער, טראכט ער, איז זי פון דער פּארטיי?״

— ווער האָט אײַך אייגנטלעך געשיקט אהער?

— קיינער ניט, איך האָב בלויז געוואָלט ריידן מיט דײַן מו-טער! אָבער וויבאלד זי איז ניטאָ... ווען וועט זי קומען?

— איך ווייס ניט!

מארגאָ איז געוואָרן אָפּהענטיק אונטער די בליקן פון די קינ-דער, וואָס האָבן געקוקט אף איר מיט אָפענעם אומצוטרוי.

— וועל איך קומען, ווען אײַער מוטער וועט זײַן! זאָגט זי, קעדיי צו מאכן א סאָף.

עריך טוט א שאָקל מיטן קאָפּ. מארגאָ גייט לאנגזאם ארויס. הינטער דער טיר הערט זי זיי שעפּטשן: „ס'איז געווען א שפּיאָן?״

„ניין, מענטש, דאָס איז געווען איינע פונעם יוגנט־אמט״.

„אָבער זי קען דאָך...״ די שטימען ווערן שטילער.

„די קינדער זײַנען אויך באקאנט דערמיט, זיי האָבן זיך אויך צוגעפּאסט צו די קאמפן. און זי אליין? איז זי ניט פארשעמט גע-וואָרן? זי שטייט אויסערן רינג, זי געהערט ניט צו די, וואָס זײַנען געבליבן באם פארנופט, צו די קעמערלעך, וואָס ווילן די גלאט פּאָליטע מענטשן און גאסן צוגעבן צוריק א מענטשלעכן געשטאַלט״.

א פארטראכטע גייט זי לאנגזאם דורך די גאסן, איר שאָטן

אײַלט זיך פֿאַר איר. איבער מאַרגאַס אויגן הענגען שלייערס פֿון מידקײַט. נאָר איין געדאַנק האַלט זי אויף: איך וועל אים געפֿינען, מאַקסן, און דורך אים—דעם וועג.

די מוטער הילדעבראַנד האַלט די הענט צונויפֿגעלייגט איבערן ברוסט און שפּאַרט זיך אָן אַ קיך-טיש.

— יאָ, — זאָגט זי, — איר קענט מײַן טאָכטער?

וואַלטער שאָקלט מיטן קאָפּ.

— קענט איר דאָך מיסטאָמע אויך מאַקסן?

וואַלטער פֿאַרציט זײַן פּאַפּיראָס:

— יאָ!

— לעבט ער נאָך?

— פֿאַרוואָס זאָל ער ניט לעבן?

— יאָ, יאָ, פֿאַרוואָס?

דאָס פּאָנעם פֿון דער אַלטער ווערט פֿינצטער. אירע קליינע מידע אויגן צעפֿלאַקערן זיך.

— איך בין אַן אַלטע ציג, אָבער מע דאַרף מיך ניט לערנען. די באַנדע קאָן נאָך שענערע מונדירן טראָגן! ניין, איך וויל דער־פֿון גאָר ניט וויסן! זאָלן זיי מיך צורו לאָזן! פֿריִער האָבן זיי אונדז געזאָגט: אַלץ וועט ווערן בילליקער! גייט נאָר אַרויס אויפֿן מאַרק, פּרוּווט נאָר קויפֿן! שמאַלץ קאָסט איצט 60 פֿעניק!... ניין, יונגער־מאַן, איך בין טאַקע אַלט, אָבער ווען איך באַטראַכט זיך נאָר, וואָס פֿאַר אַ גוילעם דער דײַטשישער מיכל איז, וואָלט איך פֿון דער הויט געשפּרונגען, וואָלט איך אַזוי דערלאַנגט, איר מעגט מיר גלייבן!... ס'איז עמעס, פֿריִער בין איך אויך געווען אַ ביסל צעדרייט און געוואָלט זיך אַרופֿדראַפּען. גאָט מײַנער, מיר זײַנען טאַקע קיינמאָל ניט געווען אויפֿגעקלערט. ווען איך טראַכט, וואָס מע האָט אונדז נאָר דעמלט אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ!

די מוטער הילדעבראַנד קוקט אַרויס אין פֿענצטער, ווי זי וואָלט דאָרטן ווידער דערזען אַ שטיק פֿון איר יוגנט און שווײַגט. וואַלטער פֿאַרלעשט דעם פּאַפּיראָס. ער זיצט אויף דעם איינציקן שטול אין קיך און געניסט פֿון דער רויִקײַט, פֿונעם געמיטלעכן בילד.

„די אלטע איז אינ אָרדענונג", טראכט ער, „עס איז גוט, ווענ מע הערט עמעצנ ווידער זיכ אויסריידנ, וואָס עס טוט זיכ בא אימ אינ הארצנ".

— פארוואָס מיינט איר, אז זיי האָבנ גראָד מאקסנ עפּעס געטאָנ?

— נו, ער איז דאָכ א ייִד. זיי טשעפּענ זיכ דאָכ קעסיידער צו די דאָזיקע אָרעמע כעוורע. זיי זײַנענ קלוימערשט אינ אלצ שולדיק. זיי מאכט מענ פאראנטוואָרטלעכ אפילע פאר דער נארישקײַט פונ אנדערע. אכוצ דעמ, רעכנ איכ, איז ער דאָכ נאָכ געווענ אינ דער פּארטיי. זאָל מיט אימ נאָר ניט פּאסירנ, ווי מיט היינצנ פונ דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־הילפ! איר פארשטייט, ווענג דעמ ווילט זיכ גאָרניט דערמאָנענ זיכ, — מאכט זי מיט דער האנט.

— דערפונ ווערט מענ בלויז ווידער פול מיט רעציכע. די דאָזיקע שמוציקע הינט! זיי האָבנ אימ געפּאטערט. — איר אונטערשטער קינבאק קײַט א הארטנ ביסנ. — מע קאָנ פּאָשעט קיינ ווערטער ניט געפינענ, וואָס פאר א מענטשנ דאָס זײַנענ! זיי האָבנ נאָכ דער מוטער געשריבנ, זי זאָל באצאָלנ פאר דער באערדיקונג, ווײַל איר זונ איז געשטאָרבנ פונ א הארצ-פּאראליטש! אונ דאָס איז א קולטורעל פאָלק.

די מוטער הילדעבראנד שטיצט מיט דער דלאָניע די געמבע אונ שאָקלט, אנ אופגערעגטע, מיטנ גרויענ קאָפּ.

טריט.

— איז דאָס מײַנ מארגאָ?

די טריט דערנעענטערנ זיכ. זיי זײַנענ שווער אונ לאנגזאמ. ניט ווי טריט פונ א יונגנ מענטשנ. די טיר עפנט זיכ. מארגאָ ווערט אופגעציטערט.

— וואלטער! דו ביסט דאָ!

— יאָ! — זאָגט וואלטער אונ שטייט אופ.

„פארוואָס האָט זי זיכ אזוי דערשראָקנ?"

מארגאָ קוקט מיט אומצוטרוי אפ אימ. „דאָס איז ווירקלעכ וואלטער?" זײַנ גלײַכמעסיקע, באאָבאכטנדיקע רויִקײַט טראָגט זיכ ביסלעכווײַז איבער אפ איר. מארגאָס געזיכט באקומט פארב.

די מוטער קוקט אףביידע, אירע ברעמען הייבן זיך אוף. „זיי זײַנען אף דו!״ — טראַכט זי. — „אף דו!״

— נו, גייט אין צימער אַרײַן, איך וועל צושטעלן א ביסל קאַווע!

מאַרגאַ טוט אויס איר מאַנטל.

— אַזוי איז דאָס לעבן! ווייסטו פונוואַנען איך קום?

וואַלטער קוועטשט מיט די אַקסלען.

— איך בין ניט קיין נאָווי!

— יאָ, — זאָגט זי מיט א געמאַכטער פריילעכקײַט, — דערצו מוז מען ווירקלעך זײַן א נאָווי! דו ביסט גאַנץ גערעכט. — איך קום פון אַנאַ, און איך האָב דאָרט וואַלטערן געזוכט!

— וואָס?

מאַרגאַ ווערט פאַרכידעשט מיטן טאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט אַן אומבאַוויליקונג.

— זעסטו, דו ביסט פּונקט אַזוי פאַרכידעשט, ווי איך בין פריִער געווען!

— דאָס פאַרשטיי איך ניט! — ענטפערט וואַלטער. אַרום זײַנע קליינע פרישטשעוואַטע נאָז פאַרברייטערט זיך דער אויסדרוק פון א פײַנלעכן געפיל.

— צו וואָס האָסטו מיך געדאַרפט האָבן? ווי איז דאָס דיר אײַנגעפאַלן צו זוכן מיך בא אַנאַ?

— דו האָסט דאָך דאָרטן געוווינט!

— יאָ, און? — באַטראַכט ער מאַרגאַ.

„ווי בא די קליינע — ניט אָפנהאַרציק, מיט אומצוטרוי״, — פילט מאַרגאַ.

— דו קוקסט מיך אָן, ווי דו וואָלסט האָבן א פאַרעטער פאַר זיך!

דאָס וואָרט פאַלט, ווי א שווערער שטיין אין צימער.

— רייד ניט קיין נאַרישקײַטן! דו ווייסט דאָך, אַז הײַנט מוז מען זײַן זייער פאָרזיכטיק!

— אַך, אַזוי! — מאַרגאַ ווענדט אירע אומבאַוועגלעכע און טרוי-

עריקע אויגן צו וואלטערן מיט א פראגע. זײַן קערפּער ווערט פאר איר פארשווונדן, זי זעט בלויז דעם באהאלטענעם אומצוטרוי.

— ווײַזט אויס, אז דו ווייסט נאָך גאָרנישט! — הייבט ווידער אָן וואלטער.

מארגאָ באוועגט שוואך מיטן קאָפּ:

— איך בין דאָך פון אויסן!

דאָס קלינגט, ווי אן אנטשולדיקונג קעגן וואלטערן.

— בא אנא זײַנען געווען דרײַ מאָל נאָכאנאנד הויז־אונטער־זוכונגען!

— אזוי?! — כאפּט זיך מארגאָ.

— די יאטלעך זײַנען נאָך דאָרטן געווען?

— יאָ!

— און ווי זײַנען זיי געווען?

— נאָך מיט מער אומצוטרוי, ווי דו! זיי האָבן מיך גאָר ניט ארײַנגעלאָזן אין צימער!

— גוט!

— וואָס גוט?

— דאָס איז גוט! גוט פאר אונדזער ארבעט. זיי האָבן דיר וואָס דערציילט?

— ניין, אנא איז ניט געווען אין דער היים.

— האָבן די יאטלעך דיר געזאָגט, ווו זי איז?

— ניין! איז זי...?

וואלטער האָט פארשטאגען די פראגע און האָט א קוועטש געטאָן מיט די אקסלען.

— נעכטן איז זי נאָך געווען פרײַ. מע וויל בא איר אָפּנעמען די קינדער!

— וואָס? — מארגאָ לייגט זיך איבערן טיש. אירע אויגן עפענען זיך ברייט פאנאנדער.

— ווער?

— ווער?! — זי איז ניט פייִק צו דערציִען די קינדער אין גײַסט פונעם נײַעם דײַטשלאנד, האָבן זיי געשריבן.

— וואָס ? („דאָס איז איינע פונעם יוגנט־אמט״, האָט געזאָגט דער קליינער.)

— די קינדער וויל מען בא איר אוועקנעמען ?

וואלטער איז אופגעשטאנען; ער גייט הין און צוריק. די דאָזיקע גלײַכמעסיקע טריט ווערן איר אומדערטרעגלעך. ער גייט דאָ ארום אין שניפּס און קראגן און לאָזט רויך דורכן נאָז.

— יאָ, זיי קאָנען דאָס טאקע איצט אלץ טאָן, וואָס זיי ווילן ? — כאפּט זיך ארויס מארגאָ. — זײַנען שוין אינגאנצן ניטאָ קיין שום מענטשלעכע רעכט ?

וואלטער בלײַבט שטיין. אזעלכע פראגן קומען אים פאָר, ווי פון אן אנדער וועלט.

מארגאָ פילט, ווי זי וואָלט געפאלן, געפאלן, ניט קומענדיק צום גרונט. ניטאָ אָן וואָס זיך אָנצוהאלטן, ניטאָ פאר וואָס זיך אָנצוכאפּן. זײַנען טאקע אלע מאסשטאבן אומגעוואָרפן, און עס איז אינערגעץ ניטאָ קיינער, וואָס זאָל זאָגן: ביז אהער און ניט ווײַטער ! ?

„אזעלכע ווי דער רעפערענט דארפן דאָס באשטימען, צי קינדער מעגן בלײַבן בא דער מוטער ? אויב אזוי, האָט נאָך דאָס לעבן עפּעס א זין ? וואָס זײַנען מיר פּי ?״

זי קוקט אפן וואלטערן, ווי זי וואָלט געוואַרט פון אים אן ענטפער. אירע נאָזלעכער ציטערן; אומזיסט פּרווט זי אײַנהאלטן דאָס שטיקעניש אין האלדז.

— זאָג דעם עמעס ! — רײַסט זיך בא איר ארויס, — מאקס ? האסטיק לאָזט זי אראָפּ דעם קאָפּ.

— זאָג דעם עמעס ! — פאָדערט זי הייזעריק.

זי האָט פארמאכט די אויגן. אירע אקסלען ציטערן.

— ער לעבט און איז אפּ א זיכערן אָרט ! — וואלטער ווארפט דאָס ארויס פינצטער און פארשלאָסן אין זיך.

זי עפנט די אויגן. איר פּאָנעם איז מיד. אין די אויגן שטייען טרערן.

— דו דארפסט מיר קיין זאך ניט אויסטראכטן, וואלטער, — בעט זי.

— אָט האָסטו ! — וואלטער דערלאנגט איר דאָס צעטל.

מארגאַ לייענט. אירע אויגן בלײַבן לאַנג געווענדט אפֿן פּאַפּירי־שטיל, קוים וואָס מע הערט, זאָגט זי:

— וואַלטער, זאָלסט ניט מיינען, אַז איך בין אַזוי שוואַך! איך וועל אויסהאַלטן!

וואַלטער האָט זיך אָנידערגעזעצט אפֿן ברעג פֿון שעזלאָנג און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אָף די הענט.

„זי וועט זיך דורכשלאָגן!"

מוירעדיק מיד איז ער. דער געדאַנק אַליין וועגן באַוועגונג טוט אים וויי. ער פֿילט זיך פּוסט. ווי אַזוי אַזעלכע אויסברוכן גייען אים פֿאַרבײַ! ער וווּנדערט זיך. זיי באַרירן אים ניט!

דער זייגער שלאָגט. מאַרגאַ הייבט זיך אויף, ווי זי וואָלט גע־לעגן און געוואַרט דערויף. זי פֿילט אַ שטאַרקן דרוק אין קאָפּ. אַ ווײַלע זיצט זי פֿאַרטראַכט אפֿן ברעג פֿון בעט, דערנאָך נעמט זי אַ זאָק.

„ווי גלאַט זי ליגט אפֿן פֿוס!"

זי טוט אַלץ, ווי זי פֿלעגט טאָן אַלעמאָל, און דאָך איז דאָס אַנ־דערש. דאָס געוויינלעכע ווערט שווער. זי טוט דאָס מיט מי, אָנ־שטרענגענדיק זיך.

עס איז אַזוי באַשײַמפּערלעך: דאָס איז גאָר אַן אַנדער מאַרגאַ, וואָס קוקט אָף איר הײַנט פֿון שפּיגל. כאָטש די פּאַרשנדיקע אויגן קאָנען גאָר ניט פֿעסטשטעלן קיין שום ענדערונג. דאָס מויל און די געמבע זײַנען שטענדיק געווען אַזוי פֿעסט. בלויז דער שטערן, דער הויכער ווײַסער באַנד אַרום די סאַמע פֿאַרשיידענע געדאַנקען זעט אויס שטרענגער, ווײַל די אויגן אונטן זײַנען אַזוי ערנסט, ווי זיי וואָלטן געקוקט אין גרונט אַרײַן.

דאָרטן, פֿאַר איר בעט, אפֿן שעזלאָנג, ליגט וואַלטער. זי דרייט זיך אום צו אים. ער שלאָפֿט נאָך. די אײַנגעפֿאַלענע באַקן הייבן זיך אויף באַם עטעמען, ווי זעגל. זײַנע טונקעלע ברעמען גיבן אים צו אין שלאָף עפּעס אַ פֿינצטערן אויסדריק. „ווען מאַקס וואָלט דאָ גע־שלאָפֿן!" אירע באַוועגונגען ווערן אײַליקער. זי מאַכט צורעכט די קלייד און דערנאָך די האָר, באַ אַן אַנדער צײַט וואָלט זי זיך פֿאַר

דעם טריבן טאָג צוזאמענגעצויגן אין דער צארטער ווארעמקייט. היינט זעט זי גאָר ניט דעם גרויען טאָג. מיט רעציכע קלאפט זיער ווינט אין די מויערן.

„צי איז דאָס טאקע אזוי זעלבסטפארשטענדלעך, אז א מאַן, קוים א באקאנטער, ליגט דאָ אפן שעזלאָנג? א כאַווער?"

דער זייגער איז האלב אכט. מארגאָ ווייזט נאָך אלץ ניט ארויס קיין איילעניש. וואָס וויל זי אייגנטלעך אָפּשטופן? — דאָס ארויסגיין אין דער ווינטיקער פינצטערניש צווישן די גרויע מויערן, קעדיי צו־זאמען מיט די טויזנטער לויפן צו דער ארבעט?

— נו, נעם זיך, נעם! — די מוטער הילועבראנד דערלאנגט איר דעם פרישטיק. מארגאָ עסט ווייניק, זי נעמט דעם פאָרטפעל, גלעט דער מוטער איבערן קאָפּ — די מוטער קוקט אפ איר א פארוווּנ־דערטע.

— גוט, גוט! נו, גיי שוין, עס איז דאָך שוין באלד אכט!

מארגאָ איילט זיך ניט, ווי זי וואָלט גאָר ניט געקאָנט זיך פאר־שפעטיקן, ווי זי וואָלט גאָרנישט געקאָנט פארלירן.

„ווי לאנג איז דאָס, ווען איך האָב דאָ אפן וועג צו דער אר־בעט געטראכט: עס איז אלץ א טאָעס! דער רעפערענט וועט זיך אנטשולדיקן?"

„ווי נאַיִו איך בין געווען!"

אירע טריט זיינען שווער, אָבער פעסט. קיין שום נארישע האָ־פענונגען. זי גייט מיט א שווערן וועג: זי האָט אים אפ זיך גע־נומען.

ספעציעל באטאָנענדיק, רופט זי אויס אין מאשינען־זאל „גוט מאָרגן!" דאָס שטעכיקע „הייל היטלער!" לאָזט זי פארביי די אויערן.

ווי לעכערלעך און נידעריק עס זעט איר אויס די ארבעט, צו וועלכער זי האָט זיך יאָרנלאנג באצויגן ערנסט.

„אייער באקאָשע וועגן א ווינטערדיקן מאנטל" — דער וואל לויפט, די מאשינקע קלינגט, די לינקע האנט ציט די קארעטקע צוריק — „קאָן ניט באפרידיקט ווערן, ווייל איר האָט פאר דעם אויך ניט געהאט קיין שום מאנטל".

דאָס ערשטע, וואָס דער „הער" רעפּערענט געפינט פאַרנאָטירט אַפן זײַן קאַלענדאַר, איז „הילדעבראַנד — דער ייִדישער פלאָקן". ער שפּיליעט זיך פאַנאַנדער דעם מונדיר, קאַמט צו דעם שרונט.

„לאָמיר גלײַך די זאַך דערליידיקן!"

ער נעמט אַרויס פון זײַן מאַנטל אַ קליין נאָטיץ־ביכל, זעצט זיך און בלעטערט. ער לייענט:

„מאַקס רודער. מאַרקסיסט. גײַסטיקער שולדיקער אין פאַרשיידענע אָנגריפן אויף נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן און פאַרפאַסער פונעם אומלעגאַלן זשורנאַל „דער רויטער שטורמאָוויק", וואָס באַווײַזט זיך קעסיידער. לויט די דערקלערונגען פון דער פרײַלן ווינש (זי אַרבעט דאָך אויך בײַ מיר, טראַכט דער רעפּערענט, דריקט אָן דאָס קנעפּל אויפן טיש און לייענט ווײַטער), האָט ער פאַר דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אונטערגעהאַלטן באַציִונגען מיט דער פרײַלן מאַרגאָ הילדעבראַנד. אַן אַרבעטער־טיפּ. געוועזענער שלאָסער".

דער שטורמאָוויק, וואָס איז אַרײַן אויפן קלונג, שטייט נאָך אַלץ אויסגעצויגן. דער רעפּערענט האָט פאַרגעסן, נאָך וואָס ער האָט אים גערופן.

— אהא! — רופט אַרײַן די פרײַלן ווינש פון מאַשינען־ביוראָ!

„צופיל צערעמאָניעס מיט דער הילדעבראַנד! זי דרייט מיר נאָר אַ קאָפּ. צי שטאַמט זי פון אַ האַלבן ייִדן צי ניט, זי איז אַלצייַנס אַ כאַזער. אַ דײַטשישע פרוי, וואָס האָט זיך... נו!"

די באַקן פונעם הער רעפּערענט בלאָזן זיך אָן פאַר פאַראַכטונג.

„מיר וועלן זי שוין פּאַקן. אָנגעשראָקן האָב איך זי שוין. די הערן פון האָרסט וועסעל־הויז זאָלן זען, אַז מיר פאַרשטייען אויך אין אײַסעק".

מע קלאַפּט.

— אַרײַן!

— הײַל היטלער! — שרײַט די העל־בלאָנדע פרײַלן ווינש מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און גייט צו צום שרײַבטיש.

דער רעפּערענט שאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ.

— זעצט זיך! — ווײַזט ער אויף אַ שטול פאַרן שרײַבטיש.

די פרײַלן ווינש פאַרשאַרט הינטערן אויער די ווידערשפּעניקע

האָר און דריקט צו די האָרשפּילקעס, וואָס האַלטנ אופ די פריזור. אירע שפּיציקע עלנבויגנס לייגנ זיכ אפ די הענטלעכ פונ שטול און איר קוים באמערקבארער בוזעמ, פול מיט אומשולד, שטרעקט זיכ אויס ערנסט צו דעמ דײַטשישנ מאנ.

— זאָגט נאָר, פרײַלנ ווינש, הייבט אָנ דער רעפערענט מיט א ליבלעכער שטימע. אונטער זײַנ ברייטער געמבע לייגט זיכ צונויפ א מעכטיקער שמאלציקער קנייטש, — איר קענט אָט דעמ געפערלעכנ ייִדנ רודער.

— געוויס! — שאָקלט מיטנ קאָפ די פרײַלנ שטײַפ און זעלבסט־פארשטענדלעכ. — אונדזער גאנצער קווארטאל קענ אימ פונ זײַנע העצערישע רעדעס אפ די שכיינים־פארזאמלונגענ!

— איר האָט ניט געהאט קיינ טאָעס? דאָס איז דער זעלבער, וואָס איר האָט געזענ צוזאמענ מיט דער הילדעבראנד?

— אויסגעשלאָסנ! — און אירע גלאטע באקנ גלאנצנ פאר זיכערקײַט.

— איר האָט די לעצטע צײַט דעמ כעווּרעמאנ ניט געזענ.

— נאָכ דער נאציאָנאלער רעוואָליוציע איז ווי די ערד וואָלט אימ אײַנגעשלונגענ. אָבער די העצ-בלעטער קריגנ מיר נאָכ אלצ, אנ אומדערהערטע זאכ!

— המ! — ברומט דער רעפערענט און שפּיצט זײַנ רונדנ שארבנ מיט די הענט. „דאָס איז דאָכ א גאנצ אנטשיידענע פרויענצימער, פארוואָס האָט זי ניט כאסענע“, — האלט אָפּנ די אויגנ, פרײַלנ ווינש! איר זײַט א פרוי, ווי דײַטשלאנד דארפ דאָס האָבנ! — דאָס איז דערווײַל אלצ!

פרײַלנ ווינש הייבט זיכ אופ; זי שטייט מיט א פאריסענעמ קאָפ.

— אויב איר וועט זיכ עפּעס דערוויסנ... — שאָקלט איר מיטנ קאָפ דער רעפערענט.

ער קוקט א ווײַלע אפ דער טיר, וואָס האָט זיכ הינטער איר פארמאכט און קלינגט ווידער.

— רופט ארײַנ די הילדעבראנד פונ דער מאשינענ-ביוראָ!

„אז איכ וועל דערמיט פארטיק ווערנ, וועל איכ פרישטיקנ“.

ער נעמט זיך צום פּאָרטמעל און לייגט אַרײַן קאָנאַקנדיקע פּאַ-פּיר אין זײַן שופלאָד.

„איך וועל דאָס מאַכן קורץ!" באַרויִקט ער זײַן אַפּעטיט.

מע קלאַפּט. ער פּאַרציט זײַן רימען; דער מונדיר ווערט רונדער איבער דער ברוסט. ער פּאַריכט דעם שרונט. — איך בעט!

מאַרגאָ בלײַבט שטיין באַם שרײַבטיש, דער רעפּערענט האָט ניט באַטראַכט דעם אָנהייב.

— זעצט זיך! — טוט ער אַ זאָג. — אײַער איניִען איז נאָך אַלץ ניט דערליידיקט!

— וועלכער איניִען?

— וועלכער איניִען?! וואָלט איך געשטאַנען אונטער אַזאַ פאַר־דאַכט, וואָלט איך וויסן, ווי זיך אַנדערש אויפירן!

מאַרגאָ שווײַגט. דער רעפּערענט באַקומט לאָשן.

— ...שעמען... אַ דײַטשישע פרוי...

מאַרגאָ ווערט אומרויִק.

— ...מיר וויסן דאָס, געדינט באַם ייִדן דעם פּי־הענדלער...

מאַרגאָ פּלאַמט. זי ווייס ניט, וווּ זאָל זי הינטאָן די אויגן, פאַר־וואָס זי שטייט דאָ איבערהויפּט. איר זעט דאָס אויס גאָר ני־דערטרעכטיק, ווי עמעצער וואָלט דערציילט אַ שמוציקן וויץ. אָבער יענער רעדט ערנסט.

ער וויל פון איר מאַכן אַ מאַמזער פון אַ ייִדישן פּי־הענדלער.

„דאָס נאַרישע נערוועזע ציטערן! מער ניט הערן! איינפאַך פאַרשליסן זיך! זאָל ער ריידן!"

זײַנע ווערטער קומען ווי פונדערווײַטנס. בלויז אייניקע דרינגען אַרײַן אין באַוווּסטזײַן...

— ....אָפּן גערעדט..... מאַקס רודער....

זי אָטעמט שווער, ווי זי וואָלט וועלן שרײַען.

„נעמען זיך אין די הענט!"

אירע באַקן-מוסקולן טרעטן אַרויס.

— איר ווייסט דאָך, וווּ מע קאָן אים געפינען!

מאַרגאָ ווייס שוין, וווּ זי האַלט. איצט מוז זי האַנדלען, ווי עס איז

באשלאָסן. זי יאָגט זיך נאָך א געדאַנק, וואָס לויפט אַלץ אַוועק. עס איז שווער אים איינצוהאַלטן.

„אַרויסקריגן, וואָס ער ווייס. וואָרענען די כאַווייריִם. אונטער־האַנדלען. אָבער עס איז אַזוי שווער עפענען דאָס מויל!"

— נו, פרײַלן הילדעבראַנד, זאָגט זיך אַרויס! איר פאַרשטייט דאָך: אָדער — אָדער! איך בין ביז איצט געווען געדולדיק, דאָס איז שוין אַריבער! איר וועט ריידן, צי ניט!

מאַרגאָ שטיצט זיך אָפּן ראַנד פונעם טיש.

„וואָס גלאָצט זי אַזוי, ווי אַן אָקס. עפּשער אָנציִען אַנדערע סטרונעס", טראַכט דער רעפערענט.

— איר ווייסט, אַז דער רודער איז א מעלוכע־פֿײַנט, איר ווייסט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן פאַרבינדונגען מיט מעלוכע־פֿײַנט, קאָן מען צו יעדער צײַט אַרעסטירן! איר מעגט אויך וויסן...

„א שאָד, וואָס קיינער הערט ניט, ווי איך פיר דורך די זאַך! זאָל די געשטאַפּאָ קומען זיך לערנען!"

—... ווי אין נײַעם דײַטשלאַנד ווייס מען, ווי זיך אָפּרעכענען מיט מעלוכע־סאָניִם!

מאַרגאָ איז רויק. זי ווייס דאָס. זי הערט דעם רעגן קלאַפּנדיק אין פענצטער. זי ווייס דאָס אַלץ.

„גוט. אַלזאָ".

„איז דאָס מײַן שטים, וואָס רעדט? איך וועל ריידן אָפּ זייער אויפן, זען פאַרשלעפּן — ווי הויך עס קלינגען אָפּ די ווערטער!"

— איך בין א דײַטשישע פרוי, הער רעפערענט! וואָס איר פאַר־לאַנגט פון מיר, הייסט דאָך פאַראַט. — איך ווייס ניט, ווו דער רודער געפינט זיך. איך קען דאָס עפּשער זיך דערוויסן.

„ווי אומצופרידן קנייטשט זיך אויף זײַן געזיכט!"

— איר פאַרשטייט, איך האָב לאַנג וועגן אים גאָרנישט געהערט און איך האָב שוין מער ניט מיט אים קיין באַציִונגען!

אָבער זי רעדט צו די ווענט.

„מע מוז וואָרענען מאַקסן!" זי קאָן זיך ניט באַפרײַען פון געפיל, אַז זי רעדט צופיל. אָבער זי מוז קעמפן פאַר מאַקסן און וואַל־

טערן. זי רעדט קימאט ערלעך, אָבער זי טרעפט ניט אָן קיין מענטש־לעכע זײַט.

„ווי שווער! — דאָ האָב איך געמאַכט א פעלער!"

זײַנע געזי״כט בלאָזט זיך ווידער אָן.

„באַלד וועט ער שרײַען, עפּשער וועט ער גלײַך אַרײַנרופן די וואַך!"

— איר פאַרשטייט, מײַנע אַלטע מוטער און איך! איך ווייס ווירק־לעך ניט! איך וועל הײַנט זיך פאַנאַנדערפרעגן!

„צי גלייבט ער דאָס, ווייניקסטנס?"

עס איז שטיל אין גרויסן צימער, אויך דער רעגן קלאַפּט ניט מער אין די שויבן. אַף דער מילכיקער ווײַסקײַט פון מאַרגאָס האַלדז שטייען רויטע פלעקן.

„אויב איך וועל זי לאָזן אַרעסטירן, וועט זי ווערן סטאָיִש, זי איז אַזאַ גראָדליניקע. צום טײַוול! ווידער גאָרנישט אויפגעטאָן!"

— ביז מאָרגן גיב איך אײַך צײַט!

„צײַט!"

אין אירע גלידער טוט א צוק, ווי זי וואָלט וועלן א שפּרונג טאָן.

„געוווּנען, צײַט געוווּנען!"

— איך וואָרן אײַך צום לעצטן מאָל! דערלאָזט ניט, עס זאָל קו־מען דערצו!

„צו וואָס האָט ער דאָס נאָך געזאָגט? מאָרגן וועט ער זיך ניט צערעמאָניען, דער דונער כאַפּט עס".

אין ענגן קאָסטיום קאָן זי ניט מאַכן קיין גרויסע טריט. די היפּטן זעען זיך פול אַרויס.

דער רעפערענט שטייט אויף. דער קלעקער פליט פאַר קאָס אַפן שרײַבטיש.

אַף יענער זײַט טיר בלײַבט מאַרגאָ אַף א סעקונדע שטיין.

„זאָל איך גלײַך אַוועקגיין!"

עס הערן זיך טריט הינטער איר. זי גייט אַוועק אין דער ריכ־טונג צו דער מאַשינען-ביוראָ.

זי באַמערקט ניט, ווי פון אַלע זײַטן קוקט מען אַף איר. זי

איז באשעפטיקט מיט אירע געדאנקען. די פעסט פארמאכטע ליפּן און די ענערגישע געמבע מאכט דאָס פּנים שפּיציק.

„ווי זאָל איך דאָס מאכן?" טראַכט זי, שטעלט אַרײַן אַ נײַע זײַט און קוקט אוטאָמאַטיש אויפן דאָקומענט, וואָס ליגט פאַר איר. די אויסיִעס גיסן זיך צונויף אין אירע אויגן. עס איז איר שווער צו זיצן.

„איך מוז עפּעס טאָן! די צײַט גייט אַוועק! אויב זיי וועלן גע-פינען וואַלטערן אין דער וווינונג?!"

אָט איז דאָס. זי ווייס, וואָס צו טאָן. זי הייבט אָן צו שרײַבן.

„יאָ... פון דעם אקט נומ. 82.. דאָ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט".

איר קלאַפּן פאַרשווינדט אינעם געדויש פון די איבעריקע מאַ-שינעס. בלויז דאָס איבערוקן די קאַרעטקעס רײַסט איבער די קלאַ-פּערײַ. די עלטערע מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ, ווי איינער, וואָס איז געווינט צו באַפעלן, גייט איבערן צימער.

בײַ דער פּערטער זײַט שטעלט זיך מאַרגאָ אָפּ. זי שפּאַרט זיך אָן אָן ווענטל פון שטול און מאַכט צו די אויגן. אַ ווײַלע בלײַבט זי אַזוי זיצן. דאַן נעמט זי איר נאָזטיכל, ציט אײַן די באַקן און עטעמט שווער. די שרעק, אַז זי וועט דאָס ניט מאַכן ריכטיק, טרײַבט איר אַ היץ אין קאָפּ.

— אײַך איז ניט גוט? — פרעגט בײַ איר אַ שאָכנטע.

מאַרגאָ טוט שוואַך אַ שאָקל.

— זאָל איך אײַך ברענגען וואַסער? — שפּרינגט יענע אויף.

מאַרגאָ שאָקלט אָפּ ניין.

נאָך אַנדערע שטעלן אָפּ דאָס שרײַבן. די עלטערע גייט צו.

— וואָס איז געשען?

— פרײַלן הילדעבראַנד פילט זיך ניט גוט.

מאַרגאָ פלאַמט פון אומרויִקײַט. זי האַלט פאַרמאַכט די אויגן.

— אַזוי! — זאָגט זי אויטאָריטעט. — נו, יאָ!

מאַרגאָ שטייט אויף מיט מי.

— איך וועל גיין אַהיים.

— אויב איר האַלט... די עלטערע ענדיקט ניט דעם זאַץ. — אַ קראַנקן-שײַן האָט איר מיסטאָמע?

מאַרגאַ רעאַגירט ניט אפֿן כּיוועק, וואָס קלינגט אין די ווערטער. זי נעמט איר האַנט־בײַטל. אירע באַוועגונגען ווערן זיכערער. „צו וואָס דאָס טעאַטער־שפּיל?“

— פֿאַרגעסט ניט, זײַט אַזוי גוט, די אַרבעט! — פּרוּווט די עלטערע אָפּווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מאַרגאָס שטילער אויפֿרעגונג.

די מאַשינקעס קלאַפּן ווידער. מאַרגאַ גייט. ניט ווילנדיק, הערט זי אויף צו שפּילן די ראָליע.

„שנעלער!“

זי פֿאָרט מיטן אויטאָבוס און טראַכט:

„ווו זאָל איך אויסבאַהאַלטן וואַלטערן? צי וועל איך גלײַך קאָנען צוקומען צו מאַקסן?!

אנדאָר גאבאָר

דער מונדיר

די דרוקעריַי איז געווען אומרויִק. עפּעס האָט געשוועבט אינדערלופטן, אָבער פון אָנהייב האָט קיינער ניט געוווסט, וועגן וואָס עס האנדלט זיך. די לעצטע וואָכן זײַנען אזוי אויך געווען אויסערגעוויינלעך רײַך אין געשעענישן. צוויי מאָל איז שוין קימאט דערגאנגען ביז א שטרײַק. דעם טאָג, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאכט, האָבן זיך פון צימער אין צימער געטראָגן קלאנגען:

— גענעראל-שטרײַק!

— ווער פּראָקלאמירט אים?

— די קאָמוניסטן.

— און מיר?

— מיר וועלן זיך אויך אָנשליסן. די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען באראטן זיך שוין. דורכן טעלעפאָן וועט מען געבן צו וויסן די פּאַר-שטייער, און דאן וועט אוועקגיין א גאנג.

עס איז אָבער געבליבן בא די „באראטונגען" פון די פּראָפ-פאריינען; קיין אופאָרדערונג צום שטרײַק איז ניט געקומען, עס זײַנען געקומען פוילע טערוצים:

„דער מאָמענט פון דער העכסטער געפאר איז נאָך ניט געקומען... היטלער וועט זיך ניט קאָנען האלטן, ער האָט ניט קיין מערהײַט... אויב ער מוז בילדן א קאָאליציע מיט אנדערע פּארטייען, איז דאָס נאָך ניט קיין פּאשיום... דעמלט וועלן זיך די נאציס מוזן אופירן אָנשטענדיק...

און אזוי ווײַטער, נארישע מײַסעס, וואָס האָבן נאָר באדארפט

אָפּקילן די היציקע שטימונג. דערנאָך איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז היטלער באַשטימט וואַלן. די קליינע באַנוצעס האָבן אָפּגעעטעמט לײַכ־טער.

— אַלואָ! ער לאָזט וויילן! ער בלײַבט לעגאַל! צו וואָס ריידן די קאָמוניסטן וועגן פאַשיזם אַפּ מוסאָליניס שטייגער? דײַטשלאַנד איז ניט איטאַליע. דאָ וועט זיך אַפילע אַ היטלער ניט קאָנען דערלויבן אַלץ.

די שטרײַק־שטימונג איז פאַרשווּנדן געוואָרן אין די כוואַליעס פון דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע. זי איז ווידער אופגעקומען נאָך דער סריפע אין רײַכסטאַג, ווען מע האָט פון מויל צו מויל אָנגעהויבן איבערגעבן די ידיעה, אַז ניט בלויז די קאָמוניסטן, נאָר אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווערן באַשולדיקט אין אונטערצינדן דעם רײַכס־טאַג. וואַן דער־ליובע האָט „מוידע געווען", אַז ער האָט געהאַט פאַר־בינדונגען אויך מיט „געוויסע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזן". אַפּ יעדן פאַל איז אויך פאַרבאָטן געוואָרן די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּרעסע.

— עס מוז וואָס געשען. עס קאָן ווײַטער אַזוי ניט גיין, זיי וועלן אונדז צונישט מאַכן.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַבקאָם־מיטגלידער, זײַנען געווען זייער דערשראָקן, זיי האָבן מוירע געהאַט אַפילע צו ריידן מיט די רויטע מיטגלידער פון פאַבקאָם.

— אַזוי איז אומעגלעך, קאָלעגן, די נאַציס קוקן אונדז נאָך אַפּ טריט און שריט. אויב מיר זאָלן הײַנט דערקלערן אַ שטרײַק, וועט דאָס ניט זײַן פּאָפּולער, עס וועט אויסזען, אַז מיר ווילן טאַקע אונטערשטיצן די אונטערצינדער.

צו קיין שטרײַק איז ניט געקומען, און דער אַרבעטער־קאָלעק־טיוו איז געבליבן אומצופרידן און אָנגעבלאָזן. צום אָנהייב האָבן נאָך די אַרבעטער געשטויסן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַבקאָם־מיטגלידער:

— וואָס ווילט איר אייגנטלעך? מיט די קאָמוניסטן טאָרן מיר ניט גיין צוזאַמען, און איר אַליין טוט אויך גאָרניט, אַזוי־אַרום דער־שטיקט מען אונדז ביסלעכווײַז.

דערנאָך איז געקומען דער מאָמענט, ווען מע האָט אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט די רויטע מיטגלידער פֿונעם פּאַבקאָם, צוויי פֿון די באַוווּסטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זײַנען אויך „אויסגערייניקט" געוואָרן. דאָס זײַנען געווען די טעג פֿון מעסירעס, פֿון ציטערן פֿאַרן ברויט, יעדערער האָט געוואַרט, מע זאָל אים אַנטזאָגן. די נאַציס, וואָס האָבן ביז איצט אין דער אונטערנעמונג ניט פֿאַרנומען קיין שום אָרט און האָבן זיך געהאַלטן גאַנץ שטיל, האָבן איצט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיך אַלס הערשער פֿון דער אונטערנעמונג, האָבן דיסקוסירט אַפֿן קאָל, האָבן אָפּגעשפּאָט פֿון די „מאַרקסיסטן". דאָס זײַנען געווען מיִעסע טעג, עס האָט געשטיקט און געדריקט.

צוויי מאָל זײַנען קאָמוניסטישע בלעטלעך אָנגעקומען אין דער אונטערנעמונג. איין מאָל האָט מען זיי אַרײַנגעוואָרפֿן פֿון דער גאַס: דאָס איז געווען אַן אויפֿרוף פֿון דעם גאַסן-קעמערל ניט צו דולדן דעם טעראָר. דעם צווייטן מאָל איז דאָס געווען די צײַטונג פֿון דעם אונטערנעמונג-קעמערל, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז די ברוינע מאַכן ניט קיין שום אונטערשייד צווישן קאָמוניסטן און סאָציאַל-דעמאָקראַטן, זיי באַטראַכטן אַלע קעגנער זייערע, ווי אַן איינהײַטלעכן פֿראָנט, דעריבער מוזן די אַרבעטער אויך אַזוי האַנדלען. די בלעטלעך זײַנען געלעגן אין גאַרדעראָב-צימער און אַפֿן פֿענצטער אין קלאָזעט, שפּעטער זײַנען זיי אויך געלעגן אַף איינציקע טישן און מאַשינעס אין די אַרבעט-צימערן, ביז וואַנען די נאַציס האָבן דאָס באַמערקט און האָבן זיי גלײַך צונויפֿגעקליבן. אין אַלע צימערן האָט מען אויסגערופֿן:

— ווער עס האָט נאָך ערגעץ-וווּ געזען די בלעטלעך, דער זאָל וועגן דעם גלײַך מעלדן אין דער קאַנצעלאַריע.

קיינער האָט ניט געמאָלדן. אָבער נאָך דער אַרבעט האָט מען איינציקע „פֿאַרדעכטיקע" אַרבעטער אונטערזוכט באַם אַרויסגאַנג. זיי האָבן זיך געמוזט אויסטאָן, אַפֿילע אין די שיך האָט מען געזוכט. מע האָט גאָרנישט געפֿונען.

אַף מאָרגן האָט זיך באַוויזן באַם טויער אַ מעלדונג, אַז אין יעדן צימער, ווו מע וועט געפֿינען „אויפֿרייצנדיקע" ליטעראַטור, וועט מען אָן קיין שום אונטערזוכונגען אָפּזאָגן פֿון דער אַרבעט יעדן צענטן אַרבעטער. דאָס האָט ווידער אויפֿגערעגט די אַרבעטער.

און הײַנט אײנדערפֿרי איז אײנער פֿון די סאַמע כוצפּעדיקע נאַ־
ציאָנאַל־סאָציאַליסטן, אַ געװיסער בערנאַרד מיטקע, געקומען צו דער
אַרבעט אין דעם מונדיר פֿון די שטורמאָװיקעס. דאָס איז געװען
די סיבע פֿון די אומרוען. אײגנטלעך איז דאָס אַ קלײניקײַט, אַ סאַך
װײניקער װיכטיק, װי דאָס אַלץ, װאָס איז פֿאָרגעקומען די לעצטע
װאָכן. און פֿונדעסטװעגן איז דאָס געװען דער טראָפּן, װאָס האָט
איבערגעפֿולט דעם בעכער.

מיטקע איז דער פֿאַרבינדונג־מאַן צװישן דער קאַנצעלאַריע און
די אַרבעט־צימערן. ער טראָגט פֿאַנאַנדער די באַשטעלונגען צו די
שעפֿן פֿון די זאַלן. פֿאַר מיטיק באַװײַזט ער זיך אין דער זעצערײַ,
װי אויך אין דער גיסערײַ און בײַ די ראָטאַציע־מאַשינעס. ער גײט
אָנגעטאָן אין דער ברוינער העמד, אין פּאַס מיט דעם האַקנקרײַץ־
שנאַל און אַקסל־רימען. די ברוינע היטל האָט ער ניט אויסגעטאָן.

מיט די מײַסטערס, אײדער ער הײבט אָן צו רײדן מיט זײ,
באַגריסט ער זיך מיליטעריש. נאָר אײן מײַסטער װאַגט אים צו
באַמערקן:

— הער מיטקע, איך האָב מוירע, אַז דער מונדיר פּאַסט ניט
אַהער. די קאָלעגן געפֿעלט ניט, אַז עמעצער טוט ניט אויס דאָס
היטל...

— דאָס היטל געהערט צום מונדיר, — ענטפֿערט מיטקע און
זעגנט זיך אָפּ װידעראַמאָל מיליטעריש.

... די צײַטונג מוז זײַן אָפּ דער גאַס צװײ אַזײגער באַטאָג. אין
אַ גאַנצן גרױסער אויפֿלאַגע. דער לײַטאַרטיקל װערט פֿאַרטיק די לעצ־
טע מינוטן, דער קורצער מאַנוסקריפּט װערט צעשניטן אָפּ פֿיר טײלן,
און פֿיר מאַשינען־זעצער זעצן אים. באַ צװײ זעצער װערט דער
בלײַ אין טיגל קאַלט. פֿאַרהאַלט זיך דער זאַץ. אַלע זיבן פֿורעמס
זײַנען אָפּגעגאָסן און צוגעפּעסטיקט צום װאַל פֿון דער ראָטאַציע,
מע װאַרט מערניט אָפּ דער לעצטער פּלאַטע — אָפּ דער ערשטער זײַט
מיטן לײַטאַרטיקל. די ערשטע זײַט פֿאַרשפּעטיקט און קומט אָן אין
מאַשינען־זאַל מיט אַ באַגלײט־צעטל.

„מיטקע שפּאַצירט אַרום איבער דער דרוקערײַ אין מונדיר".

מע לײגט אַרויף דעם לעצטן פֿורעם אָפּן װאַלץ, מע שליסט אײַן

דעם שטראָם, די ראָטאַציע-מאַשינען הייבן אָן צו דונערן, זי וואַרפֿט אַרויס אַן ערך בײַ אַ פֿינף טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאַן רײַסט זיך איבער דער פּאַפּיר. דער שעף פֿון מאַשינען־צעך לויפֿט צום מאַשי־ניסט, ער קוועטשט מיט די אַקסלען:

— דאָס פּאַסירט.

— אָבער מיר האָבן שוין היינט פּאַרשפּעטיקט.

— עפּשער איז דער ראָל פּאַפּיר ניט אין אָרדענונג.

מע לייגט צוריק אַרויף דאָס פּאַפּיר און מע לאָזט ווידער די מאַשין. עס ווערן אָפּגעדרוקט זיבן טויזנט עקזעמפּלאַרן, און דאָס פּאַפּיר רײַסט זיך ווידער...

דער שעף פֿון מאַשינען-צעך לויפֿט צום מאַשיניסט, רוקט אַרײַן דעם קאָפּ אין דער מאַשין, דערזעט דאָרטן גאָרנישט, ציט אַרויס דעם קאָפּ און דערזעט אויף אַ שטיק פּאַפּיר, וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע, אַן אויפֿשריפֿט מיט אַ בלויען בלײַפֿעדער:

„זאָל מיטקע אויסטאָן דעם מונדיר!"

דער שעף קוקט זיך אַרום, די אַרבעטער באַגעגענען זײַן בליק גלײַכגילטיק. ווי אַ פּאַראַמעטער, לויפֿט ער אַרויס פֿון זאַל.

אין קאַנצעלאַריע זײַנען שוין פֿאַראַן ידיעות פֿון די אַנדערע זאַלן. די קאָרעקטאָרן מעלדן, אַז אַ העלפֿט זאַץ טויג ניט, עס זײַנען עפּעס מאָדנע גרײַזן פֿאַראַן אין זאַץ, און מע קאָן ניט פֿאַר־שטיין, וויאַזוי האָבן דאָס ערשטקלאַסיקע זעצער פּלוצלינג פֿאַרגעסן די אָרטאָגראַפֿיע. אין דער גיסערײַ קומען אַרויס מאַטריצן, וואָס מע קאָן זיי קוים לייענען, מע מוז זיי אַרויסוואַרפֿן און אָנהייבן די אַרבעט פֿונדאָסנײַ. היינט דאָס פּאַפּיר אין דער ראָטאַציע! עס איז שוין האַלב צוויי, די מיטינג־צײַטונג וועט דרײַ אַזייגער נאָך אויך ניט זײַן אויף דער גאַס, און די צײַטונגען, וואָס דאַרפֿן אַרויס שפּע־טער פֿאַרנאַכט, ווערן אויך סאַבאָטירט.

אין דער קאַנצעלאַריע קומען איינע נאָך דעם אַנדערן די שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס מע האָט געפֿונען אין פֿאַרשיידענע זאַלן:

„בערנאַרד מיטקע זאָל אויסטאָן דעם מונדיר!"

אין קאַנצעלאַריע רוישן האַסטיקע ווערטער:

— סאַבאָטאַזש! גלײַך אָפּזאָגן אַלע רעדל־פֿירער!

— וואָס איז דאָס פאר א ווידערשטאנד? מע מוז אים ברעכנ!

— אומ גאָטעס ווילנ! די מיטיק-צײַטונג מוז ארויס. יעדע פערטל שאָ קאָסט אונדז ווייניקסטנס צענ טויזנט מארק! פרעגט אָנ דעם ראָטאציע-זאל! עפשער איז שוינ דאָס פאפיר אינ אָרדענונג?

פונ זאל ענטפערט מענ:

— יאָ, דעמ צווייטנ ריס האָט מענ שוינ באזײַטיקט, מע האָט אָפגעדרוקט נאָכ פערציק. טויזנט עקזעמפּליארנ, אָבער א דריטער ריס...

דער געהילפ-דירעקטער, א נאציאָנאל-סאָציאליסט, וואָס איז ארײַנגעזעצט געוואָרנ אהער מיט דרײַ וואָכנ צוריק, הייסט רופנ צו זיכ דעמ הער מיטקע:

— פארטיי-כאווער... איר ווייסט דאָכ, איכ אליינ געהער אויכ צו דער פארטיי.. די אונטערנעמונג איז, ווײַזט אויס, נאָכ אלצ ניט אויסגערייניקט... מיר וועלנ שוינ די מענטשנ אויסקערנ פונדאנענ... איצט אָבער טוט אויס דאָס היטל, דעמ פאס אונ דעמ אקסל-רימענ, טוט אָנ אײַערע ארבעט-הויזנ אונ ווײַזט זיכ אינ די זאלנ. שנעלער, איכ בעט אײַכ, וואָס שנעלער...

— איכ בעט אײַכ, הער דירעקטער, מײַנ שטורעמ-אָפטיילונג האָט מיר אָפגעגעבנ א באפעל צו קומענ אזוי צו דער ארבעט.

— יאָ-יאָ-יאָ, פארטיי-כאווער, איכ פארשטיי דאָס זייער גוט, אָבער די ארבעטער... זײַט דיסציפּלינירט, איכ בעט אײַכ...

הער מיטקע גייט אינ גארדעראָב-צימער, אונ אינ פינפ מינוט ארומ באווײַזט ער זיכ אינ די ארבעט-צימערנ. ציוויל געקליידט.

וואלטער שענשטעדט

די פרױ אפנ גרױסנ פראָנט

א גאס אינ צענטער, באַמ גרױסנ קאנאל, אינ א שטילנ יול־אָוונט, קרומע דעכער פונ די קלײנע הײַזער אינעמ אָוונטיקנ נעפל. זונטיק שטעלנ זיכ דאָ אָפ גרופנ יונגע, לאכנדיקע מײדלעכ אינ ברױנע װעסטלעכ, אונ אנ עלטערע דאמע דערקלערט: „אונ דאָ איז דער אלטער לאָקאל „נוסבױמ“. דאָרטנ, אנטקעגנ — אנ אינטערעסאנטער שטילער הױפ, מיט אנ אײַנגעפאלענער װאנט, באַװאָקסנ מיט מאָכ. אונדזער גוטער אלט־בערלינ“.

אינ דעמ דאָזיקנ אָװנט שטײענ פארנ הױז נומער 45 צװײ פרױענ, װאָס קומענ פונ דער מארק־האלע. זײ האָבנ טעשלעכ מיט קרױט אינ די קרומע הענט.

— אױב איר װעט א קוק טאָנ אינ דער הײכ, אָבער פּאָרזיכטיק, אפנ דאכ נומער נײַנציק... — זאָגט אײנע אונ קוקט גלײַכגילטיק איבער דער גאס. די אנדערע הײבט אופ דעמ קאָפּ, שמײכלט אונ שװײַגט. אפנ אָפּפאלנדיקנ שיפער־דאכ שטײט דיק, ברײט אונ װײַס:

„מיר זײַנענ דאָ אונ װעלנ זיגנ
די קאָמונע פונ בערלינ“.

פלוצלינג קומענ אָנ דרײַ מענער אונ שטעלנ זיכ אָפּ אײנער לעמ אנדערנ פאר די פרױענ. אײנער מיט דיקע ליפּנ אונ א פלאכער נאָז איבער די היטלער־װאָנצעס טוט א פרעג:

— אפ װעלכנ שטאָק װױנט מערצ, דער מױערער קארל מערצ?

די פרױענ טוענ א ציטער. זײ קוקנ אײנע אפ דער אנדערער. זײערע אױגנ, אפ א סעקונדע ברײט אופגעעפנטע, קוקנ ארײַנ אײנע די אנדערע אונ װערנ װידער קלענער. זײערע הענט נעמענ אָנ די

טעשלעך פעסטער, ווערן ווארעם און ציטעריק, ביז איינע פון די פרויען זאָגט בייז, מיט א כידעש, מיט קאַס:

— מערץ? הערט נאָר! איר מוזט דאָך דאָס בעסער וויסן. מיר האָבן נאָרוואָס וועגן דעם געשמועסט, ווי איז דאָס מעגלעך. איר זייט דאָך פון דער קרימינאַל-פּאָליציי — ריכטיק? איז אָט מיט א האַלבע שאָ צוריק האָט אים אוועקגעפירט א גרופּע שטורמאָוויקעס.

די מענער קוקן זיך אָן. איינער שאָקלט מיטן קאָפּ און פּויקט מיט די פינגער איבערן בויך. דער אנדערער זאָגט:

— יאָ, שוין אָפּגעפירט. און וווהין? מיר האָבן דאָך געזאָלט אים אָפּפירן, אָט א נארישקייט...

— איך וויים ניט, — זאָגט די פרוי. — דער לאַנגער איז דערביי געווען, און דער קליינער דיקער, וואָס האָט שטענדיק א גרויסן פּיסק. אין אווטאָמאָביל אריינגעזעצט און אוועק. א כידעש!

איינער פון די מענער:

— האַלט נאָר ניט קיין רעדעס. צום טייוול! — ער טוט א שאָקל צו די איבעריקע, זיי גייען אוועק, און די פרוי שרייט זיי נאָך:

— אָבער איר מוזט דאָך געבן צו וויסן, ווו ער איז!

די מענער זעצן זיך שנעל בא דעם נאָענטסטן ראָג אין א טאַקסי.

ווען די פרוי שטייט אין צימער פארן בעט, פאַלט אַפּ איר גע-זיכט די ניט־זיכערע אָונט-שייַן פון הויף. זי פילט, ווי האַסטיק עס קלאַפּט איר הארץ, זי מוז ווארטן, ביז זי קאָן ריידן. דערנאָך זאָגט זי האַסטיק, שטיל, איבערצייַגנדיק:

— קאַרל, שנעל, שנעל, שנעל! זיי זוכן דיך!

דער מאַן איז בעט שפּרינגט אוף. ער איז געלעגן אָנגעטאָן, די האָר זייַנע אראָפּגעפאלן איבערן שטערן, די העמד אַפּ דער ברוסט איז אָפּגעשפּיליעט. ער קוקט אַפּ זער פרוי, אין זייַנע אויגן הענגט נאָך די ווארעמקייט פונעם שלאָף, און ער זאָגט לאנגזאַם:

— מוז איך גלייַך נעמען די פלוג-בלעטלעך, זיי דארפן...

— ניין, דו מוזט פארשווינדן, — רייַסט אים איבער די פרוי. — זיי קאָנען יעדן מאָמענט קומען. דו מוזט אוועקגיין, זיי טאָרן דיך ניט געפינען. איך וועל שוין אייַנאָרדענען מיט די פלוג-בלעטלעך.

דער מאַן וואַשט זיך שנעל באַם קראַן, דאָס וואַסער באַשפּריצט דעם דיל. די פרוי שנײַדט אָן ברויט, רוקט אַרײַן אין זײַנע קעשע־נעס און פרעגט:

— זאָג ערלעך, צי איז ניטאָ נאָך עפּעס אין דער וווינונג, קאַרל, זאָג דאָס מיר, איך האָב ניט מוירע, געוויס ניט, אָבער איך וויל דאָס וויסן. איך בין טאַקע ניט אין דער פּאַרטיי, אָבער דו מוזט דאָס מיר זאָגן...

— ניין, עס איז גאָרנישט ניטאָ. אַז ברונאָ וועט קומען, זאָל ער הײַנט אין אָוונט ניט גיין שמירן, הערסטו? — זיי וועלן אים פּאַשעט שיסן. איצט מוז איך גיין, גריס דאָס יינגל...

די פרוי טרייסלט אויף די בעט, וואַרפט אום אַ פּאָר שטולן, וואַרפט אַרויס אַ ביסל וועש פון קאָמאָד, צעברעכט אַ טעלער אָפּ דער פּאָדלאָגע און זעצט זיך אַ פאַרטראַכטע באַם קיך־טיש.

אין צען מינוט אַרום קלאַפּט מען אין טיר. די פרוי האָט גע־וווּסט, אַז מע וועט קלאַפּן. זי איז גאַנץ רויִק, דאָך צעוואַרפט זי זיך די האָר און גייט עפענען. די דרײַ מענער שטייען פאַר איר מיט רעוואָלווערן אין די הענט. זיי זעען אויס טונקל אין פירהויז, שפּרינגען גלײַך אַרײַן, און דער מיט די היטלער־וואָנצעס פרעגט שטרענג:

— איר האָט געזאָגט אַ ליגן! די שטורמאָוויקעס ווייסן פון גאָרנישט.

זיי גייען אַרײַן אין צימער, באַמערקן די אומאָרדענונג און הערן זיך צו, ווען אפן הויף שרײַט אויס אַ קאָל: „אַכטונג. די שטורמאָוויקעס זײַנען שוין ווידער באַ מערצן". זיי בייגן זיך אײַן, קוקן אונטער דער בעט, אין קליידער־שראַנק, און איינער מורמלט אונטער דער נאָז: „קיין שום אָרגאַניזאַציע, אַ פולשטענדיקער פלאָנטער. אַזוי טויג ניט, קאָן ניט טויגן. זיי ווילן זיך מאַכן פאַר גרויסע, די יינגלעך..."

די מענער גייען אַוועק, אָבער ביז דער גאַס האַלטן זיי די רעוואָלווערן אין די הענט. די גאַס ווערט פינצטער און איז ליידיק.

אין צוויי שאָ אַרום גייט די פרוי מערץ צום מאָלקן־מאַרק. זי פאָרט אַ טייל וועג מיטן טראַמוויי, גייט אַרײַן אין אַ מעטראָ־סטאַנ־

ציע און גייט ארויס פון צווייטן אריינגאנג. אין א קליינעם פארק אין צאָפן זעצט זי זיך אפ א באנק, אפ וועלכער עס זיצט שוין איר מאן. ער זאָגט גאָרנישט, קוקט פאר זיך און רייכערט א פאַפּיראָס.

עס איז שטיל. דער טאָג שטארבט צווישן דיביימער. א בלאַסער נעפּל שטייט.ביידע הערן זיך צו, שפּארן זיך אָן אָן באנק און הערן איינער דעם אנדערנס אָטעם. ביז דער מאן פרעגט:

— האָסט די פלוג־בלעטלעך?

— יאָ, פארשטייט זיך, איך האָב, — זאָגט די פרוי, — איך טראָג זיי אונטערן ראָק, איך וועל זיי ארויפוארפן. וועסטו זיך זעצן אהער, און איך וועל אוועקגיין. עס איז אלץ אין אָרדענונג...

די פרוי בייגט זיך איין א פּאָר מאָל. א פּאָר פּאפּיר־ראָלן בלייבן ליגן אונטער דער באנק. איידער זי הייבט זיך אוף, שעפּטשעט זי:

— דו מוזט זיין פאָרזיכטיק, קארל, מיר וועלן זיך זען ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. עס וועט זיין שווער, אָבער... ווען איך וואָלט נאָר נים געהאט אזוי מוירע פאר דיר...

— אומזיסט, — זאָגט דער מאן, — האָסט ניט וואָס מוירע צו האָבן, גריס דאָס יינגל, איך פריי זיך, וואָס דו ביסט אזוי מוטיק...

ווען די פרוי קומט אין איר גאס אריין, באמערקט זי געשטאלטן אפן דאך קעגניבער. אָבער די אויסיעס ליכטן, די אויסיעס פון דער קאָמונע. זי טראכט, אז איר יינגל, ברונאָ, מוז זיין פאָרזיכטיקער. אָך, ווען זיי שיסן אים. ער איילט זיך צופיל, ער איז שטענדיק דער ערשטער, אָבער א גוטער יאט. און איר מאן וועט זי מיסטאָמע לאנג ניט זען. ביידע פארפאָלגט מען, אָבער זי וועט אכטונג געבן, די צייט צונויפדריקן, עס מוז גיין, זי האָט זיי ליב, — איר מאן און דעם יאט פון דער קאָמונע...

געאָרג גלאזער

דער נומער 1 פון דער „רויטער פאבריק"

I

דער ערשטער נומער פון דער „רויטער פאבריק" האָט אונדז ניט געלאָזן רוען. פונקט א שאָ פאר דער אָפּגערעדטער צײַט בין איך שוין אוועק צו קיליאַנען. די איבעריקע זײַנען שוין אויך גע־ווען בא אים אין צימער, זיי האָבן אויך ניט אויסגעהאַלטן. קילי־אן האָט געשמייכלט און האָט אָנגעטאָן זײַן בלויע מאטראָסן-בלוזע. איבער זײַן בעט איז געהאנגען א ליידיקע ביכער-פּאָליצע. די ליי־דיקײַט איז געווען פארדעכטיק, האָט קיליאן ארופגעלייגט אַז דער פּאָליצע אולשטיינס א געלן באנד. האָט עס אָבער אויכגעזען נאָך פוסטער.

גלײַך איז זײַן פּאָנעם געוואָרן ערנסט. ער האָט פארמאכט די פענצטער, כאָטש זיי גייען ארויס אין גאָרטן. דערנאָך איז ער צו־געגאנגען צום טיר און האָט זיך צוגעהערט, וואָס עס טוט זיך אַף די טרעפּ. מיר זײַנען געוואָרן שטיל. שטילערהייט איז ער ווידער ארײַן מיט א דראָטע אין דער האנט. ער האָט אונדז אלעמען נאָך דער ריי באטראכט מיט א פײַערלעכן אויסדריק אין געזיכט.

קיליאן האָט זיך אײַנגעבויגן און האָט מיט דער דראָטע אופ־געהויבן צוויי ברעטלעך פון דער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט ער ארויסגעלאָזן ביידע הענט אין דער לאָך און ארויסגענומען א ווײַסן פאקעט. ווען ער האָט אופגעשניטן דעם שפּאגאט, אָפּגעווישט מיט א טיכל דעם שטויב און אוועקגעלייגט אפן בעט די ערשטע „רויטע

פאבריק", האָט ער צוגעשמייכלט, ווי א פאָטער. מיר האָבן גענומען די איינצלנע בלעטער אין די הענט, געטאפּט מיט די פינגער דעם דינעם פּאפּיר און צוגעקוקט זיך צו דער שריפט איז גענוג קלאָר, ווייל געארבעט האָבן מיר אין דער פינצטער.

מיר האָבן צונויפגעלייגט די צייטונגען איינצלווייז און ארומגע־בונדן מיט פעדעם און שטריקלעך אזוי, אז עס זאָל דערנאָך זיין גרינג זיי ארויסצונעמען. איינֿיקע האָבן אריינגעלייגט די צייטונגען אין די אינווייניקסטע קעשענעס פון מאנטל, אנדערע האָבן זיי פאַר־באהאלטן אפן קערפּער. איך און קיליאן האָבן צונויפגעלייגט די צייטונגען און אריינגעשטעקט זיי אין די קעשענעס פון דער מאַרי־נארקע, קעדיי עס זאָל גרינג זיין זיי ארויסצוּווארפן. מיר האָבן איי־נער דעם אנדערן באטראכט, נאָך א ביסל גערדייט זיך היין און הער און געעפנט די טיר. די טשוועקעס פון אונדזערע שיך האָבן געקלאפּט איבער די שטיינערנע פּליטעס פון די טרעפּ. ווען מיר זיינען געגאנגען איבערן פּירהויז און איבער די גאסן האָבן מיר ניט געוווסט, צי מיר זאָלן גיין שטיל אָדער מיט פעסטן טראָט.

אפּג וועג האָבן מיר אָנגעיאָגט דעם עלטערן ארבעטער טייל און זיין מיידל. זיי זיינען צוגעשטאנען צו אונדז. מיר האָבן זיי זייער גערן אריינגענומען אין דער קאָמפּאניע. עס איז געווען גוט, וואָס די דאָזיקע ניט־פּארדעכטיקע, גלייביקע מענטשן זיינען געגאנ־גען מיט אונדז.

עס איז געווען האלב פיר אזייגער. מיר האָבן באדארפט גיין אָנגעשטרענגט דריי שאָ. זיבן אזייגער הייבט אָן ארבעטן די נאכט־וואכטע. מיר זיינען געגאנגען מיט דער שוץ־דאמבע לענגויס דעם טייך. פאר אונדז איז געלעגן דער טאָל. די נאָכמיטיקדיקע סענטיא־בער־זון האָט געלויכטן בלאָס. זי האָט דורכגעלויכטן די ברעקלעך נעפּל, וואָס זיינען געהאנגען ארום וואלד, בלוי ווי טאבעק-רויך. אינדערווייטנס האָט געציטערט דער רויך פון דער רויטער פאבריק.

אין די גראָבנס, וואָס זיינען געווען באוואקסן מיט טראָשטשינע, זיינען ארומגעשפּרונגען האָזן. די אופגעאקערטע ברוינע פעלדער האָבן אויסגעזען, ווי סאמעט. א שארפער ווינט האָט דורכגענומען דורך די קליידער, און נאָר אונטער די צייטונגען איז די הויט גע־

בליבנ ווארעמ. עס האָט זיכ געדאכט, אז די פיר קאַנטנ פונ די צײַטונגענ שטארצענ ארויס קענטיק פונ אונטער די קליידער.

אונדזער אומרויִקײַט איז אריבער אינ שרעק. די אונטערגעמונג אונדזערע איז אונדז אליינ איצט פאָרגעקומענ לעכערלעכ. מיר זײַנענ שוינ מיד געוואָרנ. אונדזערע דרייסטע געדאנקענ האָט דער קאלטער ווינט אוועקגעבלאָזנ. קלאָר איז אונדז געווענ נאָר, אז מיר זײַנענ שוינ א האלב יאָר אָנ וועלכער-ניט-איז פארבינדונג. די צײַטונג „רויטע פאבריק" האָבנ מיר אָפגעדרוקט קימאט נאָר קעדיי זיכ אליינ צו טרייסטנ. אינ אונדזער פאבריק האָבנ געארבעט פינפ טויזנט מאנ, די צײַטונג איז ארויס אינ הונדערט עקזעמפליארנ. עפשער וועלנ מיר אלע אומקומענ צוליב דער דאָזיקער נישטיקער „רויטער פאבריק".

עס איז געווענ גענוג איינ וואָרט, אז מיר אלע זאָלנ ארײַנווארפנ די צײַטונגענ אינ דער נידא אונ אָפּעטעמענ פרײַ. יעדער איינער האָט געהאָפט אפנ צווייטנ. קיינער האָט אָבער דאָס וואָרט ניט ארויסגערעדט. אזוי האָבנ מיר ביסלעכווײַז געשפרײַזט אונ זײַנענ אָפגעגאנגענ די ערשטע הונדערט טריט מיט דער דאמבע, ווי מיר וואָלטנ געגאנגענ קעגנ א הונט, פאר וועלכנ מע דארפ זיכ היטנ.

מיר זײַנענ געגאנגענ מיטנ טײַכ נידא ארופ. צווישנ דער דאמבע אונ דער טײַכ-בעט איז געלעגנ א ברייטער פאס ניט־באארבעטע ערד. די פרילינגדיקע פארפלייצונג האָט דאָ אויסגעגראָבנ טיפע לעכער. א ביסל טראָשטשינע, לאָנקעס אונ אפ שווארצ פארברענטער גראָז-באָדנ. פאר אונדז איז געגאנגענ טייל מיט זײַנ מיידל. ער ארבעט אינ אָנפילונג-צעכ „צע־הא־53". וועגנ דער דאָזיקער אָפטיילונג האָבנ מיר אינ אונדזער צײַטונג אָנגעשריבנ אָט וואָס פאר א געשיכטע:

„אײַנלאדונג צו די הערנ מילכאָמע־העלדנ!

דעמ צוועלפטנ אווגוסט בייס דער ארבעטער יאָהאנעס ערל פונעמ אָנפילונג-צעכ „צע־הא-53" האָט אָנגעפילט די מערקווירדיקע אײַזערנע טעפ, האָט זיכ א קליינ ביסל פונ דער געהיימניספולער פליסיקײַט אויסגעגאָסנ אפ די הענט אונ

אפֿ די אויבערשטע טיילן פֿונ די פֿיס; די אייַזערנע טעפּ, מוז מענ בא דער ארבעט האלטנ צווישנ די פֿיס. דער שוצ-אָנצוג איז, פֿארשטייט זיכ, צעפּרעסנ געוואָרנ, ווי א קנייטל. די דאָזיקע פֿליסיקייַט ארבעט מענ אויס ערשט פֿונ היטלערס געבורטס־טאָג אָנ. דעריבער האָט זי דער ארבעטער נאָכ ניט געקענט אונ האָט זיכ געמאכט ניט וויסנדיק פֿונ די פּאָר פֿלעקנ. אינאָוונט איז ער געוואָרנ הייזעריק אונ מע האָט אימ אָפּגעשיקט אינ דעמ זאוואָדישנ שפּיטאָל. די אָנגערירטע הויט האָט זיכ באדעקט מיט וווּנדנ, וואָס האָבנ זיכ אלצ מער אונ מער פֿארברייטערט.

באלד זייַנענ צעפּרעסנ געוואָרנ די פֿיס, די געשלעכט-טיילנ, דער קרייצ, די הענט אונ אקסלענ. פֿונ די וווּנדנ זייַנענ געוואָרנ גרויסע לעכער, וואָס האָבנ געטריפֿט מיט אייַטער אונ האָבנ אלצ ווייַטער צעפּרעסנ דעמ קערפּער.

אפֿנ דריטנ טאָג האָט אָנגעהויבנ רינענ אייַטער פֿונ די אויגנ.

אפֿנ זיבעטנ טאָג האָט ער באקומענ א לונגענ-אָנצינדונג. די לונגענ זייַנענ געוואָרנ פֿול מיט וואסער, ווי א זאק. די פֿלעווּרע, די בראָנכנ אונ דער גאָרגל האָבנ זיכ באדעקט מיט אייַטער.

ער האָט שוינ געאָטעמט מיט מאטערניש. די לונגענ זייַנענ געלעגנ אינ דער ברוסט, ווי בלייַ; אינ דריטע טעג ארומ איז ער שוינ געוואָרנ אינגאנצנ בלוי. די הויט פֿונ די לופֿט־וועגנ פֿלעגט זיכ באמ הוסטנ אָפּרייַסנ שטיקערווייַז. זייַנ לייכע איז געוואָרנ שליימיק אונ שוימיק. דאָס ברעכנ אונ דער שילשול האָבנ אימ צעריסנ די קישקעס. דאָס בלוט איז געוואָרנ ברוינ־גרוי אונ האָט זיכ צונויפֿגעוויקלט. דעמ זעקס־אונ־צוואנציקסטנ, אפֿנ פֿערצנטנ טאָג נאָכ דעמ, ווי ער איז פֿארווונדעט געוואָרנ, איז ער געשטאָרבנ. א טויטער, האָט ער גלייַכ אויסגעזענ אזוי ווי אנדערע אינ פֿערצנ טעג נאָכנ שטארבנ.

זייַנ פּלאצ אינ אָנפֿילונג־צעכ איז נאָכ פֿריי; האלאָ! דייַטשישע מילכאָמע-העלדנ! פֿרייַוויליקע, פֿאָרויס!"

א געוויסע שטרעקע איז דער וואַלד צוגעגאַנגען ביז צו דער דאַמבע, און איבער דער דאַמבע איז געוואַקסן שוואַרצער דאָרן. דער־נאָך איז דער וואַלד ווידער אָפּגעטראָטן. די דאַמבע האָט זיך אויס־געצויגן, ווי א דין פּאַסעקל איבער דעם אָנענדלעכן פֿלאַך.

די ביידע טיילס זײַנע געגאַנגען קימאַט הונדערט מעטער פאַר אונדז. ער איז געווען א ברייטער, א גרויסער און האָט געשפּאַנט, ווי א פויער. מיר האָבן זיי געלאָזן צורו. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן זייער ליב געהאַט. זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, ווי קינדער, וואָס האָבן מוירע. מיר האָבן געוווּסט פאַר־וואָס: דאָס מיידל האָט מען געזאָלט אַריבערפירן אין אָנפילונג־צעך. זינט טייך האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט דאָס אים שרעקלעך געדריקט.

דער ווינט האָט פעסט צוגעדריקט איר קליידל צום קערפּער. זי איז געווען א שלאַנק מיידל. אירע באַוועגונגען זײַנען געווען ניט גאָר זיכער און איר געזיכט — נאָך א ביסל ניט רײַף. מיר האָבן זי אַלע נאָכגעקוקט; אין דער פרײַער האַנט האָט זי פאַרזיכטיק, ווי א נאָדל, געהאַלטן א קליין שטרויעלע.

קיינער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט, וואָלט עמעצער נאָר גע־עפנט דאָס מויל, און וואָלט אפילע אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דער היים אָדער וועגן זונטיק, וואָלט דאָס אַריבער אין א שמועס וועגן דער רויטער פאַבריק.

מיר האָבן געשוויגן.

צוויי גרויסע פייגל האָבן זיך געדרייט איבער אונדז. עס איז געוואָרן טונקל. די קאַליוזשעס וואָסער האָבן געגלאַנצט, ווי צעלאָ־זענע צין. דורך דער העלער רוישנדיקער טראָשטשינע האָבן די שטעגלעך אויסגעזען, ווי אויסגעטראָטענע פון אוראַלטע כײַעס. דער גאַנצער ווילדער סטעפּ האָט אויסגעזען, ווי א פארגעסענע שטיק רוי־ערד. אפן האָריזאָנט האָבן געפינקלט די פײַערן פון דער אַאוריכער פארבן־פאַבריק, וואָס דער אויפֿעם האָט זי גערופן די „רויטע פאַבריק“.

די פײַערן האָבן זיך לאַנגזאַם אוועקגערוקט אפ לינקס. מיר זײַ־נען אראָפּ פון דער דאַמבע און זײַנען געגאַנגען מיט א שמאָלער סטעזשקע צווישן פּאַרקאַנעס און גערטלעך דירעקט צו דער פאַבריק.

דער באָדן איז געווען גליטשיק. מיר האָבן געשאָלטן, ווײַל מיר פלעגן זיך קעסיידער אויסגליטשן.

דער וועג האָט זיך געענדיקט אַפּ אַ פּלאַץ מיט אַ פּאָר לאַמ־טערנעס. זייער שײַן איז געווען געל, און דער פּלאַץ איז געווען באַדעקט מיט אַ בלויען אַש, עס האָט אָבער אויסגעזען, ווי איין פאַרב. אַרום זײַנען געשטאַנען הײַזער מיט קראָליקעס־שטעל־כעלעך.

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ און אַ געסל. צווישן די הײַזער זײַנען געווען ברעטער־צאַמען. הינטער זיי האָבן גע־שטאַרצט די אָנפּענצטערדיקע זײַטיקע פראָנטן פון די אָרעמע קאַ־זאַרמעס.

דער גערוך פון דער רויטער פאַבריק האָט זיך אונדז געטראָגן אַנט־קעגן. אירע רערן און קוימענס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון הינטער די הײַזער פון דער פאָרשטאָט. פרויען זײַנען געגאַנגען אײַנקויפן. דאָס סאַמע העלע אינעם געסל איז געווען דאָס לײַכטנדיקע שילד פון דעם טראַקטיר „צו דער רויטער פאַבריק". פאָרלעך האָבן זיך אַרומ־געדרייט אין די טויערן פון די הײַזער. היטלער־כעוורע זײַנען גע־שטאַנען בײַ די ווינקלען און האָבן וויניק וואָס אַפּ אונדז אַכטונג געגעבן.

מיר זײַנען געגאַנגען צום טראַקטיר. מיר וואָלטן גערן געוואָרן מונטערער. די הײַזער האָבן זיך ווידער געענדיקט. די געסלעך זײַ־נען געווען בלאָטיק. עס האָבן קוים געלויכטן די לאַמטערנעס. עס האָבן געקלונגען גלעקלעך פון קליינע קרעמלעך. די מענטשן האָבן אונדז באַטראַכט. מיר זײַנען געווען אַרבעטער פון דער רויטער פאַב־ריק. לויט דער אָפּטיילונג זײַנען אונדזערע הענט געווען רויט, גרין, בלוי אָדער געל, און מיר האָבן געהאַט די כימישע קרעצ. אָפּטמאָל פלעגן צוקומען קינדער, דאָס זײַנען קינדער פון די אַרבע־טער פון דער רויטער פאַבריק.

באַם בופעט אין טראַקטיר זײַנען געשטאַנען אייניקע אַרבעטער. באַם טיש איז געזעסן בלויז איינער פון דער פאַבריק־פּאָליציי. אַפּ די ווענט זײַנען געהאַנגען ליידיקע צײַטונג־האַלטערס. די טיר צום קליינעם זאַל איז געווען אָפן. דאָרט זײַנען די שטולן געשטאַנען

אפ די טישן. מע האָט אָנגעריבן דעם פארקעט. זונטיק קומען מיר אָפט אהער פון אונדזער יישעוו און טאנצן דאָ. די פאבריק-מיידלעך טראָגן היימישע גענייטע קליידלעך, וואָס אין זיי זײַנען די ברוסטן און די היפטן ווי אויסגעגאָסן. מיר שמייכלען צו זיי און טרינקען ביר, ווי דאָס וואָלט געווען א פארגעניגן.

די מיידלעך קוקן אפ אונדז, און מיר קוקן אפ זיי. קיינער וויל ניט זען, אז אלע הענט זײַנען בונט, אלע פּנעמער זײַנען אויסגעמאטערט, און דאָס גיפט זיצט אין אונדז. אלע זעען דאָס אָבער. דעריבער ווערן מיר אלעמאָל פארשיקערט, אָבער אין דער גרעסטער פארשיקערטקייט בלײַבט אין אונדז ניכטער דער טרויער.

נאָך אונדז איז ארײַן א מענטש, ער איז צוגעגאנגען צוזאמען מיט אונדז צום טאָמבאנק און האָט געבעטן א קליינע גלאָז ביר.

אלץ איז צוגעגאנגען, ווי שטענדיק. די ארבעטער פון דער רויטער פאבריק זײַנען געשטאנען אין זייערע מאשעסט-הויזן און האָבן געטראָגן קאָשעקלעך מיט עס-טעפלעך און מיט אײַנגעוויקלטן ברויט. פאר זיי שטייען קליינע גלעזלעך. זייריידן קימאַט ניט. זיי ווייסן ניט, צי זיי קאָנען ריידן. דער מענטש, וואָס איז ארײַן נאָך אונדז, האָט געהאט ווי פון דער לופט געדרייטלטע באקן. ער האָט אופגעהויבן די גלאָז און האָט געזאָגט: „איינגיכן וועלן מיר זיך דאָס ניט קאָנען דערלויבן“.

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. שוין פאר דעם האָט קיינער קיין האָזע ניט געהאט עפּעס וואָס צו זאָגן, איצט אָבער איז געוואָרן גאָר שטיל. מיר האָבן מיטאמאָל דערהערט דעם גערויש פון דער פאבריק.

קיינער האָט זיך ניט גערירט, ווי דער דאָזיקער זאץ וואָלט אונדז געבראכט אפן ברעג פון א געפערלעכן אָפגרונט, און מיר מוזן פאָרזיכטיק גיין פארבײַ אים. מיר האָבן זיך צוגעהערט צום פאבריק-פּאָליציאנט, צי האָט ער וואָס באמערקט און צי קלײַבט ער זיך מאכן א סקאנדאל.

ער האָט נאָר אויסגעטרונקען זײַן גלאָז ביזן דעק. ווען ער איז אוועק, האָבן מיר א קוק געטאָן אפן זייגער. עס איז שוין צײַט צו

גיין. דעם וואָל פאַרבײַ. מיר זײַנען ווידער געשטאַנען פאַר דער רויטער פאַבריק: די ערד איז קאַלעכדיק. די ביר האָט שוין ניט געהאַט קיין שוים, ווען מיר האָבן זי אויסגעטרונקען.

די טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן פון דער רויטער פאַבריק האָבן געציטערט אין דער אָנגעטשאַדעטער נאַכט. די נאָכמיטיקדיקע וואַכטע האָט נאָך געאַרבעט. די אַרבעטער פון דער נאַכט-וואַכטע זײַנען אָנגעקומען, ווי א שטראָם. מיר זײַנען געגאַנגען צוזאַמען מיט אַלעמען איבערן הויף פאַר דער פאַבריק, ווו עס וועט שטיין דער נײַער סאַלפעטער-לאַגער. די ביידע טײַלס זײַנען געגאַנגען האַרט לעם אונדז. די לופט איז געווען געדיכט. דאָס מיידל איז געוואָרן צעמישט און האָט געפילט, ווי טײַל איז געוואָרן אומרויק. זי האָט אים געוואָלט אופמונטערן, עפּשער האָט זי אויך אַרומגענומען א שטיקל מוירע.

— ס'איז ניט אַזוי שלעכט?

— ס'איז ניט אַזוי שלעכט, מיידל.

טײַל האָט געקוקט פאָרויס פאַר זיך. מיטאַמאָל האָט זיך זײַן פּאָנעם געענדערט. מיר האָבן זיך אופמערקזאַם צוגעקוקט צו אים.

די רויטע פאַבריק האָט גערוישט און געליאַרעמט, מיר האָבן מוירע געהאַט, מע זאָל אונדז ניט אַנטדעקן, ווען מיר זײַנען געגאַנגען דורכן טויער און האָבן שוין מער ניט געקאָנט הערן די טריט אונדזערע. ביז איצט ווייס נאָך קיינער ניט, אַז מיר לעבן. אָבער נאָך דעם וועלן מענטשן אַרעסטירט ווערן, מע וועט זוכן. מיר וועלן אַרויסלאָזן נאָך א צײַטונג. וועט עס נאָך ערגער ווערן. מע וועט מאַכן אָנפאַלן, אומרו און געפאַר וועלן אָנקומען אַף אונדז, ווי א לאַווינע. עס וועט קיין סאָף ניט נעמען, ביזוואַנען זיי וועלן אונדז ניט געפינען. דאָס אַלץ וועט נאָך צוקומען צו אונדזער לעבן. דאָס איז די פאַבריק אַרום אונדז, און די היטלער-גוואַרדיע שטייט באַם טויער. דאָס מויל ווערט באַ דיר טרוקן. אַז מע גייט אַזוי, ווערט דיר אַלץ אַזוי קלאָר. עס איז ניטאָ קיין אַנדער וועג פאַר אונדז, און מע גייט ווײַטער איבערן הויף. עס זעט אויס אַזוי, ווי מע נעמט אַף זיך אַרוף דעם אייגענעם יאָך.

II

די אַרבעט-קליידער זײַנען געווען פֿײַכט, און אונדז איז געווען קאַלט. די דיקע זוילן פֿון די הילצערנע שיך האָבן אונדז געמאַכט העכער. מיר האָבן באַהאַלטן בײַ זיך די צײַטונגען. די פֿאַרטעכער זײַנען געווען שווער פֿון שמוץ. אין די שוועבעלעך־שאַכטלען האָבן מיר אָנגעשטאָפּט פּאַפּיר, כּדי זיי זאָלן זיך ניט לאָזן הערן. טייל איז צוזאַמען מיט אונדז אַרויף אין וואַש-צימער.

לאַנגזאַם זײַנען מיר געגאַנגען איבערן הויף, און אונדזערע הילצערנע שיך האָבן געקלאַפּט. אונדז איז געוואָרן נאָך קעלטער. עס איז געגאַנגען אַ דריבנע רעגנדל. ער האָט אונדז דורכגענעצט די העמדער און די פֿאַרטעכער. כּדי די שוועבעלעך זאָלן ניט נאַס ווערן, האָבן מיר זיי געהאַלטן אין דער האַנט, און די האַנט — אין דער הויזן־קעשענע. דער שוואַרצער שטויב פֿון די פֿאַבריק־געסלעך האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאַשע, דורכן הויף איז אײַליק געגאַנגען צו אונדז דער אַלטער. דער ערשטער האָט אים דערזען טייל. די פֿאַבריק איז געוואָרן שטיל. דאָס איז געווען די פּויזע צווישן ביידע וואַכטעס. איינטאָניק האָבן זיך געקײַקלט די וואַגאָנעס פֿון דער הויך-באַן.

ווען טייל האָט דערזען, ווי דער אַלטער גייט צו צו אונדז, האָט ער, ווי אַ פֿאַרפֿאָלגטער, אַף אַ ווײַלע זיך אומגעקוקט אַף די שוואַרצע ווענט פֿון די האַלעס. ער האָט גוט געוווּסט, וואָס דער אַלטער וויל אים זאָגן. ער האָט געטראַכט וועגן דעם ענטפֿער, וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעטראָגן מיט אים, ווי מיט אַ געהיימען פּלאַן.

דער אַלטער האָט אים אַ רוף געטאָן. מיר האָבן געוואָלט אוועקגיין, און מיר זײַנען געבליבן שטיין נאָר דערפֿאַר, ווײַל אַלע אַרבעטער האָבן זיך אומגעדרייט. ווי פֿאַרבײַגייענדיק האָט דער אַלטער גענומען דעם עלטערן אַרבעטער אונטערן אָרעם. פֿון אויפֿרעגונג איז יענער ווייך געוואָרן, אָבער ער האָט זיך גענומען אין די הענט און האָט זיך פֿעסט געהאַלטן באַם באַשלוס אין קיין פֿאַל ניט צו שווײַגן.

— עלטערער ארבעטער טייל, — האָט געזאָגט דער אלטער, — גייט גלייך צו דער פּרויען־אָפּטיילונג 3, נעמט פונדאָרטן נײַן ארבעטערנס און פירט זיי אריבער אין „צע־הא־53”. דערקלערט וואָס נייטיק איז, און אזוי ווײַטער.

פונעם שווארצן הימל איז געפאלן א רעגן אין די אָפּגרונטן פון די פאבריק־געסלעך און האָט געפינקלט אין שײַן פון די עלעקטרישע לאָמפּן. די בויגנס פון דער הויך־באן און די רונדע ווענט פון די רעזערוווארן זײַנען געשטאנען הויך און האָבן אויסגעזען, ווי אויסגעברענטע. עס האָט געשמעקט מיט אײַזן און גאז.

מיר האָבן געוווסט, וואָס הייסט „צע־הא־53” און האָבן אלע געקוקט אפ טיילן, ווי אף אונדזער פּארטרויונג־מאן, וואָס דארף ארויסזאָגן אונדזערע געדאנקען. איבער זײַנע באקן האָבן זיך געקײַקלט טראָפּנס רעגן.

— שעף, — האָט ער געבעטן, — קאָנט איר דאָס ניט זאָגן ווע־מען־עס־איז אן אנדערן? איך טויג ניט דערצו. איך קאָן מער ניט צוקוקן זיך דערצו, קימאט קינדער...

די אויגן פונעם אלטן, וואָס האָבן מיט א באזונדערער אופמערקזאמקייט ארײַנגעקוקט אים דירעקט אין פּאָנעם ארײַן, האָבן אים צעמישט. ער האָט איבערגעריסן און איז אנטשוויגן געוואָרן. דער אלטער האָט געקוקט אף אים, ווי פון זייער ווײַט. דער עלטערער ארבעטער האָט דערפילט, אז אין דער דאָזיקער מינוט האָט ער זיך ענדגילטיק דערווײַטערט פון זײַן ביזאהעריקן לעבן.

א נידערשלאָגענער איז ער געשטאנען צווישן אונדז, ווי מע וואָלט אים געכאפּט באַם גאנווענען. אָן האָפענונג האָט ער זיך אָנגענומען מוט זיך אויסצוטײַנען. אָבער דער אלטער האָט אים א זאָג געטאָן: „נעמט די פרויען און מאכט ניט קיין געשיכטעס”.

טייל האָט גאָרניט פארשטאנען. ער האָט זיך געוואָלט ארויסזאָגן, אָבער רויק און אין אָרדענונג. דער זין פון זײַנע ווערטער האָט זיך פון אים אוועקגעגליטשט. ער האָט נאָכגעקוקט דעם שעף. יענעמס שמאָלע האלדז איז געווען א בוילעטער גוט אָנגעצייכנטער ציל. די גאָלדענע רייפן פון זײַנע ברילן האָבן געגלאנצט אין שײַן פון די לאָמפּן און זײַנען געווען אײדל, ווי ער אליין. ער איז גע־

ווען זויבער און עלעגאַנט, און פון אים האָט געשמעקט מיט טואַ־לעט־זייף. טייל האָט א קוק געטאָן אף זיך און געפילט זייער אייגענעם גערוך פון פאַבריק און שווייס. איינער אויגנבליק האָט אים דורכגעדרונגען א כּיישער האַס קעגן דעם איידעלן קערפּער, וואָס פאַר אים.

אָבער גלייך נאָך דעם האָט ער הילפלאָז ארומגעקוקט אלעמען. אלע זיינען געווען שטיל און האָבן געקוקט אָן א זייט, ווייל מיר האָבן אים מער ניט געקאָנט העלפן. מיר האָבן געשפּירט, ווי זיינע בליקן זוכן אונדזערע בליקן און האָבן אָנגעהויבן אים דערפאַר צו האַסן.

מיר האָבן געטראַכט וועגן דער „רויטער פאַבריק" און זיינען אַוועק. אונדז איז געוואָרן נאָך שווערער.

מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם אָנפילונג־צעך, מיר האָבן געמוזט אלץ פאַרענדיקן איידער עס וועט זיך דערהערן דער פייף. באַם אריינגאַנג זיינען מיר אף א מאָמענט געבליבן שטיין. עס איז ניט געווען קיין אַרבעטער, — אויסער די, וואָס זיינען געווען דאָ דאָס ערשטע מאָל, — וואָס זאָל ניט בלייבן שטעקן באַם שוועל, איידער ער פלעגט זיך אונטערגעבן. מיר האָבן געקוקט אין דער לאַנגער האַלע אריין. אלץ איז דאָ געשטאַנען און געלעגן אזוי, ווי די פריערדיקע וואָכטע האָט דאָ איבערגעלאָזן. האַלב־אָנגעפילטע אייזערנע טעפּ, שמאַטעס און געצייג. מיר זיינען געגאַנגען צווישן די לאַנגע רייען אייזערנע טעפּ, ווי איבער א פעלד מיט כּורוועס.

פון אָפענע פעסער איז געגאַנגען א לייכטער דאַמפּ. ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א דריבנעם טוי אפן קאַלטן אייזן פון די הענט־לעך פון די טעפּ. נאָכדעם ווישן אָפּ די מיידלעך מיט די הענט דעם טוי. ער פרעסט זיך איין אין הויט און אין פלייש, אזוי אז די פינגער־שפּיצן זעען אויס, ווי א צעפּוילטער טוך.

מיט די דאָזיקע הענט האָבן זיי געמוזט אָן אויפהער אראָפּנעמען די אייזערנע טעפּ פון די טישן, ווייל מע פלעגט קעסיידער אָנשטעלן נייע טעפּ אף די טישן. ווען מע זאָל ניט האַלטן די טישן פּויי, וואָלטן נאָך די טעפּ געקאָנט אראָפּפאַלן פון טיש און אויסגיסן זיך. אפן דיל און אף די טישן איז געלעגן א דיקע ראָסטיקע ברוד.

זי איז געלעגן אומעטום אף די ווענט, אף די פעסער און געצייג, ווי בלוט און פעטס, און האָט פארשמירט די אונטערשטע ראַנדן פון די אייזערנע טעפּ, אזוי אז זיי זיינען געווען גלאַט ווי פיש. עס האָט זיך געדאכט, אז מע קאָן זיי גאָר ניט פעסט האלטן. אָבער ווען א טאָפּ וואָלט אראָפּגעפאלן, וואָלט ער באַגאָסן די ארבעטערן מיט דער פליסיקייט, פון וועלכער עס איז אומגעקומען יאָהאנעס ערל.

אף דער וואנט איז געהאנגען א פארשטויבט שענקל מיט א פארשמירטן רויטן קרייז. דאָס טירל פונעם שענקל איז געהאנגען אף איין זאווּיעסע, און אינווייניק אף דער פּאָליצע איז געלעגן א פּעקל צייטונג־פּאַפּיר און עס איז געשטאנען א צעבראָכענע גלאָז.

איבער די ווענט זיינען געהאנגען צעריסענע זעק. אָן די דאָזיקע זעק האָבן די מיידלעך פון צייט צו צייט געקאָנט האסטיק אָפּווישן די הענט פון דער בלאָטע.

מיר זיינען ארויס פון דער טיר און האָבן זיך אומגעקוקט. דער עלטערער ארבעטער, טייל, איז אוועקגעגאנגען. פאַר אונדז איז דאָס געווען גוט, ווייל מיר זיינען געשטאנען פאַר די לייטערס פון די רעזערוווארן.

א ביסל ווייטער איז בא א ראַמפּע געשטאנען א דיזעל־מאשין. דער מאָטאָר האָט זיך דערווארעמט. דער מאשיניסט איז געשטאנען ווארטנדיק אין דער טונקלקייט לעם די רעלסן און געקוקט אף די פרויען, וואָס האָבן זיך געשפּארט אין דער שטאָף־ווארעמקייט און אין געלן שיין ארויס פונעם אָפענעם טויער פון דער האלע. זייערע קערפּערס זיינען געווען נאַס פון רעגן. און פון זיי איז געגאנגען א פּארע. פון א שפּאלט פון א רער, וואָס איז געווען פארשטאָפּט מיט א זאק, האָט געטריפט א שטינקענדיקע קאשע. פאר דעם ארייננגאנג אין „צע-הא־53" האָט די דאָזיקע קאשע געבילדעט א טונקל-רויטע קאַליוזשע.

ארום איז געווען שטיל, אומבאוועגלעך. מיר האָבן אלץ ארומגעקוקט געניי, ווייל מיר האָבן זיך איצט געמוזט נעמען צו דער ארבעט. א סעקונדע זיינען מיר נאָך געשטאנען און געפּרווט אראָפּלייענען איינער באם צווייטן מוט פונעם געזיכט, ווי מע געזעגנט זיך פארן צעשיידן זיך אף א לאנגע צייט. מיר האָבן איינער דעם אנדערן

דערלאַנגט די הענט און זיך איבערצײַגט, צי מיר האָבנ אַלצ מיט זיך. מיר האָבנ זיך געשיידט און וואָלטנ גערנ דערבײַ געהערט אַ פּאַטעטיש וואָרט; פונ פריִער זײַנענ מיר געווענ דערצו צוגעווינט. מיר האָבנ געמוזט גיינ ניט צו גיך, ניט צו פּאַמעלעך. ווענ אינ פינפ מינוט אַרומ וועלנ זיך באַווײַזנ די ערשטע צײַטונגענ, קאָנ זײַנ, אַז עס וועלנ פאַרנומענ ווערנ דער הויפ און די טירנ, און קיינער וועט זיך ניט טאָרנ רירנ פונ אָרט.

אינ יאָר 1923 איז איינער פונ די ביידע רעזערוואַרנ אופגעפלויגנ אינדערלופטנ. עס איז געווענ אַכט אַזייגער אינדערפרי. אונדזער אַרבעטער־ישעוו איז געווענ דרײַ שאָ וועג ווײַט פונ דער רויטער פאַבריק, אָבער אַלע דעכער זײַנענ דאַנ אָוועקגעטראָגנ געוואָרנ ווי פּאַפּיר. פונ דער שול האָט מענ אונדז אָפּגעשיקט אַהיימ, ווײַל דער צווייטער רעזערוואַר האָט אויך געהאַלטנ באַמ אופרײַסנ. די מענטשנ האָבנ ניט געוואַגט אַרײַנגיינ אינ די הײַזער, און מיר זײַנענ אָוועק אַפּ יענעמ זײַט דאָרפ, וווּ עס האָבנ זיך אופגעהאַלטנ ציגײַנער. פונווײַטנ האָבנ מיר געזענ אַ רויך און אַ לאָך, וווּ עס איז פריִער געשטאַנענ די פּאָרשטאָט און די פאַבריק.

די פאַבריק און די פּאָרשטאָט האָט מענ ווידער אָפּגעבויט, מענטשנ זײַנענ ווידער אַוועק אַהינ, די רעזערוואַרנ זײַנענ געוואָרנ אַ סאַך גרעסער ווי פריִער. זיי זײַנענ געוואָרנ הויך ווי טורעמס, אָבער אַ סאַך ברייטער. פונווײַטנ, פונעמ סטעפּ, האָט מענ זיי שוינ געזענ, און די מענטשנ ווײַזנ אַפּ זיי די קינדער און זאָגנ: „דער פונ רעכטס איז אינ יאָר 1923 אופגעפלויגנ אינ דער לופט. מע ווייס נאָך הײַנט ניט פאַרוואָס. און פערצנ הונדערט מענטשנ זײַנענ געהאַרגעט געוואָרנ. פונ דער אינדערפריִקער וואַכטע איז קיינער ניט געקומענ צוריק. העכער אַכציק קינדער זײַנענ געהאַרגעט געוואָרנ אַפּנ וועג אינ שול אַרײַנ.

מיר זײַנענ איצט געבליבנ אַליינ. קיליאַנ איז מיט די איבעריקע אַוועק צומ צווייטנ רעזערוואַר. די אונטערשטע טיילנ פונ לייטער זײַנענ ניט געווענ. מיר האָבנ אויסגעטאָנ די הילצערנע שיך, צונויפגעבונדנ זיי און אופגעהאַנגענ אַפּ זיך. איינער האָט זיך גע-

שטעלט מיטן רוקן צום וואנט, פונקט אונטערן לייטער, און איבער זײַנע אַקסלען האָבן מיר דערגרייכט צו די אונטערשטע שטאַפּלען.

ווען מיר האָבן שטילערהייט געקלעטערט העכער, האָבן מיר ערשט באַנומען די געפערלעכקייט פון אונדזער לאַגע. מיר האָבן ניט געטאָרט טראַכטן וועגן דעם. אין רעזערוואַר האָט געזידט, ווי עס וואָלט זיך דאָרטן עפּעס געקאָכט. מיר זײַנען ווייניק געווען באַקאַנט מיט דעם און זײַנען געוואָרן אומרויִק. ווען מיר האָבן דערגרייכט צו דער הויכקייט פון דער הויך־באַן, זײַנען מיר געווען צופרידן, וואָס די עלעקטרישע לאָמפּן זײַנען געבליבן אונטער אונדז, און מיר האָבן געקלעטערט אין פולשטענדיקער פינצטערניש. די לופט איז גע־וואָרן רײנער. א קאַלטער ווינט האָט אונדז געשמיסן דעם רעגן אין פּאָנעם אַרײַן. אַרום דעם רעזערוואַר איז געגאַנגען א גאַלערייקע מיט א פּאַרענטשע. איבערן לייטער איז אינעם שמאָלן באָדן פון דער גאַלערייקע געווען א פּירקאַנטיקע לאָך; מיר זײַנען דורכגעקראָכן די לאָך, און אַזוי־אַרום זײַנען מיר שוין געווען אויבן אויפן רעזערוואַר.

מיר זײַנען איבערן לײַכט אויסגעוועלבטן דאַך פונעם רעזערוואַר אַריבערגעלאָפן אויף דער אַנדער זײַט פון דער גאַלערייקע, אין לויפן אַרויסגענומען די צײַטונגען און צוגעבונדן צו דער פּאַרענטשע. צו די קניפּ פון די שטריקלעך האָבן מיר צוגעבונדן צינד-שנור. ווען עס וועט זיך דערהערן דער פּײַף, צינדן זיך אַלע אָן מיט איין מאָל. פון אונטן קאָן מען דאָס ניט באַמערקן, ווײַל מע קוקט אויף די עלעקטרישע לאָמפּן, דער פײַער דערגרייכט אין פיר מינוט דעם קנופּ, די צײַטונגען פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד. מיר מוזן שנעל נע־מען דעם וועג און אין די פיר מינוט אַראָפּקלעטערן פונעם רעזערוואַר און שוין זײַן אין דער געבײַדע.

מיר האָבן געוואַרט אויפן פײַף. מיר האָבן געזען ווײַט אין סטעפּ אַרײַן. עס איז געווען זייער פינצטער. דער האָריזאָנט האָט אויסגע־זען ווי טונקל-בלויע קלעק־פּאַפּיר, ווען עס ציט אײַן טונקל־בלויע טינט.

דאָרטן מוז ליגן אונדזער דאָרף. דער ברייטער סטעפּ און די ווילדע נידא. די פײַערן פון דער פאָרשטאָט. דער רעגן האָט גע־קלאַפּט איבערן אײַזערנעם דאַך. די פינצטערניש האָט אַלץ באַהאַלטן.

טיף אונטער אונדז זײַנען געשטאַנען די אַרבעטער און האָבן געוואַרט אויף פֿײַף. דער רעגן האָט זיי גענעצט, ווי אונדז, און האָט פֿאַרלירט אַלע גלאַטע פֿלאַכן און די רעדלעך.

דאָס דאָזיקע לאַנד און די דאָזיקע פֿאַבריק. מע שטייט, ווי באַם ראַנד פֿונעם אייגענעם לעבן און מע קוקט אויף זיך אַליין. די פֿאַבריק איז פֿון אײַזן, אָבער עס איז וואַרעם פֿון לעבן, און דעריבער קאָן מען זי פֿאַרטראָגן.

איצט גייען מיר אַלע צו דער אַרבעט. מיר וואַרטן אויף פֿײַף; גלײַך גייט אַוועק די אַרבעט. אַ פֿאַרשאָלטענע האָרעוואַניע. הונגער אין דער היים און אין דער פֿאַבריק. מע ווערט מיטגעריסן מיטן שטראָם. עס איז פֿאַר דיר ניטאָ קיין פּאַוזע אויף כאַפּן דעם אָטעם. מע קאָן אויף אַ ווײַלע ניט בלײַבן שטיין און זיך אַרומזען. עס בלײַבט פֿאַר אונדז בלויז איין וועג. דעריבער דאַרפֿן מיר איצט זיך ניט פֿאַרהאַלטן, ווען עס וועט זיך דערהערן דער פֿײַף. די ערשטע „רויטע פֿאַבריק" איז דער ערשטער טראָט. די דאָזיקע געדאַנקען קומען צו אונדז און פֿילן אונדז אָן, ווי מיט פֿרישער לופֿט. די ברוסט עטעמט ברייטער.

III

דער נאַסער שוואָם האָלט אויף דעם גיפּסיקן שטויב פֿון די רייזיקע טריקן־אויוונס ניט מער, ווי צען מינוט. דערנאָך לייגט זיך אַוועק אַ שיכט שטויב אין מויל און אין גאָרגל און דער קאָפּ הייבט אָן ווײ צו טאָן. די טריקן־קאַמער מוז האַלטן זעכציק גראַד היץ, און הונדערט פֿופֿציק פֿרויען און מענער מוזן דאָ לאַנגזאַם אומקומען. ווען עס עפֿנט זיך איינע פֿון די „קײַלעכיקע טירן, וואָס מע קאָן מיט זיי אָנפֿירן בלויז מיט דער הילף פֿון ספּעציעלע קייטן, רײַסט זיך אַרויס פֿון אויוון אַ וואָלקן היץ און גיפּסיקער שטויב, וואָס פֿאַרברענט די לונגען בײַ יעדער מענטשן, וועלכער פֿאַלט אַרײַן אין דער דאָזיקער כמאַרע.

אין דער פֿינפֿטער שעה קאָנען מיר שוין מער ניט טראַכטן. יעדע באַוועגונג פֿאַרשאַפֿט ווייטיקן. מיר גלייבן שוין מער ניט, אַז מיר וועלן דערלעבן ביז אינדערפֿרי. דורך די פֿענצטער זעען מיר אין

דער טיפער פינצטערקייט די העלע פירקאַנטן פון די שויבן פון די איבעריקע הײַזער. אָפּטמאָל קומט אויס, ווי מיר וואָלטן פּלוצלינג זיך אופגעכאַפּט, ווען מיר דערמאָנען זיך וועגן דעם ערשטן נומער „רויטע פאַבריק". אויך וועגן די מיידלעך אינעם אָנפילונג־צעך דערמאָנען מיר זיך. נאָר איינצלנע מאָמענטן אַרבעט אונדזער מאָרך. מיר אַרבעטן, ווי אין שלאָף, און אַלץ פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פוילן שטראָם, אין וועלכן מיר שווימען און אין וועלכן אונדזערע געדאַנקען טראָגן זיך אַוועק פאַרבײַ אונדז.

אָבער די דאָזיקע נאַכט איז ניט גלײַך צו די איבעריקע. עס דאַכט זיך, אַז אַלץ גייט לאַנגזאַמער. צוויי אַזייגער איז געשען אַן אומגליקפאַל מיט אַ מיידל אין אָנפילונג־צעך. מיר האָבן די שוואָמען אַף די פּענעמער, און די שטויב צוזאַמען מיטן שווייס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין קאָרע. מיר קאָנען זי ניט אַראָפּווישן, ווײַל אונדזערע הענט זײַנען צו שמוציק און מיר האָבן ניט קיין צײַט. אָבער מע האָט געקאָנט פילן, אַז אַלע זײַנען געווען אופגערעגט. קיליאַן האָט איבערהויפּט ניט געאַרבעט. אַלע האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם. דרײַ אַזייגער איז אַרײַן טייל און האָט אָנגעהויבן צו זוכן מיט די אויגן קיליאַנען. ער איז שנעל צוגעלאָפן צו אים. איבערן גערויש האָבן מיר ניט געקאָנט הערן, אָבער מיר האָבן געזען ווי קיליאַן האָט זיך אופגעכאַפּט, און מיר האָבן געזען דאָס פּאָנעם פונעם עלטערן אַרבעטער טייל, ווײַל אַלע האָבן מיר געקוקט אַהין און אַלע האָבן מיר פאַרגעסן צו אַרבעטן. ביידע זײַנען זיי געשטאַנען מיטן רוקן צו דער טיר אינמיטן פון דער טריקן־קאַמער און האָבן ניט געזען, ווי די היטלער־כוואַליע זײַנען אַרײַנגעקומען.

די הונדערטפאַכיקע גערוישן פון מאַשינען און קעסלען האָבן ניט אופגעהערט. אָבער ווי עס וואָלט געוואָרן שטיל. מיר זײַנען געשטאַנען און געקעמפט קעגן דער מידקייט און דעם שמוץ און האָבן גאָר געקוקט צו דער טיר צו, וואָס אין איר העלן פירקאַנט האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט די שוואַרצע מונדירן פון דער היטלער־גוואַרדיע. קיליאַן און טייל האָבן דערשפּירט זייערע בליקן אין רוקן און האָבן זיך אומגעקוקט. מיר זײַנען געשטאַנען איינע פאַר די אַנדערע, ווי פאַר אַ געשלעג, און האָבן געוווּסט, אַז די מילכאָמע קעגן אונדז

האָט זיך אָנגעהויבן. באַ דער גאַנצער מיַדקיַיט און שרעק האָבן מיר אינווייניק אין זיך געפילט אַ פרייד, וואָס דער נומער „רויטע פאַבריק" האָט זײַנס אופגעטאָן.

די מיידלעך זײַנען אויך געשטאַנען שטיל. איבער דער היץ האָבן זיי געטראָגן בלויז דינע לײַנענע קליידלעך. זייערע באַקן און קער־פּער האָט אויסגעצערט די באַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט. אַף זייערע ליפּן האָט געגלאַנצט אַ קאַפּ בײַליקע רויטע פאַרב, וואָס איז געוועזן צע־שמאָלצן פון היץ, און איבער די העלדזער איז געהאַנגען אַף אַ קייטל אַ האַקן־קרייץ.

לעם אונדז איז געשטאַנען דער אַלטער האַנעס. ער האָט געהאַט בלויז איין אויג, ווײַל די צווייטע אויג האָט אים אויסגעבערענט די קאַוסטישע סאָדע. ווען די היטלער־כעווורע איז אַרײַן, האָט ער האַס־טיק אַראָפּגעלאָזן די האַנט אין דער הויזן־קעשענע און דערנאָך זי לאַנגזאַם אַרויסגענומען. אָנגעשטרענגט האָט ער געקוקט אַפן אַרײַנ־גאַנג. אונדזערע אַלעמעס בליקן צו די היטלער־כעווורע האָט אוועקגע־שטעלט צווישן אונדז און זיי אַן אײַז־וואַנט.

די פויערשע פּענעמער פון די היטלער־גוואַרדיסטן זײַנען געוואָרן אַ ביסל צעמישט אונטער די הונדערט בליקן, וואָס האָבן זיך גע־ווענדט קעגן זיי. צווישן זיי איז אַרויס דער אַלטער פון „צע־האַ־53" און האָט אויסגעשריגן: „עלטערער אַרבעטער טייל, גייט אַרויס".

מיר האָבן געזען גלאַנציקע רעוואָלווער־שיידלען און די קליינע באַגנעטן באַם פּאַס באַ די היטלער־כעווורע. מיר האָבן געטראַכט וועגן זייער ציל, און אַ מוירע האָט זיך אײַנגעגלידערט אין אונדז. די פֿײַערן אין דער האַלע האָבן געפינקלט פֿײַנטלעך.

די אַרבעטער אַרום טיילן און מיר האָבן אים געוואָלט אָנקוקן פון דער זײַט, מיר האָבן דאָס אָבער ניט געוואַגט. מיר האָבן נאָר געוואָלט, ער זאָל אוועקגיין, כאָטש מיר האָבן געליטן צוזאַמען מיט אים.

טייל האָט געשפּירט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. די מוירע האָט אים געליימט. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן מיידל. אַפילע איר האָט ער ניט געקאָנט זען נאָכאַמאָל. ער האָט, ווײַזט אויס, גע־ווּסט, פאַרוואָס מע אַרעסטירט אים.

דער ארבעטער האנעס פאר אונדז האָט שטילינקערהייט ארויסגעצויגנ די האנט פונ דער קעשענע אונ ארויסגעוואָרפנ א צעקנייטשטנ פאפיר. דאָס איז געווענ א נומער „רויטע פאבריק". מיר האָבנ זי גלײַכ דערקענט, כאָטש אירע ברעגעס זײַנענ געווענ דורכגעזאפט מיט שווייס אונ שמוצ. זי איז געלעגנ פאר זײַנע פיס, אונ ער האָט זי שטיל אָפגערוקט פונ זיכ.

א ווײַלע האָבנ די היטלער־כעוורע געוואַרט שטילשווײַגנדיק. דערנאָכ האָט דער אלטער נאָכאמאָל אויסגעשריענ, דײַטלעכ, לאנגזאמ, ווי ער וואָלט וועלנ פארמײַדנ, אז מע זאָל אים ניט פארשטיינ: „עלטערער ארבעטער טייל".

קיינער האָט זיכ ניט גערירט. א שוכ טוט א ריב דעמ שטיינערנעמ דיל. מיר הערנ דאָס אלע, אָבער קיינער קערט זיכ ניט אומ. טייל גייט לאנגזאמ פאָרויס. צווישנ אונדז אונ די היטלער־כעוורע איז געווענ א קאָלאָסאלע שטרעקע. טייל האָט געוואָלט בלײַבנ שטיינ אונ אונטערהאנדלענ. ער האָט געוויס אליינ געוווּסט, אז דאָס איז אומזיסט, אָבער ער האָט געמוזט עפעס טאָנ. הינטער זיכ האָט ער געשפירט אונדז, אָבער מיר האָבנ אים ניט געקאָנט העלפנ. ער האָט דאָס געמוזט פארשטיינ. ער האָט געפרוווט נעמענ זיכ אינ די הענט אונ פרעגנ, אָבער ער האָט באוויזנ בלויז ארויסשטאמלענ ציטערנדיק:

— וואָס איז געשענ? איכ האָב דאָכ גאָרנישט געטאָנ?

די היטלער־כעוורע האָבנ אימ א נעמ געטאָנ. ווענ זיי האָבנ אימ אָנגערירט, איז דורכ אונדז ווי דורכגעגאנגענ א באוועגונג. מיר האָבנ זיכ געשעמט, ווי מיר וואָלטנ דערלאָזנ אונדז באליידיקנ. ווענ מע האָט אימ געפירט איבערנ הויפ, זײַנענ מיר אלע געשטאנענ בא די פענצטער אונ האָבנ אימ נאָכגעקוקט. בא אלעמענ זײַנענ די פענעמער געווענ בייז. עס איז אונדז געווענ טרוקנ אינ מויל. די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ.

דורכנ פענצטער האָבנ מיר געזענ, אז עס דארפ באלד אָנהייבנ טאָגנ. די נאכט איז אריבער אונ איז געלעגנ אינ אונדז ווי א יאָר.

אינ וואש־צימער האָבנ מיר שוינ געטראָפנ די ארבעטער פונ

דער אינדערפרײַקער וואכטע. נאָך זיי האָט געדאַרפט קומען די באַכמיטיקדיקע וואכטע און דערנאָך ווידער מיר. קעסיידער אזוי נאָך דער ריי, קעסיידער ווײַטער. אָן א כאָפּ.

פארן טויער האָט געוואַרט דאָס מיידל. מיר האָבן זי מיטגענומען. די קרעמלעך אין די קליינע הײַזקעס זײַנען נאָך געווען פארמאכט. מיר זײַנען געגאַנגען דורך דער פאָרשטאָט. די טיר פון טראַקטיר איז געווען אָפן. אף די טרעפּלעך זײַנען געלעגן פּאַפּיראָסנרעשטלעך. א שווערער לאַסט־אויטאָמאָביל איז דורכגעפאָרן דורך די גאסן. דער מאָטאָר האָט צוגעזשומעט, ציטערנדיק פון קראַפט.

מיר גייען פארבײַ דעם שפּיטאָל. אין אָפּעראַציע־זאַל איז ליכטיק. פארן אַרײַנגאַנג שטייט אן אויטאָמאָביל פון דער גיכער הילף.

דערנאָך גייען מיר דורך די גערטנדלעך, און דער סטעפּ איז שוין ווידער פאר אונדז. ער איז נעפּלדיק און איז באַדעקט מיט א ווײַסקײַט. מיר קאָנען גאָרנישט זען אינדערווײַטנס.

טייל איז אַרעסטירט. הינטער אונדז הערן מיר נאָך דעם גערויש פון דער רויטער פאבריק. דער וואלד גייט ווידער צו צו דער דאַמבע. די ביימער וואַרפן אראָפּ צווײַגן. מע קאָן קלײַבן האָלץ.

מע וועט אונדז זיכער אויך איינגיכן אַראָפּשנײַדן. מיר עטעמען אין ווינט און קאָנען זיך ניט פרייען. די נאכט זיצט אין אונדז נאָך אַלץ, און פארן סטעפּ איז ניטאָ קיין אָרט. דאָס מיידל כאַפּט זיך אָן אָן קיליאַנס אָרעם. ער דערשרעקט זיך, אָבער ער לאָזט ניט אַרויס איר האַנט.

די כוואַליעס פון דער נידאַ פּליעסקען זיך שטיל. עס איז קאַלט אינדערפרי. אין וואלד איז בלוי, ווי שטאָל. אזוי איז אומעטום גרוי, און פון די פעלדער הייבט זיך אויף א פארע.

אך, צום טײַוול! מיר וועלן נאָך אויך א מאָל לעבן. איצט לאָמיר אַלץ צוזאַמענעמען, פארקלעמען די ציין און פרווון א גרויסן שטיק וועג לויפן, די לופט זאָל אין אונדז אַרײַן, צום טײַוול, און די נאכט זאָל אַרויס.

רודאָלף וויטענבערג

דער טשוואָק

די שטרענגע געבײַדע פון רויטע ציגל איז די 91-טע מיידל-שול אין בערלין־ווילמערסדאָרף. א ברייטער הויף, באדעקט מיט טונקעלן זאמד, רינגלט ארום דאָס הויז. קליינע ביימער זוימען ארום פינקטלעך דעם פירקאנט.

עס איז איצט שטיל, אָבער ניט לאנג האָבן דאָ געראַוישט הונדערטער קלינגענדיקע שטימען. דער זייגער איבערן הויפּט־ארײַנגאנג ווײַזט צען. אין די קאָרידאָרן פארמאכן זיך די טירן. קינדער שפּרינגען אויף אין טאקט, לערער עפענען די ביכער, און די צווייטע שול-לעקציע הייבט זיך אָן.

די פרײַלן לעמאן לערנט אינעם קלאס 4 מיט צעניאָריקע מיידלעך. די לערערקע, אן עלטערע פרײַלן, שטייט אויסגעצויגן לעם דער קאטעדרע. אין אירע דארע הענטלעך האלט זי א גרויסן פּאקעט. פארוווּנדערטע קוקן די מיידלעך אף דער לערערקע און אף אירע הענט.

— ליבע קינדער...

א מיידל טוט א לאך. צוויי אנדערע גיבן איר א שטויס אין פּלייצע. א פּעדער־הענטל קײַקלט זיך אראָפּ פון דער פּארטע אפן דיל.

— ...איידער מיר וועלן הײַנט צוטרעטן צו דער לעקציע, וועלן מיר אלע איינינעם טאָן א שיינע זאך...

א האנט רוקט זיך פאַרזיכטיק ארויס.

— וואָס איז דאָרטן ווידער?

— פרײַלן... איך וויים...

— דו ווייסט גאָרנישט. ווער עס וועט זיך ניט האלטן רויק, דער וועט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פייערונג.

א ווײַלע ווערט שטיל. דערנאָך דערהערט זיך פון גאס א מאַסיווער מענער־קאָל:

„ברענהאָלץ פאר קארטאָפל־שאָלעכץ".

אפ א סאך בענק כאפט זיך ארויס א פרעך געלעכטערל. פרײַלן לעמאַן צופט ארויס פון ארבל דאָס נאָז־טיכל, דריקט עס צו צו דער נאָז און באהאלט שנעל צוריק.

— איך האָב דאָ א געמעל, — זאָגט זי און הייבט אָן אראָפּנעמען קנאקעדיקן פאפיר.

די מיידלעך ציִען אויס די קעפ, אפ די לעצטע בענק שטעלט מען זיך, פון אלע אויגן קוקט ארויס גליִענדיקע נײַגעריקײַט.

— ... עס איז א פּאָרטרעט פון אונדזער הער רײַכסקאנצלער...

די שטימע טוט א שלוקערץ און מאכט א רעווערענס, דער פּאַפּיר איז אָפּגעוויקלט.

— ... פון אונדזער פירער אדאָלף היטלער!

— אה... זיסער... די אויגן אזעלכע מענלעכע...

— ווי נאטירלעך עס זעט אויס די לאָק...

פרײַלן לעמאַן שמייכלט מיטן שפיציקן מויל, זי שפירט די אופגערודערטקײַט פון די מיידלעך.

איצט האלט זי דאָס בילד אין האנט אזוי, אז דער קאנט שפּארט זיך אָן אָן איר ברוסט. דער רוקן איז אויסגעגלײַכט, דער קרייץ אײַנגעבויגן און דער לאַנגער קאָפּ איז פון צופרידנקײַט פאריסן.

א פּאָר מיידלעך קוקן אראָפּ פארגליווערט אפ זייערע פּארטעס, אין ווינקל שעפּטשען זיך צוויי. זיי דערוועגן זיך נאָך ניט צו ריידן.

— נו, אלזאָ... — פרײַלן לעמאַן הייבט אוף איר שטימע, ניט ענדערנדיק די לאַגע פונעם קערפּער, — איצט וועלן מיר צוזאמען באַפּוצן אונדזער פּאָשעטן קלאס־צימער מיט דעם דאָזיקן בילד.

דער גרעסטער טייל מיידלעך, פאנאנדערגעטיילט אין קליינע גרופּן, ריידן ארום היציק, ווי מע זאָל דאָס בילד אופהענגען. אײַליקע שטימען פּילן אָן דעם צימער. פרײַלן לעמאַן איז גליקלעך און קוקט אראָפּ צופרידן אפ אירע קליינע.

דאָ הייבט זיך לאַנגזאַם אויף אַ קאָפּ, צוויי פּיס שאַרן. אַ מיידל גייט אַרויס פון דער פּאַרטע: הילדע וואַגנער האָט זיך אַ שטעל געטאָן. זי טראָגט צעפּ און אַ שטיטל אינמיטן.

— פרײַלן... מײַן פּאַפּאַ האָט געזאָגט... מיר זאָלן... דערלויבן זיך... ער בעט, מע זאָל נאָך הייצן... עס איז קאַלט, דער טערמאָמעטער!..

די צאַרטע שטימע הייבט זיך אויף און ווערט אַנטשוויגן.

פּלוצלינג ווערט גאָר שטיל.

פון דעם דערבײַיִקן קלאַס הערט מען זינגען:

„אי...בער אַ...לעס אין דעער וועלט...

די שטים פון דער לערערקע דונערט: „הילדע וואַגנער! שטיי אויף!"

הילדע שטייט נאָך אַלץ אָפן אַויט, די אויגן אירע זײַנען בלוי און פּאַרטרוימט. דאָס מויל איז זייער שמאָל.

— אַלזאָ, דאָס זײַנען דײַנע אידעאַלן! דו ווילסט זײַן אַ דײַטשיש מיידל? שעם זיך. אינמיטן פון אונדזער שיינער פּײַערונג פּאַלן דיר אײַן אַזעלכע אַלטפֿעגלעכע זאַכן. דאָ קאָן מען ווידער זען...

פרײַלן לעמאַן רײַסט איבער. עס פעלט איר אײַן אַ דערציִעריִשער געדאַנק.

— הילדע וואַגנער! קום נאָר אַהער.

הילדע גייט צו צו דער קאַטעדרע. ווי העלע פּראָזשעקטערס זײַנען געווענדט צו איר די אויגן פונעם גאַנצן קלאַס.

— דאָ האָסטו אַ טשוואָק מיט אַ האַמער. הענג אויף דאָס בילד, דאָרטן לעם דעם טאָוול.

דער קלאַס איז גרויס. פרײַלן לעמאַן רעדט זייער הויך. הילדע איז אַלייז. זי וואָלט וועלן זיך אויסדרייען און אַ קוק טאָן אָפּ גרעטען. גרעטע איז איר פרײַנט. גרעטעס פאָטער איז געווען אין קאָנצלאַגער אָראַניענבורג.

מע האָט אים „דערשאָסן באַם אַנטלויפן".

אָבער אָט איז דער טשוואָק, דער האַמער, דאָס בילד.

דער קלאַס ווערט פּאַרגליווערט שווײַגנדיק. מע הערט די לופט זשומענדיק.

— הילדע וואגנער! הענג אוף דאָס בילד.

הילדע שפּירט, ווי אירע פיס גייען צום טאָוול. ווי עס הייבט זיך די האַנט. אין דער האַנט איז דער טשוואָק און דער האַמער.

הילדע קלעטערט אַף אַ שטול. זי קלאַפּט שוין.

„טיפער". „מער אַף רעכטס!" „העכער"...

הילדע קלאַפּט און קלאַפּט. די וואַנט שטעלט זיך איר אַנטקעגן. הילדע קלאַפּט. איר געזיכט איז רויט. דער טשוואָק האָט זיך פאַרבייגן, ער איז געוואָרן קרום.

— עס גייט ניט...

די שפּאַנונג פאַלט.

— אהא! עס גייט ניט, הייסט עס... וועסט גלייך זען, ווי שיין דאָס גייט. בעאַטע פאָן ריבנער, וויַז איר, אַז מיר קענען דאָס בילד אויפהענגען.

בעאַטע פאָן ריבנער וואַרפט צוריק דעם קאָפּ, אַזוי אַז די געדרייטע בלאָנדע לאָקן פליִען, און שפּרינגט פאָרויס. מיט באַגייסטערונג קלאַפּט זי אַ נייעם טשוואָק. ער דרינגט אַריַין און האַלט, ווייַזט אויס. פרייַלן לעמאַן רופט אויס:

— האַלט! איצט זאָל הילדע וואַגנער אַריַינקלאַפּן ביזן סאָף און דערנאָך ווי געהעריק איז אויפהענגען דאָס בילד צו אונדזער אַלעמענס פרייד.

טריומפירנדיק שפּרינגט בעאַטע אַף איר פּלאַץ. זי לאַכט.

הילדע דרייט זיך אויס צום קלאַס. גרעטע קוקט אַף איר ערנסט. הילדע וואַקלט זיך. ערשט איצט ווערט פאַר איר קלאָר, אַז זי האָט זיך פאַראַטן.

— נו, מאַכסט עס, וואַגנער?

און דאָ פּאַסירט אַ גאָר אומדערוואַרטעטע זאַך.

הילדע וואַגנער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, פרעסט צונויף פעסט די הענט און זאָגט שטיל:

— איך וועל דאָס ניט טאָן.

דער קלאַס קוקט אַ דערשראָקענער. גרעטע זיצט גלייַך, איר קערפּער איז אַרויסגערוקט פאָרויס, ווי אַ פאָן.

פרייַלן לעמאַן ווערט בלאַס, ווי אַ טויטע.

— אזוי גאָר ? — זאָגט זי שטיל.

הילדע וואגנער גייט לאנגזאם צו איר פּלאַץ. עס איז קאַלט. די קינדער רירן זיך ניט.

די לערערקע קלאַפּט אַרײַן טיף דעם טשוואָק. דערנאָך הענגט זי אויף דאָס היטלער-בילד.

— אַרויסנעמען די העפטן...

איינס מיט פּופּצן ענדיקן זיך די לעקציעס. איבערן הויף גייען צווייצעניאָריקע מיידלעך. גרעטע האָט אַרופגעלייגט איר האַנט אויף הילדעס אַקסל.

אַ מאַכנע קינדער גייט זיי נאָך שרײַענדיק. אויף אַ געוויסן מעהאַלעך לויפן גרופּעס קינדער לעם דיביירע און קוקן נײַגעריק אַרײַן הילדען אין געזיכט. אייניקע ווײַזן מיט די פינגער: „דאָס איז זי“...

אויפן צווייטן שטאָק צווישן די גערא̇ניום-וואזאָנעס אין פענצטער רוקן זיך אַרויס בערד און ברילן: די לערער-קאָלעגיע.

אין אַ טאָג אַרום: אַ קאָנפערענץ.

— בא מיר וואָלט עס ניט געדויערט לאַנג. דער אַרכיטעקטער וואגנער. איר וואָלט געמעגט אַ קוק טאָן, ווי שיין די קליינע האָלט אויפגעהאַנגען דאָס בילד.

דער רעקטער קורץ טראָגט די וואָנצעס פּאַרדרייט אויף אַרויף, און איין האַנט האַלט ער אין דער הויזן-קעשענע. ער אונטעריכטעט געשיכטע און געאָגראַפיע, אָבער ער האָט באַזונדערס ליב צו באַטייליקן זיך אין די לעקציעס פון גימנאַסטיק.

איצט שמייכלט ער צו די אָנוועזנדיקע — עס פּינקלט אַ גילדערנער צאָן — און רעדט ווײַטער:

— פרײַלין לעמאַן זשענירט זיך נאָך געוויסערמאַסן, דאָס איז בא איר געבליבן פון... פריער. ניין, ניין, גאָט באַהיט. רויט איז די דאַמע איר גאַנצן לעבן ניט געווען, אויב איצט אַפילו ווערט זי רויט צוליב דעם דאָזיקן כשאַד...

רעקטער קורץ שיסט אויס מיט אַ געלעכטער, דער קאַנאַריק רײַסט זיך אַראָפּ פונעם זעווס-ביוסט און פליט אַרויף אויפן גלאָבוס — אויפן צאָפּנדיקן אײַז-אָקעאַן. קורץ איז אַ ליבהאָבער פון כײַעס, דאָס פייגל איז דרעסירט.

דער ארכיטעקטער וואגנער, הילדעס פאָטער, קוקט ארויס פאַר־טראכט דורכן פענצטער. ער איז הויך און האָט בלויע אויגן. וואג־נער איז פון שלעזוויג־האָלשטיין, אפּאָליטיש, א באגייסטערטער ארכי־טעקטער, א געבילדעטער קלוגער קאָפּ. איצט מוז ער זיך פארנעמען מיט פארטרעטונגען. מע בויט אזוי ווייניק.

— ווי מיינט איר, הער ארכיטעקטער? — רעדט צו אים ווייטער דער רעקטער. — ווען איר וואָלט אייער טעכטערל פון צייט צו צייט פארקאשערט דאָס קליידל... א פּאָר אָנשטענדיקע פּעטש האָבן שוין אופגעטאָן וואונדער. דערמאָנט זיך וועגן דעם מיליטער!

דער פאָטער קוקט אריין רויק דעם לערער אין פּנים אריין.

— צי דאָס העלפט עפּעס, הער רעקטער, דאָס ווייס איך ניט.

— מיר האָבן דערמיט דערגרייכט ערשטקלאסיקע דערפאָלגן, — די דער הער רעקטער האָט שוין באטאָנט, — מישט זיך אריין א יונגער הילפ־לערער.

— די... צייטן זיינען געוויסערמאסן... זיי זיינען איינמאָל פאר אלעמאָל פארביי, — ברומט א לערער מיט א ווייסער באָרד. — ...און גאָט צו דאנקען.

דער רעקטער קורץ הייבט זיך אוף. זיין פיגור איז פעסט.

פריילן לעמאנן גיט א דריי איר קאָפּ צום ארכיטעקטער. איר בליק איז בייז:

— איר האָט געוויס ניט אין דער היים קיין בילד פונעם פירער... אָדער עפּעס אן אנדער עמבלעם פון דער נאציאָנאלער רעגירונג... ווייל דאָס קינד פארשטייט דאָס ניט.

וואגנער שמייכלט מיד.

— ניין, פריילן לעמאן, דערצו זיינען מיר נאָך ניט געקומען. די קליינע זאָרגן נעמען צו צופיל קראפט. הילדע גייט אָפּט אוועק אין שול אָן פרישטיק, דערביי ארבעט איך ביז שפּעט אין דער נאכט. ווען עס וואָלט שוין אמאָל געוואָרן עטוואס בעסער...

די לערער־קאָלעגיע קוקט אפן רעקטער.

— נו, אלזאָ... לאָמיר זיך אומקערן צו דער זאך. איך מוז דאָס,

גאטירלעכ, מעלדן דער העכערער מאכט. א בילד פונעם פירער איז סאָפּקאָלסאָפּ ניט קיין קלייניקייט.

די לערער שטעלן זיך אוף. דער ארכיטעקטער וואגנער גייט ארויס. די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיקט.

די נאָענטסטע טעג בלייבט הילדע וואגנערס פּלאַץ ליידיק.

אפּן פערטן טאָג אינדערפרי מאכט פריילן לעמאן צו די טיר, ווי שטענדיק.

— גאָט בעטן!

זי בלייבט פּלוצלינג שטיין און פארגעסט צונויפלייגן די הענט. וואגנער איז ווידער פאראן. א בלאסע און ניט קיין אויסגעשלאָפענע, די אויגן מיד פון וויינען.

די לערערקע קוקט מער ניט אף איר. די שאָ קריכט לאנגזאם. לעם טאָוול הענגט דאָס היטלער-בילד.

פון 9 ביז 10: געאָגראפיע. רעקטער קורץ. צעשפרייט די פיס, שטייט ער אף דער קאטעדרע.

— מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט... פאָן ריבנער?

בעאטע פאָן ריבנער שפרינגט אוף און זאָגט:

— מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא די דענישע אינדזלען, הער רעקטער.

קורץ הייבט אָן צו שמייכלען.

— די דענישע אינדזלען, — דער רעקטער הייבט זיך אוף אף די שפּיץ פינגער. — ...הילדע וואגנער!

דער קלאס האלט איין דעם אָטעם. לאנגזאם שטייט אוף הילדע.

„זיילאנד, לאאלאנד, לאנגעלאנד, פאלסטער, מען, באָרנהאָלם“.

הילדע זעצט זיך.

אן אנטוישטער, לאָזט זיך צוריק אראָפּ דער רעקטער קורץ.

מיט שרעקעוודיקער אכטונג קוקן די מיידלעך אף הילדע וואגנער. א מערקווירדיקע אָנגעשטרענגטקייט פילט זיך אין קלאס.

אָט קלינגט דאָס גלעקל איבערן קאָרידאָר.

גרעטע און הילדע גייען, האלטנדיק זיך פעסט ארומגענומען, איבערן הויף. זיי ריידן צווישן זיך זייער שטיל.

— ... ווען האָבן זיי אים גענומען...?
— אייערנעכטן... אויך אין אָראַניענבורג.
— אין קאָנצלאַגער?!
הילדע גיט א שאָקל און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ.
די מיידלעך גייען לאַנגזאַם איבערן הויף. עס איז צו קאַלט צו שטיין.
— דו, הילדע?
הילדע קוקט אָן איר כאַווערטע. הילדע דריקט איר איר האַנט און שעפּטשעט:
— היינט נאָכמיטיק... וועלן מיר מאַכן פלוגבלעטער... וועגן דער שול-שפּייזונג און הייצונג... די געשיכטע מיטן בילד וועט דאָרטן אויך זיין...
הילדע בלייבט פּלוצלינג שטיין. טרערן שטייען אין אירע אויגן. שנעל ווישט זי זיך אָפּ די נאָז.
— וואָס איז...?
— איך קאָן ניט גיין אהיים... מיין מאַמאַ איז ניט אין דער היים...
א פּאַוזע.
פאַרביי זיי לויפט דער שטראָם שרייענדיקע און לאַכנדיקע מיידלעך.
— זי ראַמט אויף... בא מיין פעטער.
די טרערן רייסן זיך ארויס.
— ס'איז דאָך ניט קיין שאַנדע, מענטש... מיין מוטער טראָגט פאַנאַנדער צייטונגען... מוז זי זייער פרי אופשטיין... פיר אזייגער, ווען עס איז נאָך גאָר פינצטער...
גרעטע קוקט זיך ארום, דער הויף איז שוין קימאַט ליידיק. דאָרטן לויפן די לעצטע צום אריינגאַנג.
אָן אָטעם קומען זיי ביידע אין קלאַס אריין.
— ארויסנעמען די העפטן...!
הילדע רוקט אריין די הענט אין פּאַרטע. איבער איר פּאָרטפעל ליגט א פעקל. אפשר'ער נעמט זי ארויס די העפט.
אין דער צייט פון דער לעקציע וויקלט זי פּאָרזיכטיק פאַנאַנדער דאָס פעקל אונטערן טיש: אַן עפּל מיט צוויי פּוטערברויטן.

עס לויפט איר דורך א ווארעמער שטראָם: איך בין דאָ ניט אליין.

זי וואָלט וועלן וויסן, ווער האָט דאָס אוועקגעלייגט. דאָס איז ניט גרעטע.

שנעל גייען דורך די איבעריקע לעקציעס, ביז עס קלינגט, ענדלעך, דאָס לעצטע מאָל.

די מיידלעך לויפן פון קלאַס, די ראנצעס ארופגעוואָרפן אפן רוקן, די מאנטלען און קעפּקעס ווערן ארונטערגעריסן פון הענגער. גרופּעס פון צוויי און דריי כאווערטעס איילן זיך די טרעפּ אראָפּ. לערער שפּאנען ערנסט פארביי. א פּאָר עלטערע מיידלעך גליטשן זיך אראָפּ איבער די פּאָרענטשעס.

הילדע זאָגט צו גרעטען:

— איך גיי מיט דיר!

גרעטע קוקט זי אָן. ביידע שמייכלען. זיי זיינען גליקלעך.

די טרעפּ ווערן ליידיק.

די אופראמערנס קומען מיט בעזעמס און עמערס.

דער אלטער שול-דינער פארשליסט דעם טויער.

װאלטער שענשטעדט

אין דער בײַדלעך־קאָלאָניע

אין איינעם א פרימאָרגן האָבן זיך לאסט-אױטאָמאָבילן געטראָגן איבער דער לאנדסבערגער אליי. אפן ערשטן אױטאָמאָביל זײַנען געזעסן הילפּ-פּאָליציאַנטן, אפן לעצטן — די גרינע פּאָליציי. די אױטאָמאָבילן האָבן באגלייט מאָטאָציקלעטן מיט די „שװארצע הוזארן“. אין דער מיט פון דער קאָלאָנע איז געפאָרן אין א לײַכטן אױטאָמאָביל דער הער פאָן־לעװעצאָװ, דער פּאָליציי-פּרעזידענט פון בערלין.

די אױטאָמאָבילן האָבן זיך לאנגזאם פארקערעװעט אין דער מייגלעקכען־שטראסע און האָבן ארומגערינגלט די בײַדלעך־קאָלאָניע.

לעם פאָן־לעװעצאָװ איז געזעסן א קרעפּטיקער ציװיל געקליידטער יונגערמאן פון דער קאָמאנדע פאר ספּעציעלע אופטראָגן. ער האָט געהאלטן א פּלאן אפ די קני און האָט עפּעס געװיזן זײַן שאָכן. דער דאָזיקער יונגערמאן האָט אופגעהױבן די האנט, געבנדיק א צייכן אָנצוהייבן די אונטערזוכונג אין דער בײַדלעך-קאָלאָניע.

אלבערט האָט געהאלטן זײַן רעװאָלװער אין דער האנט. מיט נאָך פיר יונגע הילפּ־פּאָליציאַנטן איז ער אריבערגעקראָכן איבער א בידעריקן פּארקאן. זיי זײַנען אװעק איבער א ברייטער בייט קרױט. די קרױט איז נאָך געװען יונג, אירע שטענגלעך זײַנען געװען העלגרינע.

פאר א שװארצן בײַדל, צונױפגעשלאָגן פון ברעטער, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. א פענצטער אין בײַדל איז געװען פארהאנגען מיט א טונקעלער דעקע, אונטער דעם קרומען דאך איז געהאנגען א בלעכן שילד מיט דער אופשריפט: „פרידעס רו“.

איבערן דאך האָט זיך געקרײַזלט פון א שװארצער רער ארױס

א בלויליכער רויך. עס האָט געשמעקט מיט פארברענטער סמאָלע־האָלץ, דזעגעכץ און מיסט.

הינטערן ביידל האָט א נידעריקער דראָט אָפּגעטיילט דעם ערד־פּלאַץ פון דעם צווייטן, ווו פּאר א געל הילצערן הייזל אפ א שטיי־נערנעם פונדאמענט זיינען געשטאנען א פּאָר פּאָליציאנטן און מיט די רעוואָלווערן געקלאפּט אין פענצטער־לאָדן.

אלבערט האָט אויסגעשריגן:

— האלאָ, עפענען!

אים איז אופגעפאלן, ווי מיד עס האָט געקלונגען זיין שטים.

האסטיק האָט זיך אן עפן געטאָן די קרומע טיר. א פרוי האָט מיט רעציכע א געשריי געטאָן:

— וואָס איז געשען?

זי האָט זיך דערשראָקן, דערזעענדיק די מונדירן, אירע האָר האָבן זיך לאנגזאם פאנאנדערגעלאָזן פונעם שוואכן קנויל. זי איז שנעל ארײַן צוריק אין ביידל, נאָך איר זיינען נאָכגעגאנגען אלבערט און דרײַ הילפ־פּאָליציאנטן. איינער איז געבליבן שטיין פון דרויסן.

אינווייניק איז געווען טונקל, ערשט ביסלעכווייז האָבן זיי דערזען די קאָנטורן פון דער פרוי און פון א מאן. זיי האָבן דערשפּירט די שווערע ווארעמקייט פון די בעטן, א קינד האָט נאָכאנאנד געשריגן, קימאט אזוי, ווי עס וואָלט געווען לוסטיק: „בעבע... בעבע...“

אלבערט האָט געזאָגט:

— מיר מוזן דאָ אלץ אונטערזוכן. די גאנצע קאָלאָניע איז ארומגערינגלט. ציינדט אָן פײַער, אָבער א ביסל שנעלער.

— אך, גראָד בא אונדז, דאָ אין רויקן ווינקל, און אזוי פרי! — האָט באשיידן געענטפערט דער מאן.

— ווען מיר זיינען אינגאנצן אומפּאָליטיש! — האָט צוגעגעבן די פרוי. — מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגן פּאָליטיק, קיינמאָל ניט, זאָג איך אײַך. מײַן גאָט!

זי האָט אראָפּגענומען די דעקע פונעם פענצטער, א ניט־זיכערע שײַן איז ארײַנגעדרונגען אין צימער ארײַן. דרויסן, הינטער דעם פענצטער, איז דער שאָטן פונעם ביידל געלעגן אין א טונקל־גרינער בייט רעטערלעך.

אז עס איז געוואָרן ליכטיקער, איז דער מאַן געוואָרן רויִקער. דאָס קינד האָט, שפּילנדיק זיך, אויפגעהויבן זײַנע צאַרטע ראָזע פּיס־לעך אין דער הייך און געשמייכלט. די פרוי האָט אַ קוק געטאָן אַף דער אָפענער בעט, אין וועלכער זי איז געשלאָפן מיטן מאַן, און האָט זי צוגעדעקט. דאָס איז געווען אַן אײַזערן בעטל, אַ שמאָלע און אַ נידעריקע, מיט זויבערע בלוי־ווײַס געקעסטלטע דעקעס.

אַ הילף־פּאָליציאַנט האָט צוערשט געזוכט אין דער דאָזיקער בעט. ער האָט צונויפגעוואָרפן די דעקעס און באַטאַפּט דעם מאַטראַץ. ווען ער האָט אײַנגעגראָבן די פויסטן אין מאַטראַץ, האָבן געסקריפּעט די פעדערן. דערנאָך האָט ער אָפּגערוקט די בעט פון דער וואַנט. זי איז געווען לײַכט, ווי אַ וויג. אָבער אונטער דער בעט איז בלויז געלעגן אַ הײַפל טרוקענע שײַטן פון פאַרגאַנגענעם יאָר.

דאָס קינד איז געלעגן אין אַ קאַסטן, אַף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבן „Corned Beef‟. זי איז געווען ביז העלפט אָנגעפילט מיט ווײַסע טרוקענע סטרוזשקעס. אויך אינעם קאַסטן פונעם קינד איז ניט געלעגן קיין שום פאַרדעכטיקע זאַך. אַפן טיש זײַנען געשטאַנען צוויי קאַווע־טעפּלעך. אין איינעם איז נאָך געווען אַ ביסל טונ־קעלע קאַווע.

דער געלבלעכער קיך-אַלמער איז געווען קימאַט ליידיק. צווישן די טעלער זײַנען געלעגן רעכענונגען, די קוויטונגס־קאַרטע פון דעם מאַן און זײַן צײַגעניש פונעם אַרבעט-אַמט.

אַלבערט האָט זיך אַף די הענט אַרונטערגעצויגן אונטערן דאַך. איבערן באַלקן זײַנען געלעגן אַ פּאָר פאַרשטויבטע ברעטער, אַ קליי־נער לײַוונטענער בײַטל מיט פאַרשיידענע זריע און אַ פלאַכע צי־גאַרן-שאַכטל מיט טשוועקעס.

— דאָ איז גאָרנישט ניטאָ, — האָט פעסטגעשטעלט אַלבערט, ווען ער האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן צוריק, — מיר וועלן ווײַטער זוכן אין דרויסן.

זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן אין גאָרטן. אין דרײַ ערטער האָבן זיי אויסגעגראָבן לעכער אין דער שוואַרצער ערד. זיי האָבן מיט זייערע שווערע שטיוול צעטראָטן פלאַנצן, זיי האָבן אַרויסגעריסן פון דער ערד אַ פעסל, וואָס איז צעפאַלן געוואָרן, ווי אַ קאָרטן-הײַזל.

אײנער פון זײ האָט אויסגעגראָבן א טיפע גרוב, ווײַל ער האָט זיך אָנגעשטויסן אפ א גרויסן שטײן. אונטערן שטײן האָט זיך באַוויזן ברוינע זשוויר, אפ וועלכער עס איז צום ערשטן מאָל געפאלן טאָגשײַן. אין אן אנדער אָרט האָבן זײ געפונען אן אלטן רעוואָלווער, וואָס מע האָט אים קוים געקאָנט דערקענען: אזוי ווײַט איז ער געווען פאַרזשאווערט. ער איז געווען שווער. א הילפ־פאָליציַאנט האָט אים מיט פאַרדראָס א וואָרפ געטאָן אפן בערגל מיסט לעם פאַרקאַן.

די פרוי איז געשטאנען אָנגעשפאַרט באַם הײַזל. זי האָט ניט געוויינט. איר פּאָנעם איז געווען שאַר און אײַנגעפאלן. זי האָט געקוקט אפ דער ערד, וואָס די מענער האָבן אופגעגראָבן. זי האָט זיך אײַנגעהאלטן. איר מאַן אָבער האָט קעסיידער געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און איז געלאָפן הין און צוריק איבער דער שמאָלער סטעזשקע. אײן מאָל איז ער געבליבן שטײן און געזאָגט שווער און פײַערלעך:

— אויב איך צעשטער דאָס לעצטע בא די אָרעמע, קאָנט איר ניט זײַן די פרײַנט פונעם פאָלק. אזוינס טוען נאָר שעדיקער!

דאַן האָט ער פאַר שרעק פאַרדרייט דאָס מויל, דאָס געזיכט איז אים געוואָרן בלאַס, ער איז האסטיק אוועקגעלאָפן ווײַטער און האָט פאָרזיכטיק זיך אומגעדרייט ערשט באַם סאָפ פון וועג.

בלויז אלבערט האָט פאַרשטאנען זײַנע ווערטער. זײ האָבן אים געקלונגען, ווי א בייזע קלאָלע. ער האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט, ווײַל ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אז דער מענטש האָט זיך דעם גאנצן פרילינג געמאַטערט אין גערטנדל, קעדיי אין הארבסט צו באַקומען א פאָר קאַרטאָפל און עטלעכע קעפּלעך קרויט. ער האָט געזען, ווי דער באָדן ווערט אופגעגראָבן אויך אין די איבעריקע גערטנדלעך, נאָך דעם, ווי מע האָט אונטערגעזוכט די הײַזקעס.

דער געדאַנק, אז אויך אונטער קרויט־פלאַנצונגען קאָנען זײַן באהאלטן געווער און קאָמוניסטישע פלוג־בלעטלעך, וואָס רייצן אופן דאָס פאָלק,—דער דאָזיקער געדאַנק איז אײגנטלעך געווען א מעשוגענער. דער דאָזיקער נעבעכדיקער אופגערעגטער מענטש איז דאָך ניט געווען קײן קאָמוניסט, אזוי זעען ניט אויס קײן קאָמוניסטן, וואָס באהאלטן געווער. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אן

אָפּגעלאָזענעם, פאַרטריבענעם דאָרפישן גאַלעך. מיט זײַן קליינעם בײַכל, מיט די אָפּגעריבענע שוואַרצע קליידער און דעם אומזיניקן מורמלען. עפשער איז ער גאָר געווען א מיטגליד פון אוועלכער ניט־איז מעשוגענער רעליגיעזער סעקטע.

מיטאמאָל האָט זיך דער מאַן אוועקגעשטעלט פאַר אַלבערטן, האָט געמאַכט עטלעכע קאָמישע קני־באַוועגונגען. נאָכדעם האָט זיך זײַן מויל פאַרמאַכט, און אַלבערט האָט דערהערט צייג־קריצעניש. די אויגן זײַנע, אין וועלכע דער ווײַסל איז אַלץ גרעסער געוואָרן, זײַנען געווען בייז. אַלבערטן זײַנען די דאָזיקע אויגן פאָרגעקומען עקלהאַפט. אין דאָרף, אין דער זומער־קאָלאָניע פון דער שול, האָט ער איינמאָל געזען, ווי מע קוילעט א קאַלב. דאָס קאַלב האָט אויך געהאַט אַזעלכע אויגן, ווי עס וואָלט געוואָלט שטאַרבנדיק נאָכאַמאָל דערשרעקן דעם מענטשן.

דער מענטש האָט אָנגעהויבן ציטערן, זײַנע אויגן זײַנען געוואָרן קלענער, אין די מויל־ווינקלען האָט זיך באַוויזן שפּײַעכץ. ער איז צוגעגאַנגען נאָך נעענטער צו אַלבערטן און האָט געזאָגט מיט א מוירעדיק מאָנאָטאָנער שטימע:

— אַזוי האָבן מיר אין פראַנקרײַך פאַרוויסטעט די פעלדער. דאָרטן האָבן מיר צעטראָטן פלאַנצן, צווישן וועלכע אונדזערע כאַווייריים פלעגן דערהאַרגעט ווערן. דעמלט איז געווען מילכאָמע, און איצט איז שאָלעם. איך האָב אין דער מילכאָמע געהאַט א גאַז־פאַרגיפטונג, איך האָב פאַר מײַן פאָטערלאַנד אײַנגעשלונגען א סאַך גאַז, כדי אונדזערע פעלדער זאָלן ניט צעטראָטן ווערן. און איצט קומט איר. איך האָב אײַך קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן, אָבער איר זײַט, ווי פּעסט!

אַלבערט איז אופגעציטערט געוואָרן. איצט איז קיין אַנדער זאַך ניט געבליבן, ווי אַרעסטירן דעם מאַן. נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט ער אים געמוזט אַרעסטירן. ער האָט אופגעהויבן די האַנט — אין דעם מאָמענט איז דער מענטש שטיף אומגעפאַלן.

אַפּנשוועל פון דער הײַזקע האָט די פרוי א געשריי געטאָן. מיט צעלאָזענע האָר איז זי צוגעלאָפן, אָנגעקוקט אַלבערטן מיט א דראָונג, האָט זיך געשטעלט אַפ די קני בא דעם קערפּער פון איר מאַן און געיאָמערט:

— ער איז שווער פאַרוווּנדעט אַף דער מילכאָמע, ער רעגט זיך אוף באַ יעדער קלייניקייט — וואָס האָט איר דאָ מיט אים געטאָן! גוסטאַוו, גוסטאַוו, וואָס איז מיט דיר?

אַלבערט האָט געבראַכט וואַסער פונעם אײַזערנעם ברונעם. אַז ער האָט דערלאַנגט דאָס וואַסער דער פרוי, האָט ער ווידער דערזען די ווײַסע, אויפגעריסענע אויגן פונעם מאַן. צוזאַמען מיט דער פרוי האָט ער אַריבערגעשלעפּט דעם אָנמעכטיקן אין דער הײַזקע. אַפּנ מויל באַ אים זײַנען געהאַנגען לאַנגע גרינע שוים־פּעדעם, וואָס האָבן זיך געקלעפּט צו אַלבערטס שטיוול.

דערנאָך איז אַלבערט אַוועק מעלדן וועגן דער דערפּאָלגלאָזער הויז־זוכונג אין בודע „פּרידעס רו" און וועגן דעם האַלב מעשוגענעם, וואָס איז געפאַלן אין אָנמאַכט.

אַף אַ לאַסט־אויטאָמאָביל זײַנען געלעגן אַ פּאָר העק, אַ קליינ־קאַליבערדיק ביקסל און אַ קורצע וואַסער־קישקע אַן אָנגעפּילטע מיט זאַמד. קיין פלוג־בלעטער האָט מען ניט געפונען.

— פאַרוואָס קאָנפיסקירט מען די העק, — האָט אַלבערט געפרעגט באַ זײַנעם אַ כאַווער.

יענער האָט צוערשט, ניט פאַרשטייענדיק, אָנגעקוקט אַלבערטן, ווי ער וואָלט זיך גאָרוואָס פאַרטראַכט איבער עפּעס, דערנאָך האָט ער געזאָגט: „העק? מיט אַ האַק קאָן מען דיר זייער גוט פּלעטן דעם מויעך".

אַלבערט האָט ניט צוגענומען די האַק באַ דעם מענטשן, וואָס איז געפאַלן אין כאַלאָשעס. אים איז גאָרניט אײַנגעפאַלן אַפילע, אַז יענער קאָן אים דערמיט פּלעטן דעם מויעך.

אַף איינעם פון די אויטאָמאָבילן איז געשטאַנען אַ גרויער קוילן־וואַרפער, אָנגעצילט אַף דער קאָלאָניע.

אַלבערט האָט זיך דערמאָנט אַ בילד פון דער פויערים־קריג, ווי מענער און פרויען זײַנען אַרויס קעגן זייערע פײַניקער מיט קאָסעס און היי־גאָפּלען.

„אָבער יענע זײַנען דעמאָלט געראָכטן געווען!" האָט ער געזאָגט אַפּנ קאָל.

זײַנע כאַוועריהאָט זיך מעשוגענערווײַז צעלאַכט און האָט אַ פרעג געטאָן:

— דיר כאָלעמט זיך עפּעס, מענטש אײנער?

די אויטאָמאָבילן זײַנען אוועקגעפאָרן צוריק, די „שוואַרצע הו־זאַרן” אין דער שפּיץ און פאָן־לעוועצאָוס אויטאָמאָביל אינדער־מיטן.

אפן ערשטן אויטאָמאָביל זײַנען געזעסן אַ פּאָר אַרעסטירטע מענער—די אײגנטימער פון די העק.

אינהאלט

זייט

אנדאָר גאבאָר. אינ וועלדל אינ אָווגט 3

ס. גלעז. אינ דער איבערגאנג־צייט 13

פ. צ. ווייסקאָפּ. די שטארקערע 43

א בריוו . . . . —

דאָס דערשאָסענע שווייגנ 48

דער לעצטער ווונטש 50

די שטריק 51

„אונדז קאָנ קיינער” 52

די רויטע טוכ 54

פראנצ שניטער. העלדנ־טויט אונ הענקער־טויט 56

אנדאָר גאבאָר. דער יאָנטעוו פונ אופהייבנ די פאָנ 60

ס. גלעז. די אָפּשטאמונג 72

אנדאָר גאבאָר. דער מונדיר 103

וואלטער שענשטעדט. די פרוי אפנ גרויסנ פראָנט 109

געאָרג גלאזער. דער נומער 1 פונ דער „רויטער פאבריק” 113

רודאָלף וויטענבערג. דער טשוואָק 132

וואלטער שענשטעדט. אינ דער ביידלעכ־קאָלאָניע 141